STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08796

AZOY HOT GEREDT ZARATUSTRA

Friedrich Wilhelm Nietzsche

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פריעדריך ניטשע: אַזוי האָט גערעדט זאראטוסטרא, איבערזעצט פון דייטש דורך

דר. ח. זשיטלאָווסקי

פריעדריך ניטשע

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ

אַ בוך פאַר אַלעמען און קיינעם ניט

אַרויסגעגעבען פון פערלאַג „אידיש"
1919 ניו־יאָרק תרע"ט

Copyright 1919
By
JEWISH BOOK AGENCY, Inc.

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ

ערשטער טייל

זאראטוסטרא'ס הקדמה

1.

ווען זאראטוסטרא איז אלט געווען דרייסיג יאָהר, האָט ער פארלאָזען זיין היים־געבירט און די אָזיערע פון זיין היים־געבירט און איז אוועק אין די בערג. דאָרטען האָט ער הנאה געהאָט פון זיין גייסט און פון זיין התבודדות און צעהן יאָהר נאָכאנאנד האָט איהם זיין גליק ניט מיעד געמאכט. צום סוף אָבער האָט זיך זיין הארץ געביטען, — און אין איין פריהמאָרגען איז ער אויפגעשטאנען מיט דער מאָרגען־רויט, האָט זיך אוועקגעשטעלט פאר דער זון און האָט צו איהר אזוי געזאָגט:

„דו גרויסער שטערן! וואָס וואָלט ווערט געווען דיין גליק, אויב דו וואָלסט ניט געהאָט, פאר וועמען דו שיינסט!

צעהן יאָהר פלעגסט דו ארויף קומען דאָ צו מיין הייהל: דו וואָלסט זיך איבערגעזעטיגט מיט דיין ליכט און מיט דיין וועג, אָהן מיך, אָהן מיין אָדלער און אָהן מיין שלאנג.

אָבער מיר פלעגען ווארטען אויף דיר יעדען פריהמאָרגען, פלעגען אוועקנעהמען ביי דיר דיין שפע און פלעגען דיך בענשען דערפאר.

זעה! מיין קלוגשאפט איז מיר געוואָרען איבערדריסיג, ווי די בין, וואָס האָט צופיעל האָניג געזאמעלט; איך דארף האָבען הענט, וואָס זאָלען זיך אויסשטרעקען.

מיר ווילט זיך פארשענקען און פאנאנדערטיילען, ביז די קלוגשאפענע צווישען די מענשען וועלען ווידער דערפרעהט ווערען פון זייער נארישקייט, און די אָרעמע פון זייער רייכקייט.

צוליעב דעם מוז איך אראָבשטייגען אין דער טיעף: אָט ווי דו טוסט דאָס אלע פארנאכט, בשעת דו געהסט אוועק הינטער'ן ים און ברענגסט ליכטיגקייט צו דער אונטערוועלט, דו איבער־רייכער שטערן!

איך מוז, צו דיר געגליכען, א ו נ ט ע ר ג ע ה ן, ווי דאָס רופען די מענשען וואָס צו זיי וויל איך אראָב.

איז — בענש דאָך מיך, דו רוהיג אויג, וואָס קאָן אָהן קנאה קוקען אפילו אויף א צו־גרויסען גליק.

בענש דעם בעכער, וואָס האלט ביים אריבערגיסען, אז דאָס וואסער זאָל גאָלדיג פליסען פון איהם און אומעטום ברענגען דעם אָפּגלאַנץ פון דיין שטראַהלענדער פרייד.

זעה, דער בעכער וויל ווידער ווערען ליידיג און זאראטוסטרא וויל ווידער ווערען מענש."

— אזוי האָט זיך אָנגעהויבען זאראטוסטרא'ס אונטערגאנג.

* *
*

2

זאראטוסטרא האָט גענידערט אליין פון די בערג און קיינעם האָט ער ניט באגעגענט. נאָר ווען ער איז אריין אין וואלד, איז פלוצלונג א זקן געשטאנען פאר איהם, וואָס האָט זיין הייליגע ביידעל פארלאָזען, כדי צו זוכען וואָרצלען אין וואלד. און אזוי האָט דער זקן גערעדט צו זאראטוסטרא:

„ניט פרעמד איז מיר דער וואנדערער: מיט עטליכע יאָהר צוריק איז ער דאָ געגאנגען פארביי. אָבער ער האָט זיך געביטען. דעמאָלט האָסטו געטראָגען דיין אש אויף דעם בארג: ווילסטו איצטער טראָגען דיין פייער אין די טאָלען? האָסטו דען קיין מורא ניט פאר דער שטראָף, וואָס קומט דעם אונטערצינדער?

יע, איך דערקען זאראטוסטרא'ן. ריין איז זיין אויג און ארום זיינע ליפען בעהאלט זיך ניט קיין עקעל. געהט ער ניט ארום ווי ער וואלט געטאנצט?

געביטען האָט זיך זאראטוסטרא, א קינד איז געוואָרען זא־ראטוסטרא, אן אויפגעוואכטער איז שוין זאראטוסטרא: וואָס ווילסטו דען צווישען די שלאָפענדע?

ווי אין א ים האָסטו געלעבט אין דיין איינזאמקייט, און דער ים האָט דיך געטראָגען. וועה, דו ווילסט ווידער אויף דער יבשה? וועה, דו ווילסט ווידער אליין שלעפען דיין ליב?"

האָט זאַראַטוסטראַ געענטפערט דערויף: „איך האָב האָלד די מענשען".

„פאַר וואָס דען בין איך", האָט דער הייליגער געזאָגט, „אַוועק אין מדבר און וואַלד, אויב ניט דערפאַר, ווייל איך האָב די מענשען צו פיעל ליעב געהאַט?

איצטער ליעב איך נאָר גאָט: די מענשען ליעב איך ניט מעהר. דער מענש איז פאַר מיר אַ צו ניט קיין פולקומע זאַך. די ליעבע צום מענשען וואָלט פון מיר געמאַכט אַ תל".

האָט זאַראַטוסטראַ געענטפערט: „וואָס האָב איך דאָ גע־רעדט וועגען ליעבע! איך ברענג גאָר די מענשען אַ מתנה."

„ניט גיב זיי גאָרנישט", האָט געזאָגט דער הייליגער. „נעם עפּעס בעסער אַראָפּ פון זיי און העלף דאָס זיי טראָגען — דאָס איז די בעסטע טובה פאַר זיי, אויב ס'איז נאָר אַ טובה פאַר דיר. און אויב דו ווילסט שוין עפּעס געבען, איז — גיעב זיי ניט מעהר ווי אַ נדבה און לאָז זיי נאָך פריהער זי אויסבעטלען ביי דיר!"

„ניין", האָט געענטפערט זאַראַטוסטראַ. „איך גיב ניט קיין נדבות. דערצו בין איך ניט גענוג אָרעם."

דער הייליגער האָט זיך פאַנאַנדער געלאַכט פון זאַראַטוסטראַ'ס רייד און האָט געזאָגט: „איז — זעה, אַז זיי זאָלען אָננעמען דיינע אוצרות. זיי זיינען פול מיט חשד אַנטקעגען די מתבודדים און זיי גלויבען ניט, אַז מיר קומען, כדי עפּעס צו שענקען.

אונזערע שריט קלינגען צו איינזאַם פאַר זיי דורך די גאַסען. אַט ווי אין דער נאַכט, ווען זיי הערען אין זייערע בעטען, אַז אַ מאַן געהט אַרום, לאַנג איידער די זון שטעהט אויף, און זיי פרעגען זיך אַליין: וואוהין געהט דאָס דער גנב?

געה ניט צו די מענשען און בלייב דאָ אין וואַלד! געה בע־סער צו די חיות. פאַרוואָס ווילסטו ניט זיין ווי איך, — אַ בער צווישען בערען, אַ פויגעל צווישען פויגלען?"

„און וואָס טוט דער הייליגער טאָן דאָ אין וואַלד?" האָט געפרעגט זאַראַטוסטראַ.

און דער הייליגער האָט געענטפערט: „ליעדער בעשאַף איך און זינג זיי. און בשעת איך בעשאַף מיינע ליעדער, טו איך לאַכען און וויינען און ברומען: אַט אזוי טו איך לויבען מיין גאָט.

מיט זינגען און וויינען און לאַכען און ברומען לויב איך דעם גאָט, וואָס איז מיין גאָט. נאָר — זאָג מיר: וואָס ברענגסטו אונז פאַר אַ מתנה?“

ווען זאַראַטוסטראַ האָט דערהערט די רייד, האָט ער זיך גע־נויגט פאַר דעם הייליגען און האָט געזאָגט: „וואָס וואָלט איך אייך געקאָנט געבען! לאָזט מיך וואָס גיכער אַוועקגעהן פון דאַנען, איך זאָל נאָך עפּעס ניט נעמען ביי אייך“. — און אזוי האָבען זיי זיך צוזעגענט איינער מיט דעם אַנדערן, — דער זקן און דער מאַן. — לאַכענדיג, גלייך ווי צוויי קליינע אינגלעך.

נאָר ווען זאַראַטוסטראַ איז געבליבען אַליין, האָט ער אזוי גערעדט אין זיין הארצען צו זיך: „זאָל דאָס גאָר מעגליך זיין! אַט דער אַלטער הייליגער האָט נאָך גאָרנישט געהערט אין זיין וואַלד, אַז ג אָ ט א י ז ג ע ש ט אָ ר ב ע ן!“

* *
*

3.

ווען זאַראַטוסטראַ איז געקומען אין דער נאָהענטסטער שטאָט וואָס הינטער די וועלדער, האָט ער דאָרטען געפונען אַ סך פאָלק פאַרזאַמעלט אויפ׳ן מאַרק. ווייל מען האָט געלאָזט וויסען, אַז אַ שטריק־טאַנצער וועט טאַנצען אויף אַ שטריק. און זאַראַטוס־טראַ האָט גערעדט צו דעם פאָלק, אזוי צו זאָגען:

א י ך ל ע ר ן א י י ך ד ע ם א ו י ב ע ר ־ מ ע נ ש.

אַ מענש איז עפּעס אַזוינס, וואָס מען דאַרף אריבערשטייגען. וואָס האָט איהר געטאָן, כדי אריבערצושטייגען דעם מענשען?

יעדער בעשאַף ביז אהער האָט ארויסבעשאַפען עפּעס, וואָס איז איבער איהם. ווילט איהר דען זיין דער אָבפלוס פון יענעם

גרויסען געוויסער און ליבערשט געהן צו דער חיה צוריק, איידער דעם מענשען אריבערשטייגען?

וואס איז דער אף פאר דעם מענשען? א געלעכטער אדער א שמערצליכע שאנד. און פונקט דאס אייגענע זאל דער מענש זיין פאר דעם אויבער־מענש: א געלעכטער אדער א שמערצליכע שאנד.

איהר האט דורכגעמאכט דעם וועג פון דעם ווארים ביז צום מענשען און א סך אין אייך איז נאך ווארים. אמאל זייט איהר געוועזען אפען, און נאך עד־היום איז דער מענש מעהר אף, איידער ווער פון די אפען.

אפילו דער קלוגשאפענסטער פון אייך, איז אויך נאך א צוויי־געשטאלט און א צוויי־געמיש פון א פלאנץ און א רוח. אבער הייס איך דען אייך, איהר זאלט ווערען געשפענסטער אדער פלאנצען?

זעהט, איך לערען אייך דעם אויבער־מענש.

דער אויבער־מענש איז דער זין פון דער ערד. אייער ווילען דארף זאגען: דער אויבער־מענש ז א ל ז י י ן דער זין פון דער ערד!

איך באשווער אייך, מיינע ברידער, ב ל י י ב ט ט ר י י ד ע ר ע ר ד, און גלויבט ניט אין יענע, וואס רעדען צו אייך וועגען איבער־ערדישע האפענונגען! דאס זיינען גיפט־מישער. צי זיי ווייסען עס, אדער ניט.

זיי פאראכטען דאס לעבען, נוטה־למות'ע זיינען זיי. וואס האבען זיך גופא פאר'סם'ט, און וואס פון זיי איז מיעד געווארען די ערד: זאל זיין א סוף צו זיי!

אמאל איז די לעסטערונג אנטקעגען גאט געווען די גרעסטע לעסטערונג. אבער גאט איז געשטארבען און מיט איהם זיינען אויך טויט יענע לעסטערער. לעסטערען אנטקעגען דער ערד איז איצטער די שרעקליכסטע זינד. ווי אויך צו שעצען די אינגעווייד פון דעם אומדערפארשבארען העכער, איידער דעם זין פון דער ערד.

אמאל האט די נשמה מיט בטול געקוקט אויף דעם גוף, און דעמאלט איז יענער בטול געוועזען דאס העכסטע: זי האט געוואלט

איהם האָבען אַ מאַגערען, אַ מיאוס'ען, אַ פאַרהונגערטען. אַזוי האָט זי געהאָפט צו אַנטפליהען פון דעם גוף און פון דער ערד.

אָה, יענע נשמה איז אַליין נאָך געווען אַ מאַגערע, אַ מיאוס'ע און אַ פאַרהונגערטע. אַכזריות איז געוועזען דער תענוג פאַר יענער נשמה!

אָבער אויך איצטער, איהר, מיינע ברידער, זאָגט מיר נאָר: וואָס טוט דער גוף אייערער דערצעהלען וועגען אייער נשמה? איז ניט אייער נשמה לויטער אָרעמקייט און שמוץ און דלפנ'ישע צופרידענקייט מיט זיך גופא.

באמת, אַ שמוציגער שטראָם איז דער מענש. מען דאַרף זיין אַ ים, כדי קאָנען אריינגעמען אַ שמוציגען שטראָם און אַליין ניט ווערען אומריין.

זעהט. איך לערען אייך דעם אויבער־מענש: אָט ער איז יענער ים. אין איהם קאָן אייער גרויסע פאַראַכטונג פאַרטרונקען ווערען.

וואָס איז דאָס גרעסטע, וואָס איהר קאָנט דערלעבען? דאָס איז די שעה פון דער גרויסער פאַראַכטונג. די שעה. וואָס אין איהר ווערט אייך נמאס אפילו אייער גליק און עס ווערט אייך נמאס אייער שכל און אייער טוגענד.

די שעה, ווען איהר זאָגט: „וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט מיין גליק! ער איז אָרעמקייט און שמוץ און דלפנ'ישע צופרידענקייט מיט זיך גופא, בעת מיין גליק דאַרף גערעכטפערטיגען די גאַנצע מציאות פון דער וועלט".

די שעה, ווען איהר זאָגט: „וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט מיין שכל! הונגערט ער נאָך וויסען, ווי דער לייב נאָך שפייז? ער איז אָרעמקייט און שמוץ און אַ דלפנ'ישע צופרידענקייט מיט זיך גופא".

די שעה, ווען איהר זאָגט: „וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט מיין טוגענד! האָט זי מיך ווען ארויסגעבראַכט פון די כלים? ווי מיעד איך בין פון מיין גוטס און פון מיין שלעכטס! דאָס

אלץ איז אָרעמקייט און שמוץ און א דלפנ׳ישע צופרידענקייט מיט זיך גופא".

די שעה, ווען איהר זאָגט: „וואָס פאר א באַטרעף האָט מיין יושר! איך זעה ניט, איך זאָל זיין קוילען און גלוט. אָבער דער גערעכטער איז קוילען און גלוט!"

די שעה, ווען איהר זאָגט: „וואָס פאר א באַטרעף האָט מיין רחמנות! איז דען ניט רחמנות דער צלם, אויף וועלכען עס ווערט צוגעשלאָגען יענער, וואָס האָט ליעב די מענשען? אָבער מיין רחמנות איז ניט קיין מסירת־נפש אויף׳ן צלם".

האָט איהר שוין ווען גערעדט אזוי? האָט איהר שוין ווען אזוי געשריען? אַך, איך וואָלט שוין וועלען אמאָל הערען אייך שרייען אזוי!

ניט אייערע זינד — אייער הסתפקות־במועט טוט שרייען צום הימעל, אייער קמצנות אפילו אין אייערע זינד טוט שרייען צום הימעל!

וואו איז דאָך דער בליץ, וואָס זאָל אייך א לעק טאָן מיט זיין צונג? וואו איז דער טירוף, וואָס דאַרף אייך צוגעשטעלט ווערען, ווי פּאָקען?

זעהט, איך לערען אייך דעם אויבער־מענש: ער איז יענער בליץ, ער איז יענער טירוף! —

ווען זאַראַטוסטרא האָט דאָס אלץ גערעדט, האָט איינער פון דעם פאָלק ארויסגעשריען: „מיר האָבען דעם שטריק־טענצער שוין גענוג געהערט; לאָמיר אָקאָרשט איהם זעהן!" און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געלאַכט פון זאַראַטוסטרא׳ן. נאָר דעם שטריק־טענצער האָט זיך געדוכט, אז דאָס מיינט מען איהם, און ער האָט זיך גע־נומען פאר זיין ארבייט.

* * *

4.

זאראטוסטרא אָבער האָט אָנגעבליקט דאָס פאָלק און האָט זיך גע׳חדוש׳ט. דערנאָך האָט ער אזוי גערעדט:

דער מענש איז א שטריק, געצויגען צווישען חיה און אויבער־מענש, — א שטריק איבער א תהום.

א געפעהרליכער „אריבער״, א געפעהרליכער „אויפ׳ן־וועג״, א געפעהרליכער בליקען־צוריק, א געפעהרליכער שוידערען און בלייבען־שטעהן.

דאָס גרויסע אין דעם מענשען איז וואָס ער איז א בריק און ניט קיין ציעל. געליעבט קאָן נאָר ווערען אין דעם מענשען וואָס ער איז אן אריבער־גאַנג און אן אונטערגאַנג.

איך ליעב יענע, וואָס קאָנען ניט לעבען אַנדערס, סיידען ווי אונטערגעהענדע, ווייל זיי וועלען דאָס זיין די אריבערגעהענדע.

איך ליעב די גרויסע פאַראכטערס, ווייל זיי זיינען די גרויסע פארעהרערס און פיילען פון בענקשאפט זיינען זיי נאָך דעם אנדער ברעג.

איך ליעב יענע, וואָס ניט הינטער די שטערען זוכען זיי דעם גרונט פאַר זייער אונטערגאַנג, פאַר זייער ווערען א קרבן: נייערט פאַר דער ערד זיינען זיי זיך מקריב, כדי זי זאָל אמאָל געהערען דעם אויבער־מענש.

איך ליעב יענעם, וואָס לעבט, כדי צו דערקענען און וועלכער וויל דערקענען, כדי דער אויבער־מענש זאָל אמאָל לעבען. אזוי וויל ער זיין אייגענעם אונטערגאַנג.

איך ליעב יענעם, וואָס ארבייט און טראַכט אויס, כדי ער זאָל קאָנען בויען א הויז פאַר דעם אויבער־מענש, און פאַרגרייטען פאַר איהם די ערד, די חיה און די פלאַנץ: ווייל אזוי וויל ער זיין אייגענעם אונטערגאַנג.

איך ליעב יענעם, וואָס ליעבט זיין טוגענד: ווייל טוגענד

אין דער ווילען צו דעם אונטערגאַנג און אַ פייל פון בענקשאַפט.

איך ליעב יענעם, וואָס וויל ניט לאָזען אַ טראָפּען גייסט פאַר זיך אליין, נייערט ער וויל אין גאַנצען זיין דער גייסט פון זיין טוגענד: אזוי טוט ער שרייטען, ווי אַ גייסט, איבער דעם בריק.

איך ליעב יענעם, וואָס הענגט זיך אָן אָן זיין טוגענד און מאַכט זי פאַר דעם שיקזאַל, וואָס הענגט איבער איהם: אזוי וויל ער לעבען נאָר צוליעב זיין טוגענד אָדער בעסער גאָר ניט לעבען.

איך ליעב יענעם, וואָס וויל ניט האָבען קיין צופיעל טוגענדען. איין טוגענד איז מעהר טוגענד איידער צוויי, ווייל זי איז אַ שטאַרקערער הענג־קניפּעל פאַר דעם שיקזאַל'ס פאַרהענגענים.

איך ליעב יענעם, וועמעס נשמה עס פאַרשווענדט זיך אליין, וואָס וויל ניט קיין דאַנק און דאַנקט קיינעם ניט צוריק: ווייל שטענדיג טוט ער שענקען און לאָזט גאָרנישט פאַר זיך.

איך ליעב יענעם, וואָס שעמט זיך, ווען די ביינדלאַך פון גורל פאַלען אויס צו זיין מזל און ער פרעגט יעמאָלט: בין איך דען אַ פאַלשער שפּיעלער? — ווייל ער וויל געהן לאַבוד.

איך ליעב יענעם, וואָס שפּרייט פאַנאַנדער גילדערנע ווערטער, איידער ער געהט עפּעס טאָן, און איז דערנאָך מקיים נאָך מעהר, איידער ער זאָגט צו: ווייל ער וויל זיין אונטערגאַנג.

איך ליעב יענעם, וואָס רעכטפאַרטיגט די, וואָס וועלען קומען, און לייזט אויס די וואָס זיינען פאַרגאַנגען: ווייל אזוי וויל ער געהן צו גרונט דורך די וואָס זיינען דאָ.

איך ליעב יענעם, וואָס שטראָפט זיין גאָט, ווייל ער ליעבט זיין גאָט: אזוי מוז ער פאַרלאָרען געהן מחמת דעם צאָרן פון זיין גאָט.

איך ליעב יענעם, וועמעס נשמה איז טיעף אפילו אין איהרע וואונדען און וואָס קאָן פאַרלאָרען געהן איבער אַ קלייניגקייט: אזוי געהט ער גערן איבער'ן בריק.

איך ליעב יענעם, וועמעס נשמה איז אזוי איבערפול, אז ער פאַרגעסט זיך אליין, און אַלע זאַכען זיינען אין איהם: אזוי פיהרען אַלע זאַכען צו זיין אונטערגאַנג.

איך ליעב יענעם, וואס איז פריי אין גייסט און פריי אין הארצען: זיין קאפּ איז יעמאָלט די איינגעווייד פון זיין הארצען, זיין הארץ אָבער טרייבט איהם צו דעם אונטערגאנג.

איך ליעב אלעמען, וועלכע זיינען, ווי שווערע טראָפּענס, געפאלען אייגציגווייז פון דעם טונקעלען וואָלקען, וואס הענגט איבער דעם מענשען: זיי זאגען אָן, אז דער בליץ קומט, און ווי נביאים געהען זיי צו גרונט.

זעהט, איך בין דער נביא פון דעם בליץ און א שווערער טראָפען פון דעם וואָלקען: יענער בליץ אָבער רופט זיך א ו י ב ע ר־מ ע נ ש.

* *
*

5.

ווען זאראטוסטרא האט יענע ווערטער ארויסגעזאגט, האט ער ווידער אנגעבליקט דאס פאלק און געשוויגען. „אט שטעהען זיי", האט ער געטראכט אין זיין הארצען, „אט לאכען זיי: זיי פארשטעהען מיך ניט. איך בין ניט דער מויל פאר אזעלכע אויערען.

מוז מען זיי פריהער דערלאנגען איבער די אויערען, זיי זאלען זיך אויסלערנען צו הערען מיט די אויגען? מוז מען טאראראמען, ווי די פויקען און ווי די, וואס רופען תשובה־טאן? אדער גלויבען זיי נאר די שטאמעלדיגע?

זיי האבען עפּעס, מיט וואס זיי שטאלצירען. ווי רופען זיי דאך דאס, וואס מאכט זיי אזוי שטאלץ? „בילדונג" רופען זיי עס, דאס צייכענט זיי אוים פון די ציגען־פּיטערער.

דעריבער ווילען זיי ניט הערען ווען מען רעדט וועגען „פאראכטונג" צו זיך אליין. איז — וועל איך ריידען צו זייער שטאלץ.

איז — וועל איך ריידען צו זיי וועגען דעם גרעסטען בזיון: דאס איז אָבער דער ל ע צ ט ע ר מ ע נ ש".

און אזוי האט זאראטוסטרא גערעדט צום פאלק:

עס איז שוין צייט פאר דעם מענשען, ער זאל פעסט אנמער־

קען זיין ציעל. עס איז שוין צייט פאר דעם מענשען, ער זאל פאר־פלאנצען די זריעה פון זיין העכסטער האפענונג.

נאך איז זיין ערד דערצו גענוג רייך. אבער אט די ערד וועט אמאל ווערען ארעם און אומפרוכטבאר און קיין איין הויכער בוים וועט ניט קאנען ארויסוואקסען פון איהר.

וועה! עס קומט די צייט, ווען דער מענש וועט ניט מעהר ארויסשליידערען זיין בענקשאפטס־פייל אריבער דעם מענשען און דער רימען פון זיין בויגען וועט פארגעסען ווי צו ציטערען!

איך זאג אייך: מען מוז נאך האבען א סך תוהו־ובוהו אין זיך כדי צו קאנען געבוירען א טאנצענדען שטערן.

איך זאג אייך, איהר האט נאך תוהו־ובוהו אין זיך. וועה! עס קומט די צייט פון דעם גבזה׳דיגסטען מענשען, וואס קאן שוין זיך אליין ניט מעהר פאראכטען.

זעהט! איך בעוויין אייך דעם לעצטען מענשען.

„וואס איז ליעבע? וואס איז בעשאפערישע טעטיגקייט? וואס איז בענקשאפט? וואס איז שטערן?“ — אזוי פרעגט דער לעצטער מענש — און פינטעלט מיט די אויגען.

די ערד איז דעמאלט קליין געווארען, און אויף איהר שפּרינגט ארום דער לעצטער מענש, וואס אלץ מאכט ער צו קליינס. זיין מין איז ניט אויסצוראטען, ווי די ערד־פלוי; דער לעצטער מענש לעבט די לענגסטע צייט.

„מיר האבען דאס גליק ערפונדען“ — זאגען די לעצטע מענשען, און פינטלען מיט די אויגען.

זיי האבען פארלאזען די געגענדען, וואו עס איז געווען שווער צו לעבען: ווייל מען דארף ווארעמקייט. מען ליעבט נאך דעם שכן און מען רייבט זיך אן איהם: ווייל מען דארף ווארעמקייט.

קראנק־ווערען און איינעם חושד זיין איז ביי זיי א חטא: ווייל זיי געהען ארום אפגעהיט. א תרח — דער, וואס שטאלפערט נאך איבער שטיינער, אדער מענשען!

א ביסעל גיפט פון צייט צו צייט: דאס ברענגט אנגענעמע חלומות. און א סך צום סוף צוליעב אן אנגענעמען שטארבען.

מען אַרבייט נאָך, ווייל אַרבייט איז פאַרוויילונג. אָבער מען זעהט, אַז די פאַרוויילונג זאָל ניט צו פיעל אָנגרייפען.

מען איז ניט אָרעם און ניט רייך:ביידעס איז אַ משא. ווער וויל נאָך יעמאָלט רעגירען? ווער וויל נאָך פאָלגען? ביידע זאַכען זיינען אַ שווערע משא.

ניטאָ קיין פּיטערער און ניטאָ קיין הערד! יעדערער וויל דאָס גלייכע, יעדער איז גלייך: ווער עס פּיהלט אַנדערס, יענער געהט אַליין אַוועק אוים פריייען ווילען אין משוגעים־הויז אריין.

„אַמאָל־אַמאָל איז די גאַנצע וועלט געווען משוגע" — זאָגען די פיינסטע מענשען און פינטלען מיט די אויגען.

מען איז קלוג און מען ווייס אַלץ, וואָס געשעהען: אַזוי ערנאָך איז קיין ענד ניטאָ צו זייער שפּאָטען. מען צוקריגט זיך אַמאָל, נאָר מען צעאיינט זיך באַלד — ווייל אַז ניט קאָן דאָס פאַרדאַרבען דעם מאָגען.

מען האָט זיין תענוג'ל פאַר דעם טאָג און זיין תענוג'ל פאַר דער נאַכט: אָבער מען היט אָפּ דאָס געזונט.

„מיר האָבען דאָס גליק אויסגעפונען" — זאָגען די לעצטע מענשען און פינטלען מיט די אויגען. —

און דערמיט האָט זיך געענדיגט זאַראַטוסטראַ'ס ערשטע רעדע, וואָס ווערט אויך אָנגערופען „די הקדמה": ווייל גראָד דאָ האָט איהם איבערגעריסען דער געשריי און די לוסטיגקייט פון דעם המון. „גיב אונז אָט דעם לעצטען מענשען, אָה, זאַראַטוסטראַ, — אַזוי האָבען זיי אויסגערופען, — מאַך אונז פאַר אָט די לעצטע מענשען! וועלען מיר דיר אַוועקשענקען דיין אויבער־מענש!"

און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געיובעלט און געקנאַקט מיט דער צונג. זאַראַטוסטראַ אָבער איז געוואָרען טרויעריג און האָט צו זיך געזאָגט אין זיין האַרצען:

„זיי פאַרשטעהען מיך ניט: איך בין ניט דער מויל פאַר אַזעלכע אויערען.

משמעות, צו לאַנג האָב איך געלעבט אין די בערג, צו פיעל

געהארכט צו די שטראמען און די בוימער: רייד איך איצטער צו זיי, ווי צו ציגען־פיטערער.

רוהיג איז מיין נשמה און העל ווי די בערג אין דער צייט פון פארמיטאג. אבער זיי מיינען, איך בין קאלט און אן אפשפאטער מיט פורכטבארע שפאסען.

איז — קוקען זיי מיך אן און זיי לאכען: און בשעת זיי לאכען פון מיר האבען זיי מיך אויך פיינט. עס איז אייז אין זייער לאכען".

* *
*

6.

אבער דא האט עפעס פאסירט, וואס האט שטום געמאכט יעדען מויל און האט פארגליווערט יעדען בליק. אין דער צווישענצייט האט זיך דער שטריק־טענצער דערווייל גענומען פאר זיין ארבייט: ער איז ארויס פון א קליינער טיר און איז געגאנגען איבער דער שטריק, וואס איז געשפאנט געווען צווישען צוויי טורעמס אזוי, אז זי איז געהאנגען איבער'ן פאלק און איבער'ן מארק. ווען ער איז געקומען פונקט צו דער מיט פון זיין וועג, האט זיך די קליינע טיר נאך אמאל געעפענט און א פיעל־פארביגער חברה־מאן, געקליידט ווי א קלאון, איז ארויסגעשפרונגען און האט זיך האסטיג א לאז געטאן נאך דעם ערשטען. „פאראויס, דו לאהמע פוס!" האט געשריען זיין מאוים'דיגער קול, „פאראויס, דו, פויל־קלאץ, גניבה־הענדלער, בעווייסטער פנים! אז ניט — טו איך דיך א קיצעל מיט מיין אונטער־פוס! וואס טוסטו דא צווישען די טורעמס? אין חד־גדיא אריין! אריינזעצען דארף מען דיך אין טורעם; א בעסערען פאר דיר פארשטעלסטו דעם פרייען וועג!" — און מיט יעדען ווארט איז ער אלץ נעהענטער געקומען צו איהם: אבער ווען ער איז געווען נאר איין שריט ווייט, האט פאסירט דאס שרעקליכסטע, וואס האט יעדען מויל שטום געמאכט און יעדען בליק פארגליווערט: — דער לץ האט ארויסגעלאזען א

געשריי, ווי א טייוועל, און איז אריבערגעשפרונגען איבער דעם אנדערען, וואָס איז איהם געווען אין וועג. יענער אָבער, דערזעהן, אַז זיין ריוואַל האָט טריאומפירט, האָט פארלאָרען דעם קאָפּ און די שטריק. ער האָט אַ וואָרף געטאָן די שטאַנג און איז נאָך שנעלער איידער זי, אַראָבגעשאָסען אין דער טיעף, ווי אַ ווירבעל פון אָרעמס און פיס. דער מארק און דאָס פאָלק זיינען געוואָרען ווי אַ ים, אין וועלכען עס האָט אריינגעבלאָזען אַ ווינט: זיי זיינען זיך אַלע צעפלויגען איינער איבער דעם אַנדערען, דער עיקר פון דאָרטען, וואו דער קערפּער האָט געמוזט אראָפּפאַלען.

זאראטוסטרא אָבער איז געבליבען שטעהן, און גראָד נעבען איהם האָט זיך דער קערפּער אָפּגעשלאָגען, שווער צוהויקערט און צערלומפּערט, אָבער נאָך ביים לעבען. אין אַ ווײַלע ארום איז דער צושמעטערטער געקומען צו זיך, און ער האָט געזעהען, ווי זאראטוסטרא קניעט לעבען איהם. „וואָס טוסטו דאָ? האָט ער ענדליך געזאָגט, איך האָב שוין לאַנג געוואוסט, אַז דער טייוועל וועט מיר אַ פוס אונטערשטעלען. איצטער שלעפּט ער מיך אין גיהנום. ווילסטו איהם דאָס ניט לאָזען?“

„ביי מיין עהרע, פריינד“, האָט געענטפערט זאראטוסטרא, „די אַלע זאַכען, וועגען וועלכע דו רעדסט, זיינען גאָר ניטאָ אין אַ מציאות. ניטאָ קיין טייוועל און קיין גיהנום. דיין נשמה וועט נאָך שנעלער טויט זיין, איידער דיין גוף: האָב פאר קיין זאַך קיין מורא ניט!“

דער מאַן האָט מיט חשד ארויף געבליקט צו איהם. „אויב ס׳איז אמת, וואָס דו רעדסט“, האָט ער געזאָגט, „איז יעמאָלט פארליר איך גאָרנישט ניט, ווען איך פארליר דאָס לעבען. איך בין יעמאָלט ניט פיעל מעהר, איידער אַ חיה, וואָס מען האָט זי, דורך שלעג און קאָרגע ביסענס, אויסגעלערנט צו טאַנצען“.

„בשום אופן ניט“, האָט געזאָגט זאראטוסטרא, „דו האָסט אויס דער געפאַהר דיר אַן אומנות געמאַכט; דאָ איז ניטאָ וואָס צו פאַראַכטען. איצטער געהסטו צו גרונט דורך דיין אומנות: דערפאַר וועל איך דיך מקבר זיין מיט מיינע אייגענע הענט“.

ווען זאראטוסטרא האָט דאָס געזאָגט, האָט דער גוסס שוין גאָרנישט געענטפערט: אָבער ער האָט ארומגעפיהרט מיט דער האַנט, פונט ווי ער וואָלט זוכען זאראטוסטרא׳ס האַנט, צו דאנקען איהם.

*   *
*

7.

בינו לבינו איז צוגעפאַלען דער אָווענט, און דער מארק האָט זיך פארבאָרגען אין טונקעל: דאָס פאָלק איז זיך צולאָפען, ווייל אפילו נייגיר און שרעק ווערען איינגעמאטערט. זאראטוסטרא אָבער איז געזעסען נעבען דעם טויטען אויף דער ערד. פארזונקען אין געדאַנקען, האָט ער פארגעסען די צייט. נאָר לסוף איז געוואָרען נאכט און א קאַלטער ווינט האָט געבלאָזען איבער דעם איינזאַמען. איז זאראטוסטרא אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט צו זיך אַליין אין זיין הארצען:

„באמת, א שעהנעם פיש־פאַנג האָט היינט זאראטוסטרא געמאַכט. קיין איין איינציגען מענשען האָט ער געפאַנגען, דערפאַר אָבער א בר־מינן.

אונהיימליך איז דעם מענשענס זיין אויף דער וועלט און אַלץ נאָך אָהן א זין: א לץ קאָן זיין פארהענגעניס ווערען.

איך וויל לערנען מיט די מענשען דעם זין פון זייער זיין: און דאָס איז דער אויבער־מענש, דער בליץ פון דעם טונקעלען וואָלקען מענש.

אָבער איך בין נאָך ווייט פון זיי און מיין זין רעדט ניט צו זייערע זינען. א מיטען בין איך נאָך פאַר די מענשען צווישען א לץ און א בר־מינן.

טונקעל איז די נאַכט, טונקעל זיינען די וועגען זאראטוסטרא׳ס. קום, דו אַלטער, שטייפער מיט־רייזענדער. איך טראָג דיך אהין, וואו איך וועל דיך מיט מיינע הענט בעגראָבען“.

*   *
*

8.

ווען זאראטוסטרא האָט די רייד געזאָגט צו זיך אליין אין הארצען, האָט ער אָנגעלאָדען זיין רוקען מיט דעם בר־מינן און האָט זיך געלאָזען אין וועג. און נאָך איז ער ניט אָפּגעגאנגען קיין הונדערט שריט, האָט זיך א מענש צוגע'גנב'עט צו איהם און האָט גענומען סוד'ען איהם אין אויער — און זעה! דער מאַן, וואָס האָט גערעדט, איז געווען דער קלאָון פון דעם טורעם. „געה אוועק פון אָט דער שטאָט, זאראטוסטרא, האָט ער געזאָגט: צו פיעל מענשען האסען דיך דאָ. עס האסען דיך די גוטע און גערעכטע, און האלטען דיך פאר זייערען א פיינט און א פאראכטער; עס האסען דיך די גלויביגע פון דעם רעכטען גלויבען און זיי רופען דיך א געפאהר פאר דעם המון. דיין גליק איז געווען, וואָס מען האָט געלאכט פון דיר: און אין דער אמת'ען: דו האָסט גערעדט ווי א ליץ. דיין גליק, וואָס דו האָסט זיך צוגעלאָזט צו דעם טויטען הונט. ווייל דו האָסט דיך אזוי ערנידריגט, האָסטו דיך געראטעט פאר היינטיגען טאָג. געה אָבער אוועק פון יענער שטאָדט—אז ניט שפּרינג איך אריבער דיר, א לעבעדיגער אריבער א טויטען“. און ווען דער מענש האָט דאָס אָפּגעזאָגט, איז ער פאר־שוואונדען; זאראטוסטרא אָבער איז זיך ווייטער געגאנגען איבער די טונקעלע גאסען.

ביי דער טויער פון שטאָט האָבען איהם באגעגענט די קברנים: זיי האָבען באלויכטען זיין געזיכט מיט דער פאקעל, האָבען דערקענט זאראטוסטרא און האָבען געמאכט חוזק פון איהם. „זאראטוסטרא טראָגט אוועק דעם טויטען הונט: זעהר שעהן, וואָס זאראטוסטרא איז געוואָרען א קברן! ווייל אונזערע הענט זיינען צו ריין פאר אזא געבראָטענס. וויל הפּנים זאראטוסטרא אוועק גנב'ענען ביי דעם טייוועל זיין ביסען? זאָל זיין מיט מזל! און מיט־ליעב־איך אייער מאָלצייט! אויב דער טייוועל איז נאָר ניט קיין בע־

סערער גנב פאר זאראַטוסטראַ'ן! — ער וועט זיי, אַקאַרשט,ביידען צו'לקחן'ען,ביידען אויפפרעסען!" און זיי האָבען אַלע געלאַכט און צונויפגעשטעקט די קעפּ אין איינעם.

זאראַטוסטראַ האָט דערויף קיין וואָרט ניט געזאָגט און איז געגאַנגען אין זיין וועג. ווען ער איז אַזוי אָפּגעגאַנגען צוויי שעה, פאַרביי וועלדער און זומפּען, האָט ער דערהערט זעהר פיעל געברום פון הונגעריגע וועלף און איז אַליין געוואָרען הונגעריג. איז ער געבליבען שטעהן ביי אַן איינזאַמען הויז, אין וועלכען עס האָט אַ ליכט געברענט.

„דער הונגער פאַלט אויף מיר אַן ווי אַ רויבער, אין וועלדער און זומפּען פאַלט אויף מיר אַן מיין הונגער און אין דער טיעפער נאַכט.

וואונדערליכע שגעונות האָט מיין הונגער. אָפט קומט ער צו מיר ערשט נאָך דעם מאָלצייט, און היינט איז ער גאָר ניט געקומען דעם גאַנצען טאָג: וואו איז ער אויסען געוועזען?"

און נאָכדעם האָט זאראַטוסטראַ אָנגעקלאַפּט אין דער טויער פון דעם הויז. עס איז אַרויס אַן אַלטער מאַן; ער האָט געטראָגען אַ ליכט און האָט געפרעגט: „ווער קומט צו מיר און צו מיין שלעכ־טען שלאָף?"

„אַ לעבעדיגער און אַ טויטער, האָט געענטפערט זאראַטוסטראַ. גיב מיר עפּעס עסען און טרינקען; איך האָב אַן דעם פאַרגעסען דעם גאַנצען טאָג. יעדער, וואָס גיט שפּייז אַ הונגעריגען דער־קוויקט זיין אייגענע נשמה: אַזוי זאָגט די קלוגשאַפט."

דער אַלטער איז אַוועק, איז אָבער באַלד געקומען צוריק און האָט דערלאַנגט זאראַטוסטראַ'ן ברויט און וויין. „עס איז אַ שלעכטע געגענד פאַר הונגעריגע, האָט ער געזאָגט, דעריבער וואוין איך דאָ. חיה און מענש קומען צו מיר, דעם מתבודד. אָבער זאָג דאָך דיין חבר, ער זאָל עסען און טרינקען, ער איז דאָך מיעדער איידער דו." זאראַטוסטראַ האָט געענטפערט: מיין חבר איז טויט; עס וועט זיין שווער צו פּועל'ן ביי איהם." „ניט מיין דאגה, האָט דער אַלטער געזאָגט ברוגז'ליך. ווער עס קלאַפּט אַן ביי מיר, אין

מיין שטוב, דארף נעמען, וואָס איך גיב איהם. עסט, און זאָל אייך וואויל באקומען!" —

דערנאָך איז זאראטוסטרא ווידער געגאנגען צוויי שעה, זיך פארלאָזען אויף דעם וועג און דעם שיין פון די שטערען: מחמת ער איז געווען אַן איינגעוואוינטער נאכט־געהער, און האָט האָלד געהאט צו קוקען אין פּנים אריין יעדער זאך, וואָס שלאָפט. אָבער ווען דער פריה־מאָרגען האָט גענומען גראָהען, האָט זאראטוסטרא דערבליקט, אַז ער איז אין אַ טיפען וואלד, און אַז קיין וועג זעהט זיך מעהר ניט, האָט ער דעם בר־מינן אריין געלייגט אין אַ בוים־לאָך זיך צוקאָפּענס — ווייל ער האָט איהם געוואָלט באשיצען פון וועלף — און אליין האָט ער זיך אוועקגעלייגט אויף דער ערד, אין וואלד־גראָז. און תיכף איז ער איינגעשלאָפען מיעד אין לייב, אָבער מיט אַ רוהיגער נשמה.

* *
*

9.

לאנג איז געשלאָפען זאראטוסטרא, און ניט נאָר די מאָרגען־רויט, אויך דער פאָרמיטאָג איז דורכגעגאנגען איבער זיין פּנים. ענדליך אָבער האָט ער געעפענט זיינע אויגען: פארוואונדערט האָט ער געקוקט אין דעם וואלד און אין דער שטילקייט, פארוואונדערט האָט ער אריינגעבליקט אין זיך אליין. דערנאָך האָט ער זיך שנעל אויפגעהויבען, ווי אַ ים־רייזענדער, וואָס דערזעהט פּלוצים לאנד, און האָט גענומען ארויסשרייען זיין פרייד אויפ'ן קול: ווייל ער האָט אַ נייעם אמת דערזעהן. און אַזוי האָט ער גערעדט צו זיך אין זיין הארצען:

אַ ליכט האָט זיך פארשפּרייט איבער מיר: מיט־רייזענדע

דאַרף איך, נאָר לעבעדיגע, — ניט טויטע חברים און בר־מינן'ס, וואָס איך קאָן זיי אַרומטראָגען מיט מיר, וואוהין איך וויל.

נאָר לעבעדיגע מיט־געהער, וואָס געהען נאָך נאָך מיר, ווייל זיי ווילען נאָכגעהן נאָך זיך אַליין — און געהן אַהין, וואו איך וויל.

אַ ליכט האָט זיך פאַרשפּרייט איבער מיר: ניט צום פאָלק זאָל זאַראַטוסטראַ ריידען נאָר צו מיט־געהער! ניט זאָל זאַראַטוסטראַ ווערען אַ פּיטערער און אַ הונט פאַר דער הערד — אָפּצוריידען פיעלע פון דער הערד, — צוליעב דעם בין איך געקומען. פאָלק און הערד זאָלען אין צאָרן זיין אויף מיר: אַ רויבער זאָלען זאַראַטוסטראַ'ן רופען די פּיטערער.

איך זאָג פּיטערער, אָבער זיי רופען זיך אַליין די גוטע און די גערעכטע.

איך זאָג פּיטערער, אָבער זיי רופען זיך אַליין די גלויביגע פון דעם רעכטען גלויבען.

זעה נאָר די גוטע און די גערעכטע! וועמען האָבען זיי מעהר פאַר אַלעמען פיינט? יענעם, וואָס צוברעכט זייערע לוחות פון ווערטען, דעם ברעכער, דעם פאַרברעכער: ער אָבער איז דער שאַפענדער.

זעה נאָר די גלויביגע פון אַלע גלויבענס! וועמען האסען זיי מעהר פון אַלעמען? יענעם, וואָס צעברעכט זייערע לוחות פון ווערטען, דעם ברעכער, דעם פאַרברעכער; ער איז אָבער דער שאַפענדער.

מיט־געהער זוכט דער שאַפענדער און ניט קיין בר־מינן'ס און אויך ניט קיין הערדען און ניט קיין גלויביגע. מיטשאַפענדע זוכט דער שאַפענדער, וואָס שרייבען נייע ווערטען אויף נייע לוחות.

מיט־געהער זוכט דער שאַפענדער, און מיט־שניטער, ווייל אַלץ איז ביי איהם שוין צייטיג צום שניט. אָבער עס פעהלען איהם די הונדערט שניט־מעסערס: צופּט ער איינצעלנע זאַנגען אַרויס און ערגערט זיך.

מיט־געהער זוכט דער שאַפענדער און אַזעלכע, וואָס ווייסען ווי צו שאַרפען זייערע שניט־מעסערס. צושטערער וועט מען זיי

רופען און פאַראַכטער פון גוט און בייז. אָבער זיי זיינען די שניטערס און יום־טוב־מענשען.

מיט־שאַפענדע זוכט זאַראַטוסטראַ, מיט־שניטערס און די וואָס פרעהען זיך מיט איהם אין זיין יום־טוב זוכט זאַראַטוסטראַ: וואָס האָט ער צו טאָן מיט הערדען און פיטערער און בר־מינן׳ס.

און דו, מיין ערשטער מיט־רייזענדער, רוה אין דיין פרידען! איך האָב דיך גוט פאַרשטעקט אין דעם בוים־לאָך, גוט דיך פאַר־באָרגען פון די וועלף.

אָבער איך געה פון דיר אַוועק; עס איז שוין צייט. צווישען מאָרגען־רויט און מאָרגען־רויט איז אַ נייער אמת צו מיר געקומען.

ניט קיין פיטערער זאָל איך זיין און ניט קיין קברן. שוין וועל איך ניט מעהר ריידען צו דעם פאָלק; צום לעצטען מאָל האָב איך גערעדט צו אַ מת.

אָן די שאַפענדע, די שניטערס, די יום־טוב־מענשען וויל איך מיך אָנשליסען: דעם רעגענבויגען וויל איך זיי ווייזען און אַלע טרעפּען, וואָס פיהרען צו דעם אויבער־מענש.

פאַר די מתבודדים וועל איך מיין ליעד זינגען און פאַר די וואָס לעבען צו צווייען. און ווער עס האָט נאָך אויערען פאַר נאָך ניט געהערטעס, יענעם וועל איך שווער מאַכען זיין הארץ מיט מיין גליק.

איך שטרעב צו מיין ציעל, איך געה מיר מיין גאַנג. איבער די קווינקלענדע און אומווייסענדע וועל איך אריבערשפּרינגען. און אזוי זאָל מיין גאַנג ווערען זייער אונטערגאַנג!

* *
*

10.

אָט דאָס האָט זאַראַטוסטראַ גערעדט צו זיין הארצען, בשעת די זון איז געשטאַנען אין מיטען טאָג: דערנאָך האָט ער מיט אַ פרעגענדען בליק אַ קוק געטאָן ארויף אין דער הויך — ווייל ער האָט דערהערט איבער זיך דעם שאַרפען רוף פון אַ פויגעל. און — זעה! אָן אַדלער האָט געשוועבט אין ברייטע קרייזען דורך דער

לופט און אויף איהם איז געהאנגען א שלאנג, אבער ניט ווי א רויב, נאָר ווי א פריינדין: ווייל זי האָט זיך געהאלטען ארום געריננעלט ארום זיין האלז.

דאָס זיינען מיינע הויז־חיות! האָט זאראטוסטרא געזאָגט און האָט זיך געפרעהט פון גאנצען הארצען.

דער שטאָלצעסטער בעשאַף אונטער דער זון און די קליגסטע חיה אונטער דער זון — זיי זיינען ארוים אין וועג, כדי אויסצו־שפירען.

אויסגעפינען ווילען זיי, צי לעבט נאָך זאראטוסטרא. און אין דער אמת׳ן, לעב איך נאָך?

פיעל געפעהרליכער, האָב איך עס געפונען, איז צו זיין צווי־שען מענשען, איידער צו זיין צווישען חיות; אין געפעהרליכע דרכים געהט זאראטוסטרא. זאָלען מיך מיינע שטוב־חיות פיהרען.

ווען זאראטוסטרא האָט דאָס ארויסגערעדט, האָט ער זיך דער־מאָנט אויף די ווערטער פון דעם הייליגען אין וואלד, ער האָט א זיפץ געטאָן און האָט אזוי געזאָגט צו זיך אין זיין הארצען:

הלואי ווער איך קליגער! הלואי ווער איך קלוג פון דער טיעפסטער טיעף, אזוי ווי מיין שלאנג!

אָבער איך בעט דאָך עפּעס אזוינס, וואָס איז אונמעגליך: וועל איך בעטען מיין שטאָלץ, ער זאָל תמיד געהן אין איינעם מיט מיין קלוגשאפט.

און ווען מיין קלוגשאפט וועט מיך אמאָל פארלאָזען: — אַך, זי ליעבט אמאָל אוועקצופליהען! — זאָל מיין שטאָלץ יעמאָלט ארומפליהען מיט מיין נארישקייט.

— אזוי האָט זיך אָנגעהויבען זאראטוסטרא׳ס אונטערגאנג.

זאראטוסטרא'ס רעדע

וועגען די דריי גלגולים.

דריי פּאַרוואַנדלונגען פון דעם גייסט באַצייכען איך פאַר אייך: ווי דער גייסט ווערט מגולגל אין אַ קעמעל, און דער קעמעל אין אַ לייב, און דער לייב לסוף אין אַ קינד.

אַ סך שווערע בנינים זיינען דאָ פאַר'ן גייסט, דעם שטאַרקען, לאַסט־טראָגענדען, וואָס איז פול מיט יראת־הכבוד. זיין שטאַרקייט בענקט נאָך דעם שווערען און שווערסטען.

וואָס אַזוינס געפינט זיך דאָ שווערעס? אַזוי פרעגט דער לאַסט־טראָגענדער גייסט, און שטעלט זיך אויף די קניע ווי אַ קע־מעל, און וויל גוט אָנגעלאָדען זיין.

וואָס איז דאָס שווערסטע, איהר העלדען? אַזוי פרעגט דער לאַסט־טראָגענדער גייסט, איך זאָל דאָס ארויפנעמען אויף מיר און זיך דערפרעהען מיט מיין שטאַרקייט.

איז עס אפשר דאָס: דערנידעריגען זיך אַליין, כדי אָנטאָן צער דער אייגענער גאוה? ארויסשטעלען פאַר דער וועלט די איי־גענע טפשות, כדי צו שפּאָטען פון דער אייגענער קלוג־שאַפט?

אָדער איז עס דאָס: זיך שיידען פון אונזערער אַ זאַך, אין דעם רעכטען יום־טוב פון איהר טריאומף? אויף הויכע בערג ארויפקלעטערען, כדי דעם יצר־הרע ארייגצופיהרען אין אַ נסיון?

אָדער איז עס דאָס: זיך צו שפּייזען מיט די דעמב־ניס און דעם גראָז פון דער דערקענטניס און ליידען נשמה־הונגער צוליעב דעם אמת?

אָדער איז עס דאָס: קראַנק זיין, און די טרייסטער אוועק־שיקען און שליסען פריינדשאַפט מיט די טויבע, וואָס קאָנען קיין מאָל ניט הערען, וואָס דו ווילסט?

אָדער איז עס: קריכען אין שמוציגע וואַסער, אויב דאָס זוי־

נען די וואַסערען פון דעם אמת און ניט אוועקטרייבען פון זיך די פראַשען און הייסע קרעטען?

אָדער איז עס דאָס: ליעבען יענע, וואָס פאַראַכטען אונז, און דערלאַנגען די האַנט אַ מת, וואָס געהט אום כפּ־הקלע און וויל אונז איבערשרעקען?

אַלע אָט די שווערסטע זאַכען נעמט דער לאַסט־טראָגענדער גייסט אויף זיך. ווי אַ קעמעל, וואָס איילט, אַ באַלאָדענער, אין מדבר, אַזוי איילט אויך דער גייסט אין זיין מדבר.

אָבער אין דעם איינזאַמען מדבר קומט פאָר דער צווייטער גלגול: דער גייסט ווערט אַ לייב. פרייהייט ווי ער איינגעמען אין קאַמף און זיין דער האַר איבער זיין אייגענעם מדבר.

זיין לעצטען האַר וויל ער דאָ אויפזוכען: אַ פיינט וויל ער ווערען איהם און זיין לעצטען גאָט, מיט דעם גרויסען דראַכען־שלאַנג וויל ער זיך ראַנגלען צוליעב דעם נצחון.

ווער איז דער דראַכען־שלאַנג, וועלכען דער גייסט וויל ניט מעהר האָבען ווי אַ האַר און גאָט אויף זיך? „דו זאָלסט" איז דער נאָמען פון דעם דראַכען־שלאַנג. אָבער דער גייסט פון דעם לייב זאָגט: „איך וויל".

די פליטער־חיה: „דו זאָלסט" ליעגט איהם אין וועג, פינקלענדיג מיט גאָלד, און אויף יעדען פליטער גלאַנצט גאָלדיג — „דו זאָלסט."

טויזענטיאָהריגע ווערטען גלאַנצען אויף יענע פליטערס, און אַזוי רעדט דער מעכטיגסטער פון אַלע דראַכען־שלאַנגען: „דער העכסטער ווערט פון אַלע זאַכען, ער גלימצערט נאָר אויף מיר."

דער העכסטער ווערט איז שוין געשאַפען, און דער גאַנצער געשאַפענער ווערט — דאָס בין איך. באמת, עס טאָר מעהר ניט זיין קיין „איך וויל"! אַזוי זאָגט דער דראַכען־שלאַנג.

מיינע ברידער, צו וואָס דאַרף מען אַ לייב אין דעם גייסט?

פאַר וואָס איז ניט גענוג די לאַסט־טראָגענדע בריאה, וואָס האַלט זיך אין צוים און איז פול יראת הכבוד?

בעשאַפען נייע ווערטען — דאָס קאָן אפילו דער לייב נאָך

נים: אָבער זיך פרייהייט פאַרשאַפען צוליעב נייעם שאַפען, — דאָס קאָן בעווייזען די גבורה פון דעם לייב.

זיך פרייהייט פאַרשאַפען און א הייליגען „ניין!" אוועקשטעלען אנטקעגען דער פליכט: צוליעב דעם, מיינע ברידער, דאַרף מען ווערען א לייב.

זיך נעמען דאָס רעכט אויף נייע ווערטען, — דאָס איז דער מאוים'דיגסטער נעם פאַר א לאַסט־טראַגענדען און עהר־פאַרכטיגען גייסט. באמת, ביי איהם הייסט דאָס רויבען און דאָס דאַרף זיין די זאַך פון א רויב־חיה.

ווי זיין הייליגסטע זאַך, האָט ער אמאָל ליעב געהאַט דעם „דו זאָלסט!"; מוז ער איצטער אין דעם הייליגסטען ענין געפינען שגעונות און מוט־ווילען, כדי ער זאָל קאָנען ביי זיין ליעבע ווידער ארויסרויבען זיין פרייהייט: צו אזא רויב־אָנפאַל דאַרף מען א לייב.

אָבער זאָגט, מיינע ברידער, וואָס ליעגט אין דער גבורה פון א קינד, וואָס אפילו א לייב וואָלט ניט געווען ביכולת צו בעווייזען? פאַרוואָס מוז דער רויבענדער לייב נאָך ווערען א קינד?

אומשולד איז דאָס קינד און פאַרגעסענקייט! א פון־דאָס־ניי־אָנהויבען און א שפּיעל, א פון־זיך־גופא קייקלענדע ראָד, אן ערשטע באוועגונג, א הייליגער „יע".

יע, מיינע ברידער, צו דעם שפּיעל פון דעם שאַפען דאַרף מען האָבען א הייליגען „יע": ז י י ן ווילען וויל איצט האָבען דער גייסט, זיין וועלט געפינט ווידער דער אין־דער־וועלט־פאַרלאָרענער.

דריי גלגולים פון דעם גייסט האָב איך אייך באַצייכענט: ווי דער גייסט ווערעט א קעמעל, ווי דער קעמעל ווערט א לייב און ווי לסוף ווערט דער לייב א קינד. —

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטרא. און אין יענער צייט האָט ער זיך אויפגעהאַלטען אין א שטאָט, וואָס איהר נאָמען איז געווען: די ראַבּע קוה.

* *
*

וועגען די לעהר־שטענדערס פון טוגענד.

פאר זאראטוסטרא'ן האט מען זעהר געלויבט איינעם א קלוג־שאפּענעם מאן, וואס האט גוט געקאנט האלטען דרשות וועגען שלאף און וועגען מעשים טובים: דערפאר גיט מען איהם אפּ פיעל כבוד און לוין, און אלע יונגע לייט זיינען געזעסען ביי זיינע פיס און געלערנט פון איהם תורה. איז זאראטוסטרא געגאנגען צו איהם און האט זיך צווישען די תלמידים אוועקגעזעצט פאר דעם רבינ'ס שטענדער, און דער קלוג־געשאפּענער האט אזוי גערעדט:

„האט דרך־ארץ און בושה פאר דעם שלאף! דאס איז די ערשטע זאך! און מיידט אויס יעדען איינעם, וואס שלאפט שלעכט און וואכט אין דער נאכט!

אפילו דער גנב האט בושה פאר'ן שלאף: שטילערהייט גנב'עט ער זיך־דורך דורך דער נאכט. אהן חרפּה איז אבער דער שומר אין דער נאכט, אהן בושה בלאזט ער אין זיין האָרן.

שלאפען איז ניט קיין קליינע קונסט: מען דארף צוליעב דעם אויף זיין א גאנצען טאג.

צעהן מאל אין טאג מוזטו דיך גופא גובר זיין: דאס ברענגט א גוטע מאטקייט און איז מאהן פאר דער נשמה.

צעהן מאל מוזט דו ווידער גוט־פריינד ווערען מיט זיך אליין; ווייל גובר־זיין ברענגט ביטערניס, און עס שלאפט זיך שלעכט דעם ברוגז'ן.

צעהן אמת'ען מוזט דו אויסגעפינען ביי טאג: אז ניט וועסטו אויך ביי נאכט זוכען אמת, ווייל דיין נשמה איז געבליבען הונגעריג.

צעהן מאל מוזט דו לאכען ביי טאג און זיין אויפגעראמט: אז ניט וועט דיך אין דער נאכט שטערען דער מאגען, דער פאטער פון שווערען מוט.

ווייניגע ווייסען דאס: אבער מען מוז האבען אלע מדות־

טובות, כדי גוט צו שלאָפען. וועל איך זאָגען פאַלשע עדות? וועל איך מזנה זיין?

וועל איך געלוסטען מיין שכן'ס דיענסט? די אַלע זאַכען פאַרען זיך שלעכט מיט אַ גוטען שלאָף.

און ווען מען האָט שוין אַלע מדות טובות, דאַרף מען פאַרשטעהן נאָך איין זאַך: באַפעהלען די מדות־טובות, זיי זאָלען אַליין געהן שלאָפען אין דער ריכטיגער צייט.

כדי זיי זאָלען זיך ניט קריגען איינע מיט דער אַנדערער, די כשר'ע צדקניות'לעך! און נאָך איבער דיר, דו אונגליקליכער!

לעב אין שלום מיט גאָט און מיט דעם שכן: אָט דאָס וויל דער גוטער שלאָף. און לעב אין שלום אויך מיט דעם שכן'ס טייוועל, אַז ניט וועט ער ביי דיר אומגעהן אין דער נאַכט.

ניט אָפּ כבוד דער רעגירענדער מאַכט, אפילו דער קרומער אויבערמאַכט, און פאָלג וואָס זי הייסט. דאָס פאָדערט דער גוטער שלאָף. וואָס בין איך שולדיג, וואָס די מאַכט געהט אָפט אויף קרומע פיס?

דער איז ביי מיר דער בעסטער פיטערער, וואָס פיהרט זיינע שאָף אויפ'ן גרינסטען גראָז: דאָס פּאַסט זיך מיט דעם גוטען שלאָף.

קיין סך כבוד וויל איך ניט, אויך ניט קיין גרויסע אוצרות: דאָס צורייצט די מילץ. אָבער עס שלאָפט זיך ניט גוט אָהן אַ גוטען נאָמען און אָהן אַ קליינעם אייגענם.

אַ קליינע געזעלשאַפט איז מיר מעהר מיט־ליעב, איידער אַ שלעכטע: אָבער אויך זי מוז קומען און אוועקגעהן אין דער ריכטיגער צייט. אַזוי הארמאָנירט דאָס מיט אַ גוטען שלאָף.

זעהר געפעלען טוען מיר אויך די גייסטיג־אָרעמע: זיי רופען אַרויס דעם שלאָף. גליקליך זיינען זיי, דערהויפּט ווען מען איז תמיד מיט זיי מסכים.

אַזוי פאַרגעהט דער טאָג פאַר דעם געדעכטשאַפענעם. קומט די נאַכט, היט איך מיך, איך זאָל ניט רופען דעם שלאָף! ער וויל ניט גערופען זיין, דער שלאָף, דער האַר פון אַלע מדות טובות.

נאָר איך טראַכט איבער, וואָס איך האָב ביי טאָג געטאָן און גע־

טראכט. מעלה־גרה׳דיג פרעג איך זיך אליין, געדולדזאם ווי א קוה: וואס זיינען געווען דיינע צעהן גבורות מיט וועלכע דו האסט גובר געווען זיך אליין?

און וואס זיינען געווען די צעהן גוט־פריינד־ווערונגען און די צעהן אמת׳ען און די צעהן געלעכטערס, מיט וועלכע מיין הארץ האט זיך משמח געווען?

אפוועגענדיג דאס אלץ און איינגעוויעגט פון פערציג געדאנקען, פאלט אויף מיר ארויף מיט אמאל דער שלאף, א ניט קיין גערופענער, דער האר פון אלע טוגענדען.

דער שלאף בעטאפט מיין אויג, און עס ווערט שווער. דער שלאף באריהרט מיין מויל, און ער בלייבט אפען.

באמת, אויף ווייכע זוילען קומט ער צו מיר, דער ליעבסטער פון די גנבים, און גנב׳עט אוועק מיינע געדאנקען: א פעטעך בלייב איך שטעהן, ווי אט דער שטענדער.

אבער ניט לאנג קאן איך בלייבען אזוי שטעהן: נאך א ווייל, און איך ליעג שוין."

ווען זאראטוסטרא האט געהערט, ווי דער קלוגשאפענער האט אזוי גערעדט, האט ער געלאכט ביי זיך אין הארצען: ווייל עס איז איהם דערביי ליכטיג געווארען אין מוח. און ער האט אזוי גע־רעדט צו זיין הארצען.

„א נאר איז מיר אט דער קלוגשאפענער מיט זיינע פערציג גע־דאנקען: אבער איך רעכען, אז ער איז א גרויסער בקי אין דעם ענין פון שלאפען.

א גליקליכער איז שוין דער, וואס וואוינט אין שכנות מיט אזא קלוגשאפענעם מאן. אזא שלאף איז קלעפיג, אפילו דורך א דיקער וואנט איז ער קלעפיג.

א כשוף איז פארשטעקט אפילו אין זיין לעהר־שטענדער. און ניט אומזיסט זיינען די תלמידים געזעסען פאר דעם מגיד מישרים.

זיין קלוגשאפט לערנט: אויף־זיין, כדי צו שלאפען. און באמת, וואלט דאס לעבען ניט געהאט קיין זין און איך וואלט געמוזט

אויסקלייבען דעם אומזין, וואָלט דאָס אויך פאַר מיר געווען דער געוואונשענסטער אומזין.

איצונדער פאַרשטעה איך קלאָר, וואָס מען האָט אַמאָל געזוכט מעהר פאַר אַלעסדינג ווען מען האָט געזוכט די לעהרער פון גערעכט־שאַפענקייט. אַ גוטען שלאָף האָט מען געזוכט און מאָהן־בלומיגע מדות־טובות דערצו!

פאַר אַלע אָט די געלויבטע ראשי־ישיבות איז די קלוגשאַפט־קייט בעשטאַנען אין אַ שלאָף אָהן חלומות: זיי האָבען ניט גע־וואוסט קיין בעסערען זין פאַר'ן לעבען.

אפילו איצטער זיינען נאָך געווים פאַראַן נאָך עטליכע, ווי אָט דער מגיד מישרים, נאָר ניט אַלעמאָל אַזעלכע עהרליכע. אָבער זייער צייט איז שוין אַריבער. און ניט לאַנג נאָך קאָנען זיי איינ־שטעהן: נאָך אַ ווייל'ע און זיי ליעגען שוין.

וואויל צו די שלעפעריגע: וויל זיי וועלען באַלד איינדרעמ־לען. —

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

*   *
*

די מענשען פון דער הינטער־וועלט.

אַמאָל־אַמאָל האָט אויך זאַראַטוסטרא פאַרוואָרפען זיין שגעון־טרוים אויף יענער זייט מענש, פונקט ווי אַלע מענשען פון דער הינטער־וועלט. דאָס ווערק פון אַ ליידענדען און צעפייניגטען גאָט האָט מיר יעמאָלט אויסגעדוכט די וועלט.

אַ חלום האָט מיר אויסגעדוכט די וועלט און אַ דיכטונג פון אַ גאָט; פאַרביגער רויך פון די אויגען פון אַ געטליך־אומצופרידע־נעם.

גוט און בייז, און לוסט און לייד, און איך און דו — פאַר־ביגער רויך פאַר די באַשעפערישע אויגען, — אזוי האָט דאָס זיך מיר אויסגעדוכט. דער בעשאַפער האָט געוואָלט אַוועק־קוקען פון זיך אַליין, — האָט ער בעשאַפען די וועלט.

עס איז פאַר'שיכור'נדע לוסט פאַר דעם ליידענדען אוועק צו קוקען פון די אייגענע ליידען און זיך צו פאַרלירען. פאַר'שיכור'נדע לוסט און זיך־אליין־פאַרלירען, — אזוי האָט מיר אמאָל אויסגע־דוכט די וועלט.

אָט די וועלט, די אייביג אומפולקומע, דער אָפּבילד — און אַן אומפולקומער אָפּבילד — פון אַן אייביגען ווידערשפרוך — אַ פאַר'שיכור'נדע לוסט פאַר איהם, דעם אומפולקומען בעשאַ־פער: — אזוי האָט מיר אמאָל אויסגעדוכט די וועלט.

אזוי האָב איך אויך אמאָל געוואָרפען מיין שגעון־טרוים אויף יענער זייט מענש, פונקט ווי אַלע מענשען פון דער הינטער־וועלט. אויף יענער זייט מענש, — באמת?

אַך, איהר ברידער, אָט דער גאָט, וועמען איך האָב בעשאַפען, ער איז געוועזן אַ מענשען־ווערק, אַ מענשען־משוגעת, ווי אַלע גע־טער!

מענש איז ער געוועזן און גאָר אַן אָרעמער שטיק פון אַ מענ־שען און פון אַן איך: פון מיין אייגענעם אַש און גלוט איז ער אַרויסגעקומען, אָט דער געשפענסט און — בנאמנות! ער איז ניט געקומען צו מיר פון יענער וועלט!

און וואָס האָט פּאַסירט, מיינע ברידער? איך האָב מיך גובר געווען, דעם ליידענדען, איך האָב מיין אַש אויף דעם בארג אַרויפגעטראָגען, אַ העלערע פלאַם האָב איך אויסגעטראַכט פאַר מיר. און זעה! דער געשפענסט איז פאַרשוואונדען פון מיר!

פאַר מיר, וואָס האלט אין געזונט־ווערען, וואָלט איצטער געווען אַ פיין און אַ צער, צו גלויבען אין אזעלכע געשפענסטער: אַ צער און אַ דערניעדריגונג. אָט דאָס זאָג איך צו די הינטער־וועלט־מענשען.

ליידען זיינען דאָס געווען און שלאַפקייט — אָט דאָס האָט בעשאַפען אַלע הינטער־וועלטען; און יענע קורצע משוגעת פון גליק, וואָס נאָר דער אם שטאַרקסטען ליידענדער לעבט דורך.

איינגעמאָמערטקייט, וואָס וויל מיט איין שפרונג, מיט איין טויט־שפרונג דערגרייכען דאָס לעצטע; אַן אָרעמע, עם־האָרצ'ישע

איינגעמאַטערטקייט, וואָס האָט שוין קיין ווילען ניט צו וועלען: אָט זי האָט בעשאַפען אַלע געטער און אַלע הינטער־וועלטען.

גלויבט מיר, מיינע ברידער. דאָס איז געווען דער גוף, וואָס האָט זיך מיאש געווען אין דעם גוף, — האָט ער מיט די פינגער פון אַ באַנאַרישטען גייסט גענומען בעטאַפען די לעצטע ווענט.

גלויבט מיר, מיינע ברידער! דאָס איז געווען דער גוף, וואָס האָט זיך מיאש געווען אין דער ערד, — האָט ער דערהערט ווי עס רעדט צו איהם דער בויך פון דעם זיין.

און יעמאָלט האָט זיך איהם פאַרוואָלט מיט'ן קאָפּ דורכצור־דרינגען דורך די לעצטע ווענט, — און ניט נאָר מיט'ן קאָפּ, — אַריבערגעהן צו דער „יענער וועלט".

אָבער „יענע וועלט" איז גוט פאַרבאָרגען פון דעם מענשען, יענע ענטמענשטע אונמענשליכע וועלט, וואָס איז אַ הימעלשער גאָר־נישט, און דער בויך פון דעם זיין רעדט גאָר ניט צו דעם מענשען, סיידען ווי אַ מענש.

בנאמנות, עס איז שווער צו בעווייזען די עקזיסטענץ פון אַ זיין און שווער צו מאַכען עס ריידען. זאָגט מיר, איהר ברידער, איז ניט דאָס וואונדערליכסטע פון אַלע זאַכען אַם בעסטען באַוויזען?

יע, אָט דער „איך" און דעם „איך'ס" ווידערשפּרוך און פאַרפלאָנטערטקייט, רעדט אויפ'ן עהרליכסטען אופן וועגען זיין זיין, אָט דער שאַפענדער, וועלענדער, באַווערטענדער „איך", וואָס איז די מאָס און דער ווערט פון אַלע זאַכען.

און אָט דאָס עהרליכסטע זיין, דער „איך" — ער רעדט וועגען דעם גוף און וויל האָבען דעם גוף, אפילו יעמאָלט, ווען ער דיכטעט און טרוימט און פלאַטערט מיט צובראָכענע פליגלען.

אַלץ עהרליכער און עהרליכער לערנט זיך אויס רעדען דער „איך" און וואָס מעהר ער לערנט זיך, אַלץ מעהר בכבוד'ע ווער־טער געפינט ער, צו שעצען דעם גוף און די ערד.

אַ נייעם שטאָלץ האָט מיך מיין „איך" געלערנט, איהם לערען איך די מענשען: ניט מעהר אַריינצושטעקען דעם קאָפּ אין דעם

זאַמד פון די הימלישע ענינים, נייערט צו טראָגען איהם פריי, דעם ערדען־קאָפּ, וואָס בעשאַפט דעם זין פאַר דער ערד!

אַ נייעם ווילען לערען איך די מענשען: וועלען יענעם וועג, אין וועלכען דער מענש איז געגאַנגען בלינדערהייט און מסכים זיין צו איהם, און ניט אַראָפּקריכען פון איהם אַן אַ זייט, אַזוי ווי דאָס טוען די קראַנקע און די אָפּשטאַרבענדע.

דאָס זיינען קראַנקע און אָפּשטאַרבענדע, וואָס האָבען מבטל געוועזן דעם חומר און די ערד און האָבען אויסגעטראַכט „די עולמות העליונים" און די דערלייזענדע טראָפּענס בלוט: אָבער אפילו אויך אָט די זיסע און פינסטערע גיפטען האָבען זיי גענומען פון דעם חומר און פון דער ערד!

פון זייער עלענד האָבען זיי געוואָלט אנטלויפען, און די שטערען זיינען געווען צו ווייט פאַר זיי. האָבען זיי געזיפצט: „אָה, ווען עס וואָלטען געווען הימלישע וועגען, כדי זיך אריינצוגנב'ענען אין אַן אנדער זיין און אין אַ גליק!" יעמאָלט האָבען זיי אויסגעטראַכט זייערע קונץ־שטיקלעך און די בלוטיגע משקאות'לעך.

האָבען זיי, די אומדאַנקבאַרע, געגלויבט, אַז זיי פליהען אוועק פון זייער חומר און זייער ערד. אָבער וועמען האָבען זיי צו דאַנקען פאַר דעם קראַמפּף און דעם תענוג פון זייער אוועקפליהען? זייער חומר און אָט דער ערד.

מילד איז זאַראַטוסטראַ צו אָט די קראַנקע. באמת, ער איז ניט אין כעס פאַר די אופנים פון זייער טרויסט און זייער אומדאַנק. זאָלען זיי אָנהויבען געזונט־ווערען, זאָלען זיי ווערען אַריבערשטייגערס און זאָלען זיי שאַפען העכערע לייבער פאַר זיך.

אויך איז זאַראַטוסטראַ ניט אין צאָרן אויף דעם געזונט־ווערענדען, וואָס קוקט צאַרטליך אויף זיין משוגעת און גנבה'ט זיך אין מיטן נאַכט צו דעם קבר פון זיין גוף: אָבער קראַנקהייט און קראַנקער לייב בלייבען נאָך פאַר מיר זיינע טרערען.

אַ סך קראַנקהאַפטע לייט זיינען אַלע מאָל געווען צווישען יענע, וואָס זעהען זעהונגען און בענקען נאָך גאָט. מיט גרימצאָרן

האסען זיי דעם דערקענענדען און יענע אינגסטע פון אלע רעכט־שאפענקייטען, וואס רופט זיך: טרייקייט צו דעם אמת.

זיי קוקען תמיד הינטערוויילעכס אויף די טונקעלע צייטען: יעמאלט אבער זיינען משוגעת און גלויבען געווען א גאנץ אנדער זאך. דער טירוף הדעת איז געוועזען גאט־עהנליכקייט, און דער ספק — א חטא.

שוין צו גוט קען איך אט די גאט־עהנליכע: זיי ווילען, מען זאל גלויבען נאר אין זיי און דער ספק זאל זיין א חטא. שוין צו גוט וויס איך אויך, אין וואס זיי אליין גלויבען מעהר פאר אלדעם־דינג.

בנאמנות, ניט אין הינטערוועלטען און דערלייזענדע בלוטס־טראפענס, נייערט אין דעם גוף גלויבען אויך זיי מעהר פאר אלץ, און זייער אייגענער גוף איז פאר זיי זייער זאך־אין־זיך.

אבער ער איז זיי א קראנקהאפטע זאך, און גרייליך וואלטען זיי ארויסשפרינגען פון זייער הויט. דעריבער הערען זיי זיך צו צו די פרעדיגער פון טויט און פרעדיגען אליין הינטער־וועלטען.

בעסער, מיינע ברידער, הערט זיך־צו צו דער שטים פון דעם גוף: דאס איז א ריינערע און דעם אמת טרייערע שטים.

טרייער צו דעם אמת און ריינער רעדט דער געזונטער לייב, דער פולקומער און רעכט־ווינקעליגער, און ער רעדט וועגען דעם זין פון דער ערד. —

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא.

* *
*

וועגען די, וואס פאראכטען דעם גוף.

צו די פאראכטערס פון דעם לייב וויל איך זאגען מיין ווארט. איך ווינש זיי ניט זיי זאלען פארגעסען, וואס זיי האבען געלערנט, און אנהויבען לערנען די אנדערע אויפס ניי, נייערט זיי זאלען זיך זעגענען מיט זייער לייב — און אויף אזא׳ן אופן אנטשטומען.

„איך בין גוף און נשמה" — אזוי רעדט א קינד. און פאר וואס זאל מען נים ריידען ווי די קינדער?

אבער דער אויפגעוועקטער, דער וויסענדער זאגט: לייב בין איך דורך־און־דורך, און גארנישט־נים א־חוץ דעם; און נשמה איז א ווארט פאר עפעס, וואס איז אין לייב.

דער לייב איז א גרויסער שכל, א רבים מיט איין זין, א קריעג און א פרידען, א הערד און א פיטערער.

א געצייג פאר דעם לייב איז אויך דיין קליינער שכל, מיין ברודער, וואס דו רופסט איהם „גייסט", א קליין געצייג און א שפיעל־זאך פאר דיין גרויסען שכל.

„איך" זאגסטו ארוים און ביסט שטאלץ אויף אט דאס ווארט. אבער די גרעסערע זאך — אין וועלכער דו ווילסט נים גלויבען — איז דיין לייב און זיין גרויסער שכל: ער זאגט נים „איך", ער טוט „איך".

וואס דער חוש פיהלט, וואס דער גייסט דערקענט, דאס האט נים זיין ענד אין זיך גופא. אבער חוש און גייסט ווילען דיך איינשמועסען, זיי זיינען דער סוף פון אלע זאכען: אזוי איינגערעדט זיינען זיי.

געצייג און שפיעל־זאך זיינען חוש און גייסט: הינטער זיי ליעגט נאך דער „זעלבסט". דער זעלבסט זוכט אויך מיט די אויגען פון דעם חוש, ער הערט זיך צו מיט די אויערען פון דעם גייסט.

תמיד הערט זיך צו דער זעלבסט און זוכט: ער פארגלייכט, באהערשט, עראבערט, צושטערט. ער הערשט און איז אויך דער באהערשער פון דעם איך.

הינטער דיינע געדאנקען און געפיהלען, מיין ברודער, שטעהט א מעכטיגער באפעהלער, אן אומבעקאנטער קלוגשאפענער — זיין נאמען איז דער „זעלבסט". אין דיין לייב וואוינט ער, דיין לייב איז ער.

עס איז דא א סך מעהר שכל אין דיין לייב, איידער אין דיין

בעסטער קלוגשאפט. און ווער קאָן דען וויסען, צו וואָס דיין ליב דאַרף האָבען דיין בעסטע קלוגשאפענקייט?

דיין זעלבסט לאַכט פון דיין איך און פון זיינע שטאָלצע שפרינג. „וואָס זיינען פאַר מיר יענע שפרינג און געפליהערייען פון דעם געדאנק? זאָגט ער זיך. א וועג־אַרום צו מיין ציעל. איך בין די פיהר־שטריק פון דעם איך און דער אריינבלאָזער פון זיינע באגריפען".

דער זעלבסט זאָגט צו דעם איך: „אָט דאָ פיהל שמאַרץ!" און אָט ליידט ער, דער איך, און טראכט, ווי אזוי אויפהערען צו ליידען — און בפירוש צוליעב דעם ז אָ ל ער טראכטען.

דער זעלבסט זאָגט צו דעם איך: „אָט דאָ פיהל לוסט"! פרעהט זיך דער איך און טראכט, ווי אזוי ער זאָל זיך עפטער פרעהען, און בפירוש צוליעב דעם זאָל ע ר טראכטען.

צו די פאראכטער פון דעם ליב וויל איך זאָגען א וואָרט. זייער פאראכטען שטאַמט פון זייער אכטען. וואָס איז דאָס אזוינס, וואָס האָט בעשאפען אכטען און פאראכטען און ווערט און ווילען?

דער שאפענדער זעלבסט האָט זיך בעשאפען אכטען און פאראכטען, ער האָט זיך בעשאפען לוסט און וועה. דער שאפענדער ליב האָט זיך בעשאפען דעם גייסט, ווי א האַנט פאַר זיין ווילען.

אפילו אין אייער בענאַרישטקייט און פאראכטונג, איהר פאַראכטער פון דעם ליב, דיענט איהר אייער זעלבסט. איך זאָג אייך: אייער זעלבסט אליין וויל שטאַרבען און קערט זיך אָפּ פון'ם לעבען.

ער קאָן ניט מעהר טאָן, וואָס ער וואָלט מעהר פאַר אַלץ געוואָלט: צו שאפען אריבער זיך אליין. אָט דאָס וויל ער מעהר פאַר אַלץ, דאָס איז זיין גאַנצע תשוקה.

אָבער דאָס איז איצטער געוואָרען צו שפעט פאַר איהם — איז וויל ער זעלבסט אונטערגעהן, איהר פאראכטער פון'ם ליב.

אונטערגעהן וויל אייער זעלבסט, און דעריבער זייט איהר

געוואָרען פאַראַכטער פון דעם לייב! ווייל איהר קאָנט ניט מעהר שאַפען אריבער זיך אליין.

און דעריבער זייט איהר אין צאָרן אויף דעם לעבען און אויף דער ערד. אַן אומבאַוואוסטע קנאה ליעגט אין דעם קרומען בליק פון אייער פאַראַכטונג.

איך געה ניט אין אייער וועג, איהר פאַראַכטער פון דעם לייב!

איהר זייט מיר ניט די בריקען צו דעם אויבער־מענש! —

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

פריידענשאַפטען און ליידענשאַפטען.

מיין ברודער, האָסטו אַ טוגענד, און דאָס איז ד י י ן טוגענד, איז יעמאָלט האָסטו זי מיט קיינעם ניט בשותפות.

געוויס, דו ווילסט זי אָנרופען מיט איהר נאָמען און זי צערטלען; דו ווילסט זי ציהען פאַר'ן אויער און זיך מיט איהר פאַרוויילען.

און זעה! אַט האָסטו איהר נאָמען בשותפות מיט דעם פאָלק און דו ביזט געוואָרען פאָלק און הערד מיט דיין טוגענד.

עס וואָלט בעסער געווען, דו וואָלסט געזאָגט: „ניט אויסצוּשפּרעכען און אָהן אַ נאָמען איז, וואָס איז די פּיין און די זיסקייט פון מיין נשמה און אויך נאָך דער הונגער פון מיינע איינגעווייד.“

זאָל דיין רעכטשאַפענקייט זיין צו הויך פאַר דער פאַמיליאַריטעט פון נעמען: און אויב דו מוזט ריידען וועגען איהר, איז — שעם זיך ניט צו שטאַמלען.

איז — רייד און שטאַמעל: „דאָס איז מיין גוטס, אַט דאָס ליעב איך, אַט אַזוי געפעלט עס מיר גאַנץ, נאָר אַזוי וויל איך האָבען דאָס גוט.

ניט ווי אַ געזעץ פון גאָט וויל איך עס, ניט ווי אַ מענשענס

געזעצ און א מענשליכע נײט װיל איך עס: עס דארף מיר ניט זײן קײן װעג־װײזער פאר איבער־ערדען און גן־עדן׳ס.

און ערדישע טוגענד איז דאס, װאס איך ליעב: װעניג שכל איז אין איהר און אם װעניגסטע אלעמענס שכל.

אבער אט דער פױגעל האט געבױט זײן נעסט בײ מיר: דעריבער איז ער מיר ליעב און הארציג, — נו, זיצט ער בײ מיר אויף זײנע גילדענע אײער."

אזוי זאלסטו שטאמלען און לױבען דײן רעכטשאפענקײט.

אמאל האסטו לײדענשאפטען געהאט און האסט זײ גערופען בײזקײטען. אבער איצטער האסטו נאר דײנע טוגענדען: זײ זײנען ארױסגעװאקסען פון דײנע לײדענשאפטען.

דו האסט דײן העכסטען ציעל ארײנגעפלאנצט אין הארצען פון דײנע לײדענשאפטען: זײנען זײ געװארען דײנע טוגענדען און פרײדענשאפטען.

און צי דו ביסט פון די היציג־אויפברױזענדע אדער פון די פאר׳תאוה׳טע אדער פון די פאנאטיש־גלױבענדע אדער פון די נקמה־דארשטענדע:

צום סוף זײנען אלע דײנע לײדענשאפטען געװארען רעכטשאפענקײטען, און אלע דײנע טײװאלים זײנען געװארען מלאכים.

פריהער האסטו געהאט װילדע הינט אין דײן קעלער: אבער צום סוף זײנען זײ מגולגל געװארען אין פױגעל און ליעבליכע זינגערינס.

פון דײנע גיפטען האסטו דיר א באלזאם אויסגעברויט; דײן קוה שװער־מוט האסטו געמאלקען, — איצטער טרינקסטו די זיסע מילך פון איהרע אײטער.

און קײן בײזקײט װאקסט שוין ניט ארױס מעהר פון דיר, סײדען די בײז, װאס װאקסט אין דעם קאמף פון דײנע טוגענדען.

מײן ברודער, אויב דיר גליקט אפ, איז יעמאלט האסטו אײן רעכטשאפענקײט און ניט מעהר: אט אזוי געהסטו גרינגער אריבער די בריק.

עס איז זעהר חשוב צו האבען א סך טוגענדען, אבער דאס

איז א שווערער גורל; און ניט איינער איז אין מדבר אוועק און האָט זיך דעם טויט געגעבען, ווייל ער איז מיעד געוואָרען צו זיין די שלאַכט און דער שלאַכט־פעלד פאַר זיינע טוגענדען.

מיין ברודער, איז קריעג און שלאַכט א שלעכטע זאַך? אָבער אָט דאָס שלעכטס איז א נויטווענדיגס; נויטווענדיג איז די קנאה און דער חשד און די לשון־הרע צווישען דיינע טוגענדען.

זעה, ווי יעדווידע רעכטשאַפענקייט דיינע דאַרשט נאָך דער העכסטער הויך: זי וויל דיין גאַנצען גייסט, כדי ער זאָל ווערען איהר הערָאָלד, זי וויל דיין גאַנצע קראַפט אין צאָרן, האַס און ליעבע.

אייפערזיכטיג איז איטליכע טוגענד אויף די אַנדערע, און א שרעקליכע זאַך איז אייפערזוכט. אויך טוגענדען קאָנען מחמת אייפערזוכט געהן צו גרונט.

ווּעמען די פלאַם פון אייפערזוכט נעמט אַרום, יענער דרעהט אום, ווי א סקאָרפּיאָן, דעם פאַרגיפטעטען שטעכער אנטקעגען זיך אליין.

אַך, מיין ברודער, האָסטו נאָך קיינמאָל ניט געזעהן קיין טוגענד וואָס זאָל זיך אליין פאַרשווארצען און דערשטעכען?

דער מענש איז עפּעס, וואָס מוז אַריבערגעשטיגען ווערען: און דעריבער זאָלסטו ליעבען דיינע טוגענדען, ווייל דורך זיי וועסטו געהן צו גרונט.

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

וועגען דעם בלייכען פאַרברעכער.

איהר ווילט ניט טויטען, איהר שופטים און קרבנות־ברענגער, ביז די חיה האָט ניט איינגעבויגען איהר קאָפּ? זעהט, דער בלייכער פאַרברעכער האָט איינגעבויגען זיין קאָפּ: פון זיין אויג רעדט די גרויסע פאַראַכטונג.

מיין „איך" איז עפּעס וואָס מוז אַריבערגעשטיגען ווערען;

מיין „איך“ איז מיר די גרויסע פאראכטונג פון דעם מענשען: אזוי ריידען צו אונז זיינע אויגען.

דאס, וואס ער האט זיך אליין פאר'משפט, איז געווען זיין העכסטער אויגען־בליק. לאזט ניט דעם, וואס האט זיך דערהויבען, ער זאל ווידער אראבפאלען אין זיין נידערונג!

עס איז ניטא קיין אנדער דערלייזונג פאר יענעם, וואס ליידט אזוי פון זיך אליין, סיידען דער שנעלער טויט.

אייער טויטען, איהר שופטים, זאל זיין א רחמנות און ניט קיין נקמה. און בעת איהר שיקט צום טויט, זעהט, אז איהר גופא זאלט גערעכטפארטיגען דאס לעבען.

עס איז ניט גענוג, וואס איהר ווערט שלום מיט דעם, וועמען איהר טויט. אייער טרויער זאל זיין ליעבע צו דעם אויבער־מענש: אזוי וועט איהר גערעכטפארטיגען אייער בלייבען לעבען!

א „שונא“ זאלט איהר זאגען, אבער ניט א „רשע“. א „חולה“ זאלט איהר זאגען, אבער ניט א „מנובל“; א „פתי“ זאלט איהר זאגען, אבער ניט „א פושע“.

און דו, רויטער שופט, ווען דו וואלסט בקול רם ארויסגע־זאגט אליץ, וואס דו האסט געטאן אין דיינע געדאנקען: וואלט יעדער איינער געשריען: „אוועק מיט אט דעם מזוהם און אט דעם גיפט־ווארים!“

אבער איין זאך איז דער געדאנק און אן אנדער זאך די טהאט און ווידער אן אנדערעס איז דאס בילד פון דער טהאט. די ראד פון קאוזאליטעט קייקעלט זיך ניט צווישען זיי.

א בילד האט בלייך געמאכט אט דעם בלייכען מענשען. ער איז געווען גלייך הויך געוואקסען מיט דער טהאט, בשעת ער האט זי געטאן: אבער איהר בילד האט ער ניט געקאנט פארטראגען, ווען ער האט זי אפגעטאן.

תמיד האט ער זיך גענומען זעהן, ווי דעם טוער פון נאר איין טהאט. משוגעת רוף איך דאס: די אויסנאם איז פאר איהם גע־ווארען דער גאנצער תוך.

א שטריך פון קרייד פאר'כשופ'ט די הוהן; דער טויט־שלאג

וואָס ער האָט דורכגעפיהרט, האָט פאַר׳כשופ׳ט זיין אָרעמען שכל —
דאָס רוף איך אָן: די משוגעת נאָך דער טהאַט.

הערט, איהר שופטים! עס איז נאָך דאָ אַן אַנדער משוגעת —
און די קומט א י י ד ע ר דער טהאַט. אַך, איהר זענט נאָך ניט
טיעף גענוג אַריינגעדרונגען אין זיין נשמה.

זאָגט דער רויטער שופט: „צוליעב וואָס דען האָט דער רוצח
בלוט פאַרגאָסען? רויבען האָט ער געוואָלט". אָבער איך זאָג
אייך: זיין נשמה האָט געוואָלט בלוט, ניט גזלה: ער האָט געדאָרשט
נאָך דעם גליק פון דעם מעסער!

זיין אָרעמער שכל האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען יענע משוגעת
און האָט איהם גענומען איינשמועסען: „וואָס טויג וועמען בלוט!
האָט ער איהם געזאָגט. ווילסטו ניט לפּחות דערביי עפּעס צו־
גזלנ׳ען? נקמה נעמען?"

און ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין אָרעמען שכל: ווי בליי
זיינען געלעגען אויף איהם זיינע רייד, — האָט ער גע׳גזל׳ט, בעת
ער האָט גע׳רצחן׳ט. ער האָט זיך ניט געוואָלט שעמען פאַר
זיין משוגעת.

און איצטער ליעגט ווידער דאָס בליי פון זיין שולד אויף
איהם, און ווידער איז זיין אָרעמער שכל אַזוי פאַרגליווערט, אַזוי
פּאַראַליזירט, אַזוי שווער.

וואָלט ער נאָר געקאָנט דעם קאָפּ א שאָקעל טאָן, וואָלט
זיך זיין לאַסט אַראָפּגעקייקעלט. אָבער ווער קאָן א שאָקעל טאָן
זיין קאָפּ?

וואָס איז אָט דער מענש? א הויפען קראַנקהייטען,
וואָס רייסען זיך־דורך דורך זיין גייסט אין דער וועלט אַריין:
דאָרטען ווילען זיי רויבען זייער רויב.

וואָס איז אָט דער מענש? א קנויל ווילדע שלאַנגען,
וואָס קאָנען זעלטען זיין אין רוה צווישען זיך, — געהען זיי אַוועק,
יעדע פאַר זיך, און זוכען אין דער וועלט זייער רויב.

טוט א קוק אויף אָט דעם אָרעמען לייב! וואָס ער האָט
געליטען און באַגערט, דאָס האָט אויסגעטייטשט זיין אָרעמע

נשמה, — זי האָט דאָס אויסגעטיימשט ווי רציחה־לוסט און הייס־הונגער נאָך דעם גליק פון דעם מעסער.

ווער עס ווערט איצטער קראַנק, אויף יענעם פאַלט אָן דאָס בייז, וואָס ווערט איצטער גערעכענט פאַר דאָס בייז. ער זוכט וועה צו טהאָן מיט דעם, וואָס איהם טוט וועה. אָבער אמאָל זיי־נען געווען אַנדערע צייטען מיט אַן אַנדער בייז און גוט.

אמאָל איז דער ספק און דער ווילען צו זיין א זעלבסט געווען דאָס בייז. יעמאָלט איז דער קראַנקער געווען א כופר בעיקר און די קראַנקע — א מכשפה. ווי א כופר און א מכשפה האָבען זיי געליטען און האָבען געוואָלט ברענגען ליידען.

אָבער דאָס וויל ניט אַריינדרינגען אין אייערע אויערען: איהר זאָגט מיר, דאָס וועט ברענגען שאָדען אייערע גוטע לייט. אָבער וואָס זאָלען מיך אַרען אייערע גוטע לייט?

א סך זאַכען אין אייערע גוטע לייט שלאָגען מיר צו דער גאַל, און בנאמנות ניט דאָס בייז אין זיי. איך וואָלט געוואָלט, זיי זאָלען האָבען א משוגעת, דורך וועלכער זיי זאָלען געהן צו גרונט, אַט ווי דער בלייכער פאַרברעכער.

בנאמנות, איך וואָלט געוואָלט, זייער משוגעת זאָל זיך רופען אמת אָדער טרייקייט אָדער יושר: אָבער זיי האָבען זייער טו־גענד צוליעב אריכת ימים אין א נעבעכדיגער צופרידענקייט מיט זיך גופא.

איך בין א שטאַכעט ביי דעם ברעג פון א שטראָם: כאַפּט זיך אָן מיר, ווער עס קאָן זיך אָנכאַפּען! קיין קוליע פאַר אייך אָבער בין איך ניט.

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

וועגען שרייבען און לייענען.

פון אלץ וואס איז געשריבען געוואָרען, ליעב איך נאָר דאָס, וואס איינער שרייבט מיט זיין בלוט. שרייב מיט בלוט: און דו וועסט געפינען, אז בלוט איז גייסט.

עס איז ניט אזוי גרינג צו פארשטעהן פרעמד בלוט: איך האס די וואס לעבען פון אומגעהן שלינג־און־שלאנג.

ווער עס איז בעקאנט מיט דעם לעזער, דער וועט גאָרנישט ניט טאָן צוליעב דעם לעזער. נאָך א יאָהרהונדערט לעזער — און דער גייסט גופא וועט אָנהויבען אויר'ן.

דאָס וואס יעדער איינער מעג זיך לערנען לעזען, פארדארבט מיט דער צייט ניט נאָר דאָס שרייבען, נאָר אויך דאָס דענקען.

אמאָל איז דער גייסט געווען גאָט, דערנאָך איז ער געוואָרען א מענש, און איצטער ווערט ער שוין דער המון־עם.

ווער עס שרייבט מיט בלוט און אין שפּרוכען וויל ניט געלע־זען ווערען, נאָר אויסגעלערנט ווערען אויף אויסוועניג.

אין די בערג איז דער נאָהענטסטער וועג — פון שפּיץ־בארג צו שפּיץ־בארג: אָבער דערצו מוז מען האָבען לאנגע פיס. שפּרוכען זאָלען ווי בארג־שפּיצען זיין: און די, צו וועמען מען רעדט, זאָלען זיין גרויס און הויך געוואקסען.

די לופט — דין און ריין, די געפאהר נאָהענט און דער גייסט פול פון פרעהליכער בייזקייט: אזוי פּאסט זיך דאָס איינס צו דעם אנדערן.

איך וויל האָבען קונדסים־רוחות ארום מיר, ווייל איך בין מוטיג. דער מוט, וואס פארטרייבט די געשפּענסטער, שאפט זיך אליין בארג־קונדסים, — דער מוט וויל לאכען.

איך פיהל ניט מעהר אין איינעם מיט אייך: אָט דער וואָלקען, וואס איך זעה אונטער מיר, אָט די שווארצקייט און שווערקייט, וואס איך לאך פון זיי, — דאָס גראָד איז אייער שטורעם־וואָלקען.

איהר קומט ארויף אין דער הויך, ווען איהר שמרעבט צו דער־הויבונג. און איך קוק אראפ ווייל איך בין אין דער הויך.

ווער פון אייך קאן איין צייט אי לאכען, אי זיין דער־הויבען?

ווער עס שטייגט אויף די העכסטע בערג, יענער לאכט פון אלע טרויער־שפּיעלען און טרויער־ערנסטען.

גאר־אהן־דאגות, פול מיט שפאט, גוואלד־טעטיג, — אזוי וויל אונז האבען די קלוגשאפענקייט: זי איז א ווייבס־פארשוין און האט תמיד ליעב נאר דעם קריעגס־מאן.

איהר זאגט מיר: „שווער צו טראגען דאס לעבען". אבער אויף וואס האט איהר אייער שטאלץ אין דעם פריה־מארגען און אייער הכנעה אין אווענט?

דאס לעבען איז שווער צו טראגען. אבער מאכט זיך דאך נים אזוי פארצערטעלט! מיר זיינען אלע אינאיינעם היבשע לאסט־טראגענדע אייזלען און אייזעלינען.

וואס גלייכען מיר זיך צו דער קנאספע פון א רויז, וואס ציטערט, ווייל א טראפען טוי ליעגט אויף איהר לייב?

ס'איז אמת, מיר ליעבען דאס לעבען, נים ווייל מיר זיינען געוואוינט צו לעבען, נאר ווייל מיר זיינען געוואוינט צו ליעבען.

עס איז אלע מאל דא א ביסעל משוגעת אין דער ליעבע. עס איז אבער אויך תמיד א ביסעל שכל אין דער משוגעת.

און אויך מיר, וואס איך בין גוט־פריינד מיט'ן לעבען, דוכט זיך, אז די זומער־פויגעלאך און די זייפען־בלאזען און די אנדערע פון זייער מין צווישען מענשען, ווייסען מעהר פאר אלעמען, וואס אזוינס גליק איז.

צוזעהן, ווי עס פלאטערען אט די לייכטע, בענארישטע, באַ־צירטע, לעבעדיגע קליינע נשמה'לעך — דאס ברענגט זאראטוס־טרא'ן צו טרערען און ליעדער.

איך וואלט געגלויבט נאר אין אזא גאט, וואס וואלט גוט גע־קאנט טאנצען.

און ווען איך האב דערזעהן מיין טייוועל, האב איך איהם

געפונען ערנסט, גרינטליך, טיעף, שבת־קודש׳דיג, דאָס איז דער גייסט פון שווערקייט, — א דאנק איהם פאַלען אַלע זאכען צו דער ערד.

ניט מיט צאָרן, מיט לאַכען דער׳הרג׳עט מען. שטעהט אויף, לאָמיר דער׳הרג׳ענען דעם גייסט פון שווערקייט.

איך האָב מיך אויסגעלערנט געהן—זינט יעמאָלט לאָז איך מיך לויפען. איך האָב מיך אויסגעלערנט פליהען — זינט יעמאָלט, דארף מען מיך ניט א שטויס טאָן, איך זאָל מיך ריהרען פון אָרט.

איצטער בין איך לייכט, איצטער פליה איך, איצטער זעה איך מיך אונטער זיך, איצטער טאַנצט א גאָט דורך מיר.

אזוי האָט גערעדט זאראַטוסטראַ.

* *
*

וועגען דעם בוים אויפ׳ן באַרג.

זאראַטוסטראַ׳ס אויג האָט געזעהען, ווי א יונגער בחור ווייכט איהם אויס. און ווען ער איז אַמאָל אין אַן אָוועגט ארומגעגאַנגען אַליין אין די בערג, וואָס רינגלען ארום די שטאָדט, וועלכע מען רופט „די ראַבע קוה“, האָט ער דערזעהן: ערשט דער יונגער בחור זיצט אָנגעלעהנט אָן א בוים און קוקט אראָפּ מיט מיעדע בליקען אין דעם טאָל. זאראַטוסטראַ האָט אָנגענומען דעם בוים, ביי וועלכען דער בחור איז געזעסען, און האָט אזוי געזאָגט:

„ווען איך וואָלט געוואָלט טרייסלען אָט דעם בוים מיט מיינע הענד, איך וואָלט דאָס ניט געקאָנט.

אָבער דער ווינט, וואָס מיר זעהען איהם ניט, ער פּייניגט און בויגט איהם, וואוהין ער וויל. מיר ווערען נאָך ערגער געבויגען און געפּייניגט פון פאַרבאָרגענע הענט“.

האָט זיך דער יונגער בחור פאַר׳חדוש׳ט אויפגעהויבען און האָט געזאָגט: „איך הער זאראַטוסטראַ׳ס קול און איך האָב נאָר וואָס געטראַכט וועגען איהם.“ זאראַטוסטראַ האָט געענטפערט:

„איז, וואָס האָסטו זיך דערשראָקען?

עס איז מיט דעם מענשען, ווי מיט דעם בוים.

וואָס מעהר ער קלעטערט אַרויף אין דער הויך און אין דער ליכטיג, אַלץ שטאַרקער שטרעבען זיינע וואָרצלען צו דער ערד־צו, אַראָב־צו, אין דער טונקעל, אין דער טיעף, — אין דאָס בייז".

„יע, אין דאָס בייז! האָט אויסגערופען דער בחור. ווי אַזוי איז דאָס מעגליך, וואָס דו האָסט אַנטפּלעקט מיין נשמה?"

זאַראַטוסטראַ האָט אַ שמייכעל געטאָן און האָט געזאָגט: „פאַראַן נשמות, וואָס מען קאָן קיין מאָל ניט אַנטפּלעקען, סיידען מען זאָל זיי פריהער ערפינדען."

„יע, אין דאָס בייז! — האָט דער בחור נאָך אַמאָל אויסגערופען.

דו האָסט געטראָפען דעם אמת, זאַראַטוסטראַ. איך גלויב אין זיך אַליין ניט מעהר, זינט איך שטרעב צו דער הויך, און קיינער גלויבט אין מיר ניט מעהר, — ווי אַזוי קומט דאָס?

איך פאַרוואַנדעל מיך צו שנעל. מיין היינט איז סותר מיין נעכטען. איך שפּרינג אַריבער אָפט די טרעפּלעך, איבער וועלכע איך שטייג, — דאָס וויל מיר קיין טרעפּעל ניט מוחל זיין.

בין איך אויבען, בין איך תמיד אַליין. קיינער רעדט מיט מיר ניט, און דער פראָסט פון איינזאַמקייט מאַכט מיך ציטערען. וואָס דאַרף איך דאָ אין דער הויך?

מיין פאַראַכטונג און מיין בענקשאַפט וואַקסען אין איינעם. וואָס העכער איך שטייג, אַלץ מעהר פאַראַכט איך דעם, וואָס שטייגט. וואָס זוכט ער דאָ אין דער הויך?

ווי שעהם איך מיך פאַר מיין שטייגען און שטרויכלען! ווי בעשפּאָט איך מיין העפטיגען שווערען אָטעמען! ווי האָס איך דעם, וואָס פליהט! ווי מיעד בין איך אין דער הויך!"

דאָ איז דער יונגער בחור אַנטשוויגען געוואָרען, און זאַראַטוסטראַ האָט בעטראַכט דעם בוים, ביי וועלכען זיי זיינען געשטאַנען, און האָט אַזוי געזאָגט:

„אַט דער בוים שטעהט איינזאַם דאָ אין די בערג; ער איז אַרויסגעוואַקסען הויך איבער מענש און חיה.

און ווען ער וואָלט ריידען געוואָלט, וואָלט ער קיינעם ניט געהאַט, ווער עס זאָל איהם פאַרשטעהן: אַזוי הויך איז ער אויסגעוואַקסען.

נו — ווארט ער און ווארט, — אויף וואָס ווארט ער דאָך? ער וואוינט צו נאָהענט צו דעם זיץ פון די וואָלקענס: ווארט ער אפשר אויף דעם בליץ?"

ווען זאַראַטוסטראַ האָט דאָס געזאָגט, האָט דער יונגער בחור אויסגערופען מיט העפטיגע זשעסטען: „יע, זאַראַטוסטראַ, ס'איז אמת, וואָס דו זאָגסט. נאָך מיין אונטערגאַנג האָב איך געבענקט, בעת איך האָב געשטרעבט אין דער הויך, און דו ביסט דער בליץ, אויף וועלכען איך האָב געוואַרט! זעה, וואָס בין איך נאָך אַזוינס, זינט דו האָסט זיך באַוויזען צווישען אונז. די קנאה צו דיר, — אַט דאָס האָט געמאַכט פון מיר אַ תל."

אַזוי האָט גערעדט דער בחור און האָט ביטער געוויינט. זאַראַטוסטראַ אָבער האָט אַרויפגעלייגט זיין אָרעם אויף איהם און האָט איהם אַוועקגעפיהרט מיט זיך.

און ווען זיי זיינען אַ ווייל געגאַנגען אין איינעם, האָט זאַראַטוסטראַ אָנגעהויבען צו ריידען, אַזוי צו זאָגען:

„עס צורייסט מיר מיין הארץ. בעסער איידער דיינע רייד, דערצעהלט מיר דיין אויג וועגען דיין גאַנצער געפאַהר.

נאָך ביסטו ניט פריי, דו זוכסט ערשט די פרייהייט.

צו איבערוואָך האָט דיך געמאַכט דיין זוכען און האָט ביי דיר אַוועקגענומען דעם שלאָף.

דו ווילסט אין די פרייע הויך, נאָך שטערען דאַרשט דיין נשמה. אָבער אויך דיינע ערגסטע אימפּולסען דאַרשטען נאָך פרייהייט.

דיינע ווילדע הינט ווילען אין די פריי; זיי בילען אויס לוסט אין זייער קעלער, בשעת דיין גייסט טראַכט ווי צו עפענען אַלע תפיסה'ס.

דו ביסט נאָך — מיר דוכט — א געפאַנגענער, וואָס טרוימט נאָר וועגן פרייהייט פאַר זיך: אָך, די נשמה פון אַזעלכע געפאַנ־גענע ווערט קלוג אָבער אויך שלאַנגיג און שלעכט.

אויך דער בעפרייטער אין גייסט דאַרף זיך רייניגען. א סך געפענגנים און קויט בלייבט נאָך אין איהם; זיין אויג דאַרף נאָך ערשט ווערען ריין.

יע, איך וויים דיין געפאַהר. אָבער איך באַשווער דיך ביי מיין ליעבע און מיין האָפענונג: וואַרף ניט אַוועק דיין ליעבע און דיין האָפענונג.

איידעל פיהלסטו דיך נאָך און איידעל פיהלען דיך נאָך די אַנדערע, וואָס זיינען ברוגז אויף דיר און וואַרפען דיר נאָך בייזע בליקען. זיי וויסען, אַז אַלעמען אין וועג שטעהט אַן איידעלער מענש.

אויך פאַר די גוטע מענשען שטעהט אַן איידעלער אין וועג, און אפילו ווען זיי רופען איהם א גוטער מענש, ווילען זיי איהם דורך דעם אָפּרוקען אָן א זייט.

נייע זאַכען וויל דער איידעלער שאַפען און א נייע רעכטשאַ־פענקייט. אַלטע וויל דער גוטער, און אַז דאָס אַלטע זאָל בלייבען אָפּגעהיט ווי געוועזן.

אָבער ניט אין דעם איז די געפאַהר פאַר דעם איידעלען, וואָס ער קאָן ווערען א גוטער, נייערט וואָס ער קאָן ווערען א חצוף, א חוזק־מאַכער, א צושטערער.

אַך, איך האָב געקענט איידעלע, וואָס האָבען פאַרלאָרען זייער העכסטע האָפענונג און דערנאָך האָבען זיי גענומען פאַרשוואַרצען אַלע הויכע האָפענונגען.

האָבען זיי אָנגעהויבען לעבען חוצפה'דיג, אין קורצוויילינע תענוגים און זייערע ציעלען האָבען קוים געקלעקט אויף א טאָג.

„גייסט איז אויך נאָר תאוה־לוסט" — אזוי האָבען זיי געזאָגט. יעמאָלט זיינען צובראָכען געוואָרען די פליגלען ביי זייער גייסט: נו, קריעכט ער אַרום און באַשמוצט אַלץ וואָס ער נאָגט.

אַמאָל האָבען זיי געטרוימט צו ווערען העלדען. בעלי־תאוה

זיינען זיי איצטער. אַ צאָרן און אַן אימה איז זיי איצטער דער העלד.

אָבער ביי מיין ליעבע און מיין האָפענונג באַשוועהר איך דיך: היט אָפּ אין דיין נשמה דעם העלד! האַלט הייליג דיין העכסטע האָפענונג!“

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

די, וואָס פּריידיגען דעם טויט.

עס זיינען דאָ פּריידיגער פון דעם טויט: און די ערד איז פול מיט אַזעלכע, וועמען מען מוז פּריידיגען, זיי זאָלען זיך אָפּ־קערען פון לעבען.

פול איז די ערד פון איבעריגע, פאַרדאָרבען איז דאָס לעבען דורך די פיעל־צו־פיעלע. הלואי נאַרט מען זיי אַוועק פון דעם לעבען מיט דעם „אייביגען לעבען“!

„געלע“, אַזוי רופט מען די פּריידיגער פון טויט, אָדער „שוואַרצע“. אָבער איך וועל זיי אַרויספיהרען נאָך אין אַנדערע פאַרבען.

אָט זיינען די מאוים'דיגע, וואָס טראָגען אַרום אין זיך די חיה־רעה און האָבען קיין אַנדער ברירה ניט: אָדער תאוה־לוסט אָדער פּייניגען דעם אייגענעם גוף. און זייערע תאוה־לוסטען זיי־נען אויך אַ צורייסען פון דעם אייגענעם פלייש.

זיי זיינען נאָך גאָר ניט געוואָרען קיין מענשען, אָט די מאוים'דיגע: זאָלען זיי פּריידיגען דעם אָפּקער פון לעבען און זאָלען זיי זיך אַליין אָפּטראָגען!

אָט זיינען מענשען מיט דעריגע נשמות: קוים זיינען זיי געבאָרען, אַזוי הויבען זיי שוין אָן צו שטאַרבען. זיי בענקען נאָך די לעהרען פון איינגעמאַטערטקייט און בטול־היש.

זיי ווילען גריילעך טויט זיין, און מיר זיינען מסכים מיט

זייער ווילען! לאָמיר זיך היטען, אויפצואוועקען אָט די מתים און אויפצוברעכען אָט די לעבעדיגע טרונעס.

באַגעגענען זיי נאָר אַ קראַנקען, אָדער אַן אַלטען מאַן, אָדער אַ לויה; באַלד זאָגען זיי: „דאָס לעבען איז אָפּגעפּרעגט".

אָבער נאָר זיי זיינען אָפּגעפּרעגט און זייערע אויגען וואָס זעהען נאָר א י ן אויסבליק אין זייער זיין אויף דער וועלט. איינגעוויקעלט אין טיעפער מרה־שחורה, און להוט נאָך די קליינע צופאַלען, וואָס ברייננגען דעם טויט, אַזוי וואַרטען זיי מיט פאַרקלאַמערטע ציינער.

אָדער גאָר: זיי נעמען זיך פאַר צוקערלעך און דערביי שפּאָ־טען זיי פון זייער קינדעריי: זיי האַלטען זיך אָן אַ שטרויעלע לע־בען, און שפּאָטען, וואָס זיי האַלטען זיך נאָך אָן אַ שטרויעלע.

זייער קלוגשאַפענקייט רעדט אַזוי: אַ שוטה איז דער, וואָס בלייבט ביים לעבען, אָבער מיר זיינען שוטים! און דאָס איז די גרעסטע שטות אין דעם לעבען!

„ס'לעבען איז נאָר ליידען" זאָגען אַנדערע און ליגען ניט: איז — זעהט דאָך, אַז א י ה ר זאָלט אויפהערען צו ליידען. איז — זעהט דאָך, אַז עס זאָל אויפהערען אַ לעבען, וואָס איז נאָר ליידען!

און אַזוי זאָל זיין די לעהרע פון אייער רעכטשאַפענקייט: „דו זאָלסט דיך אַליין ממית'ן! דו זאָלסט דיך אַליין אַוועק־גנב'ענען פון זיך."

„תאוה־לוסט איז אַ זינד, — זאָגען אייניגע פון די טויט־פריידיגער, — לאָמיר אַוועקגעהן אָן אַ זייט און ניט פּרובּפּערן קיין קינדער".

„געבוירען איז אַ טרחא, — זאָגען די אַנדערע, — צו וואָס נאָך געבוירען? מען געבוירט נאָר אומגליקליכע!" — אויך זיי זיינען פריידיגער פון טויט.

„מען מוז רחמנות האָבען — זאָגען די דריטע. נעמט אַלץ, וואָס איך האָב! נעמט אַלץ, וואָס איך בין! אויף אַזוי פיעל וועניגער וועל איך זיין געבונדען צום לעבען!"

וואָלטען זיי געווען בארמהארציג פון גרונט אויס, וואָלטען זיי געדאַרפט דעם אַנדערן׳ס לעבען פאַרביטערען: שלעכט זיין, — דאָס וואָלט געווען זייער ריכטיגע גוטסקייט.

אָבער זיי ווילען פּטור ווערען פון לעבען: זייער דאגה, וואָס זיי בינדען די אַנדערע נאָך פעסטער מיט זייערע קייטען און מתנות! —

און אויך איהר, פאַר וועמען דאָס לעבען איז ווילדע אַרבייט און אומרוה, זייט איהר ניט זעהר מאַט פון לעבען? זייט איהר שוין ניט צייטיג פאַר די פּריידיגער פון טויט?

איהר אַלע, וועמען עס איז ליעב די ווילדע אַרבייט און דאָס רעש׳יגע נייע, פרעמדע, איהר זייט זיך אַליין א לאַסט.

אייער התמדה איז וועלען אַנטלויפען, וועלען פאַרגעסען זיך אַליין.

וואָלט איהר מעהר געגלויבט אין לעבען, וואָלט איהר זיך ווייניגער אַוועקגעגעבען דעם אויגענבליק. אָבער צו וואַרטען האָט איהר ניט גענוג אינהאַלט אין זיך — און אַפילו ניט גענוג פוילען־זיך.

אומעטום קלינגט די שטים פון די, וואָס פּריידיגען דעם טויט: און די ערד איז פול מיט אַזעלכע, וועמען עס מוז געפּרע־דיגט ווערען דער טויט;

אָדער „דאָס אייביגע לעבען", — דאָס איז פאַר מיר קיין חלוק ניט, — אַבי זיי זאָלען זיך וואָס שנעלער אָפּטראָגען!

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

קריעג און קריעגס־לייט.

מיר וועלען ניט ווערען געשוינט פון אונזערע בעסטע פיינד, און אויך ניט פון יענע וואָס מיר ליעבען זיי פון גרונט־הארצען. איז — לאָזט מיך אייך זאָגען דעם אמת.

מיינע ברידער אין קריעג! איך ליעב אייך פון גרונט האַר־

צען. איך בין, און בין אַלעמאָל געווען, אייערם אַ גלייכען. און איך בין אויך זייער בעסטער פיינד. איז — לאָזט מיך אייך זאָגען דעם אמת.

איך ווייס די שנאה און קנאה פון אייער הארצען. איהר זייט ניט גענוג גרויס, ניט צו קאָנען קיין שנאה און קנאה. איז — זייט דאָך גענוג גרויס, ניט צו שעמען זיך מיט זיי!

און אויב איהר קאָנט ניט זיין די קדושים פון דער דערקענטניס, איז זייט וועניגסטענס איהרע קריעגסלייט. דאָס זיינען די מיט־פאָהרער און די פאָרלויפער פון אזא הייליגקייט.

איך זעה אַ סך סאָלדאַטען: איך וואָלט געוואָלט זעהן אַ סך קריעגס־לייט. „אוניפאָרם", „איין־פאָרם", רופט מען דאָס, וואָס זיי טראָגען: הלואי איז דאָס ניט קיין איין־פאָרם דאָס, וואָס זיי פאַרדעקען דערמיט.

איהר זאָלט מיר זיין אזוינע, וועמעס אויג עס זוכט תמיד דעם פיינד — אַ י י ע ר פיינד. און ביי אייניגע פון אייך וואַכט אויף די שנאה ביי דעם ערשטען בליק.

אייער פיינד זאָלט איהר זוכען, אייער קריעג זאָלט איהר פיהרען, און צוליעב אייערע געדאנקען! און ווען אייער געדאנק ווערט געשלאָגען, זאָל אייער עהרליכקייט נאָך אויסרופען דעם טריאומף.

איהר זאָלט ליעב האָבען דעם שלום, ווי אַ מיטעל צו נייע מלחמות. און אַ קורצען שלום מעהר איידער אַ לאנגען.

מיין עצה פאַר אייך איז ניט די ארבייט, נייערט דער קאַמף. מיין עצה פאַר אייך איז ניט דער שלום, נייערט דער זיעג. אייער ארבייט זאָל זיין אַ קאַמף, אייער שלום זאָל זיין אַ זיעג!

שווייגען און זיצען שטיל קאָן מען נאָר יעמאָלט, ווען מען האָלט דעם פייל־און־בויגען אין די הענט: אז ניט פלאַפּעלט מען און מען קריעגט זיך. אייער שלום זאָל זיין אַ זיעג!

איהר זאָגט, די גוטע זאַך הייליגט אפילו דעם קריעג? איך זאָג אייך: דער גוטער קריעג הייליגט יעדע זאַך.

קריעג און קוראזש האָבען אויפגעטאָן מעהר גרויסע זאכען

איידער די ליעבע צום צווייטען. ניט אייער רחמנות, נייערט אייער מוטיגקייט האָט ביזאהער געדעטעט די אומגליקליכע.

וואָס איז גוט? מוטיג זיין איז גוט. לאָזען זיך די קליינע מיידלעך ריידען: „גוט זיין איז, וואָס איז היבש און אין דערזעלבינער צייט ריהרענד".

מען רופט אייך הארצלאָזע. אָבער אייער הארץ איז עכט און איך ליעב די פארשעמטקייט פון אייער הארצליבקייט. איהר שעמט זיך מיט אייער צופלוס און אנדערע שעמען מיט זייער אָפּפלוס.

איהר זייט העסליך? נו — מילא, מיינע ברידער! טוט אָן ארום אייך דאָס דערהויבענע, דעם מאנטעל פאר דאָס העסליכע!

און ווען אייער נשמה ווערט גרויס, ווערט זי איבער־מוטיג און אין אייער דערהויבענקייט איז בייזקייט. איך קען דאָך אייך.

אין דער בייזקייט באגעגענט זיך דער איבער־מוטיגער מיט דעם חלוש. אָבער זיי פארשטעהען ניט איינער דעם אנדערען. איך קען דאָך אייך.

איהר זאָלט האָבען נאָר אזוינע פיינד, וואָס צום האסען, אָבער ניט אזוינע, וואָס צום פאראכטען. איהר מוזט זיין שטאָלץ אויף אייערע פיינד: יעמאָלט וועלען די ערפאָלגען פון אייערע פיינד זיין אויך אייערע ערפאָלגען.

מורד זיין אין דעם האר — דאָס איז די גדלות פון דעם שקלאוו. אייער גדלות זאָל זיין — פאָלגען! אייער באפעהלען גופא זאָל זיין א פאָלגען.

דעם גוטען קריעגסמאן קלינגט דער „דו זאָלסט" אנגענעמער איידער דער „איך וויל". און אלץ, וואָס אייך איז ליעב, זאָלט איהר זיך פריהער לאָזען באפעהלען.

אייער ליעבע צום לעבען זאָל זיין די ליעבע צו אייער העכסטער האָפענונג און אייער העכסטע האָפענונג זאָל זיין דער העכסטער געדאנק פון דעם לעבען.

אייער העכסטען געדאנק אָבער זאָלט איהר זיך לאָזען באפעהלען פון מיר — און ער הייסט: מענש איז עפּעס אזוינס, וואָס דאַרף אריבערגעשטיגען ווערען.

אזוי לעבט אייער לעבען פון פאָלגען און פון קריעג! וואָס פאר א באטרעף האט דאָס אריכת־ימים! וועלכער קריעגסמאַן וויל מען זאָל איהם שוינען!

איך שוין אייך ניט, איך ליעב אייך פון גרונט־הארצען, מיינע ברידער אין קריעג!

אזוי האָט גערעדט זאראטוסטרא.

* *
*

דער נייער אָפּגאָט.

ערגעץ־וואו זיינען נאָך דאָ פעלקער און הערדען, אָבער ניט ביי אונז, מיינע ברידער: דאָ האָבען מיר שטאאטען.

שטאאט? וואָס איז דאָס אזוינס? איז גוט עפענט נאָר אויף אייערע אויערען, ווייל איצטער זאָג איך מיין וואָרט וועגען דעם טויט פון די פעלקער.

א שטאאט הייסט די קאלטעסטע פון אלע קאלטע פארקוקע־נישען. קאלט לאיגט זי אייך אָן. און דאָס איז דער שקר, וואָס קריכט פון איהר מויל: „איך, דער שטאאט, בין דאָס פאָלק".

כזב ושקר! שאפענדע זיינען דאָס געווען, וואָס האָבען בע־שאפען די פעלקער און האָבען ארומגעהאנגען ארום זיי א גלויבען און א ליעבע: אזוי האָבען זיי געדיענט דעם לעבען. צושטערער זיינען דאָס, וואָס שטעלען אוועק פאנג־פאלען פאר די פיעלע און רופען דאָס שטאאט: זיי הענגען זיי ארום א שווערד און הונדערט תאוות.

וואו עס איז נאָך דאָ א פאָלק, פארשטעהט עס ניט דעם שטאאט און האסט איהם ווי א בייזען בליק און א זינד אנטקעגען די מנהגים און די רעכטען.

אָט דעם סימן גיב איך אייך: איטליך פאָלק האָט זיין לשון פאר גוט און בייז, דער שכן פארשטעהט איהם ניט. זיין לשון האָט ער זיך ערפונדען אין מנהגים און רעכטען.

דער שטאאט אָבער לאיגט אין אלע לשונות פאר גוט און

בייז; און וואָס ער זאָל ניט ריידען, לאַיגט ער, און וואָס ער זאָל ניט האָבען, גע׳גנב׳עט האָט ער עס.

פאַלש איז אַלץ אין איהם; מיט גע׳גנב׳עטע צייהן בייסט ער, דער בייסיגער. פאַלש אין איהם זיינען אפילו די אינגעווייד זיינע.

א שפּראַך־צומישענים פון גוט און בייז: אָט דעם סימן גיעב איך אייך, ווי דעם סימן פון דעם שטאַאט. בנאמנות, דער סימן טייט אָן אויף דעם ווילען צו טויט! בנאמנות, ער ווינקט צו די פריידיגער פון טויט!

פיעל־צו־פיעלע ווערען געבוירען: פאַר אָט די, וואָס זיינען איבעריג, האָט מען דעם שטאַאט ערפונדען.

קוקט נאָר אָן, ווי ער נאַרט זיי אריין צו זיך, די פיעל־צו־פיעלע! ווי ער שלינגט זיי איין און קייט זיי און איז מעלה־גרה.

„אויף דער ערד איז ניטאָ קיין גרעסערע זאַך, איידער איך: איך בין דער רעגולירענדער פינגער פון גאָט" — אזוי ברילט די ווילדע בריאה. און ניט נאָר לאַנג־גע׳אויערטע און קורץ־גע׳אויגטע פאַלען אויף זייערע קניע!

אַך, אויך אין אייך, איהר גרויסע נשמות, סוד׳עט ער אריין זיינע פינסטערע ליגענס! אַך, ער געפינט אוים די רייכע הערצער, וואָס ווילען זיך גערן פארשווענדען!

יע, אויך אייך געפינט ער אוים, איהר באַזיעגער פון דעם אַלטען גאָט! מיעד זייט איהר געוואָרען אין קאַמף, און איצטער דיענט אייער מאַטקייט דעם נייעם אָפּגאָט!

העלדען און עהרליך־בכבוד׳ע לייט וואָלט ער געוואָלט ארומשטעלען ארום זיך, דער נייער אָפּגאָט. גערן זונט זי זיך אין דעם זונען־שיין פון גוטע געוויסענס, — די קאַלטע פארקוקעניש. אַלץ וויל ער א י י ך געבען, ווען א י ה ר זאָלט זיך נאָר בוקען צו איהם, דער נייער אָפּגאָט: אויף אזוי ארום קויפט ער זיך דעם גלאַנץ פון אייער רעכטשאַפענקייט אין דעם בליק פון אייערע שטאָלצע אויגען.

די פיעל־צו־פיעלע וויל ער ארייגפאַנגען מיט אייך. יע, א

גיהנום־קונץ־שטיק איז דאָ אויסגעטראַכט געוואָרען, א טויטען־פערד קלימפּערט מיט דעם פּוץ פון געטליכע עהרען.

יע, א שטאַרבען פאַר פיעלע האָט מען דאָ ערפונדען, וואָס לויבט זיך אליין און זאָגט: ער איז דאָס לעבען. באמת, א האַרצענס־דיענסט פאַר אלע פּריידיגער פון טויט!

שטאַאַט רוף איך אָן דאָס, וואו אלע זיינען גיפט־טרינקער, די גוטע און די שלעכטע: שטאַאַט, וואו אלע פאַרלירען זיך אליין, די גוטע און די שלעכטע: שטאַאַט, וואו אלעמענס לאַנגזאַמער זעלבסט־מאָרד רופט זיך אָן „דאָס לעבען".

קוקט נאָר אָן אָט די, וואָס זיינען די איבעריגע! זיי גנב'ענען די ווערק פון די ערפינדער און די אוצרות פון די קלוג־שאַפּענע: „בילדונג" רופען זיי אָן זייער גניבה — און אלץ ווערט ביי זיי א חלאת און א פּגע רע!

קוקט מיר נאָר אָן אָט די איבעריגע! קראַנק זיינען זיי תמיד, זיי ברעכען אויס זייער גאַל און רופען דאָס „צייטונג". זיי פאַרשלינגען איינער דעם אַנדערן און קאָנען זיך ניט פאַרדייען.

קוקט נאָר אָן אָט די איבעריגע! זיי זאַמלען אָן רייכטימער און ווערען דורך דעם אָרימער. מאַכט ווילען זיי, און קודם דעם הויב־אייזען פון דער מאַכט, א סך געלט, — די קראַפּטלאָזע!

זעהט, ווי זיי קלעטערען, די געשווינדע אפען! זיי קלעטע־רען איינער איבער דעם אַנדערען און אזוי אַרום שלעפּען זיי איינער דעם אַנדערען אין קויט אריין און אין דער טיעף אַראָפּ.

אהין, צום טהראָן, שטרעבען זיי אלע: דאָס איז זייער משוגעת, — אקוראַט ווי אויפ'ן טהראָן וואָלט געזעסען דאָס גליק! אָפט זיצט קויט אויפ'ן טהראָן — און אָפט אויך דער טהראָן אויף דעם קויט.

משוגעים זיינען זיי מיר אלע און קלעטערענדע אפען און איבערגעהיצטע. א שלעכטער אויר טראָגט זיך מיר פון דעם אָפּגאָט, דער קאַלטער בריאה משונה, שלעכט אויר'ן זיי מיר אלע אין איינעם, אָט די געצענדיענער.

מיינע ברידער, ווילט איהר דען פאַרשטיקט ווערען אין דעם

דונסט פון זייערע מיילער און פון זייערע תאוות! בעסער צו־
ברעכט דאָך די פענסטער און שפרינגט ארויס אין די פריי.

מיידט דאָך אויס דעם שלעכטען גערוך! מיידט אויס
די געצענדיענעריי פון די איבעריגע!

געהט דאָך אוועק פון דעם שלעכטען גערוך! מיידט אויס
דעם דאַמף פון די מענשליכע קרבנות.

פריי שטעהט נאָך איצטער די ערד פאַר גרויסע נשמות. פאַר
איינזאַמע און צווייזאַמע זיינען נאָך ליידיג פיעלע פלעצער, ארום
וועלכע עס וועהט דער גערוך פון שטילע ים'ען.

פריי שטעהט נאָך פאַר גרויסע נשמות א פריי לעבען. באמת,
ווער עס באַזיצט ווייניג, אויף אַזוי פיעל וויינינגער ווערט ער דעם
אנדערן'ס באַזיץ.

געלויבט זאָל זיין די אָרעמקייט!

דאָרטען, וואו דער שטאַאט הערט אויף, דאָרטען באַגינט
ערשט דער מענש, וואָס איז ניט קיין איבעריגער: דאָרטען באַגינט
דאָס ליעד פון דעם נויטווענדיגען, די איינמאָליגע, ניט צו פאַר־
בייטענדע מעלאָדיע.

דאָרטען, וואו דער שטאַאט הערט אויף, איך בעט
אייך, מיינע ברידער, אַהין טוט א קוק! זעהט איהר דאָרטען ניט
דעם רעגענבויגען און די בריקען פאַר דעם אויבער־מענש?

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

*   *
*

די פליעגען אויף דעם מארק־פלאַץ.

פליה, מיין פריינד, אין דיין איינזאַמקייט! איך זעה דיך
באַטויבט דורך דעם ליאַרם פון די גרויסע מענשען און דערשטאָ־
כען מיט די שטעכערס פון די קליינע.

וואַלד און פעלז ווייסען אין חשיבות ווי צו שווייגען אין
איינעם מיט דיר. ווער ווידער גלייך צו דעם בוים, וואָס דו

ליעבסט, דעם ברייט־צווייגיגען. שטיל און זיך צוהערענד הענגט ער איבער דעם ים.

וואו די איינזאַמקייט הערט אויף, דאָרטען הויבט זיך אָן דער מאַרק, און וואו דער מאַרק הויבט זיך אָן, דאָרטען הויבט זיך אָן אויך דער ליאַרעם פון די גרויסע אַקטיאָרען און דאָס אַרומשווירבלען פון די גיפטיגע פליעגען.

אין דער וועלט טויגען אפילו די בעסטע זאַכען ניט אָהן דעם מאַן, וואָס פיהרט זיי אויף: גרויסע מענער רופט דאָס פאָלק יענע אויפפיהרער.

דאָס פאָלק פאַרשטעהט וועניג דאָס גרויסע, דאָס הייסט, דאָס שאַפענדע. אָבער עס האָט אַ חוש פאַר אַלע אַקטיאָרען און אויפ־פיהרער פון גרויסע זאַכען.

אַרום די ערפינדער פון נייע ווערטהען דרעהט זיך די וועלט: אומגעזעהען דרעהט זיך די וועלט. אָבער אַרום די אַקטיאָרען דרעהט זיך דאָס פאָלק און דער רוהם: אַזוי איז דאָס „דער לויף פון דער וועלט“.

גייסט האָט דער אַקטיאָר, אָבער וועניג געוויסען פונ׳ם גייסט. תמיד גלויבט ער אין דעם, מיט וואָס ער מאַכט אַם שטאַרקסטען צו גלויבען, — צו גלויבען אין א י ה ם.

מאָרגען האָט ער אַ נייעם גלויבען און איבערמאָרגען אַ נייערען. געשווינדע חושים האָט ער, ווי דאָס פאָלק, און פאַרענדערליכע שטי־מונגען.

אַנידערוואַרפען, דאָס הייסט ביי איהם: באַווייזען. פאַרדרע־הען דעם קאָפּ — דאָס הייסט ביי איהם: איבערצייגען. און בלוט איז פאַר איהם דער בעסטער פון אַלע טעמים.

אַן אמת, וואָס קאָן דורכגעהן נאָר אין איידעלע אויערען, רופט ער אָן שקר און הבל־הבלים. באמת, ער גלויבט נאָר אין יענע געטער, וואָס מאַכען אַ גרויסען ליאַרעם אין דער וועלט!

פול מיט גדלות׳דיגע לצים איז דער מאַרק — און דאָס פאָלק האַלט זיך גרוים מיט זיינע גדולים! דאָס זיינען פאַר איהם די הארען פון דער שעה.

אָבער די שעה שטופּט זיי: איז — שטופּען זיי דיך. און אויך פון דיר פאָדערען זיי יע אָדער ניין. וועה, דו ווילסט אוועק־שטעלען דיין שטול צווישען פאר און געגען?

זיי ניט אייפערזיכטיג אויף די אומבאַדינגטע און שטופּענדע, דו, ליעבהאָבער פון דעם אמת! נאָך קיין מאָל האָט דער אמת זיך זיך ניט אָנגעהאנגען אָן דעם אָרעם פון אָן אומבאַדינגטען.

איבער אָט די פּלוצלונג־מענשען געה צוריק אין דיין זיכער־קייט: נאָר אויפ׳ן מאַרק בעפאַלט מען איינעם מיט יע? אָדער ניין?

לאַנג געוועהרט די ערפאַהרונג ביי אַלע טיעפע ברונענס.

לאַנג מוזען זיי וואַרטען, ביז זיי ווייסען, וואָס עס איז גע־פאַלען אין זייער טיעף.

ווייט פון׳ם מאַרק און די קלינגענדע נעמען קומט פאָר אַל דאָס גרויס: ווייט פון מאַרק און דעם קלינגענדען נאָמען האָבען מעולם געוואוינט די ערפינדער פון נייע ווערטען.

פליה, מיין פריינד, אין דיין איינזאַמקייט: איך זעה דיך צושטאָכען פון גיפטיגע פליעגען. פליה אַהין, וואו עס וועהט די רויהע שטאַרקע לופט!

פליה אין דיין איינזאַמקייט! דו האָסט געלעבט צו נאָהענט צו די קליינע און די יאָמערליכע באַשעפּענישען. פליה פון זייער אומ־זיכטבאַרער נקמה! בנוגע צו דיר האָבען זיי גאָרנישט, אַ־חוץ נקמה.

הויב ניט אויף מעהר דיין אָרעם אַנטקעגען זיי! אָהן אַ צאָהל זיינען זיי, און ניט דיין גורל איז עס, צו זיין אַ טרייב־בעזים פאַר פליעגען.

אָהן אַ צאָהל זיינען אָט די קליינע און צרה׳דיגע; און ניט איין שטאָלצען בנין האָבען רעגענטראָפּענס און ווילד־גראָזען חרוב געמאַכט.

דו ביסט ניט קיין שטיין, און שוין ביסטו אויסגעלעכערט פון פיעלע טראָפּענס. דו קאָנסט נאָך מיר צוּבראָכען און צופּלאַצט ווערען פון פיעלע טראָפּענס.

איך זעה דיך איינגעמאַטערט פון די גיפטיגע פליעגען, איך

זעה דיך בלוטיג, צוביסען אין הונדערט ערטער; און דיין שטאָלץ וויל אפילו ניט ווערען אין כעס.

בלוט וואָלטען זיי וועלען פון דיר אין זייער גאַנצער אומשולד, בלוט באַגעהרען זייערע בלוט־לײדיגע נשמות — און זיי שטעכען דעריבער אין זייער גאַנצער אומשולד.

אָבער דו, טיפּעפּער, דו לײדסט צו טיעף, אויך פון קליינע וואונ־דען; און אײדער דו ביסט געהיילט געוואָרען, קריעכט שוין דער־זעלביגער גיפט־וואָרים איבער דיין האַנד.

צו שטאָלץ ביסטו מיר, אַז די נאַשער צו טויטען. היט דיך אָבער, עס זאָל ניט ווערען דיין פאַרהענגעניס, צו טראָגען דעם גאַנצען גיפטיגען אומרעכט זייערען!

זיי זשומען ארום דיר אויך מיט זייער לויב: אַן אָנטשעפּעניס איז זייער לויבען. זיי ווילען זיין נאָהענט צו דיין הויט און דיין בלוט.

זיי חנפה'נען דיר, ווי אַ גאָט אָדער אַ טייוועל; זיי וויינזלען פאַר דיר, ווי פאַר אַ גאָט אָדער אַ טייוועל. וואָס באַטרעפט דאָס! חניפות־טרייבער זיינען דאָס און וויינזלער, און מעהר גאָרנישט.

אָט באַווייזען זיי זיך פאַר דיר, ווי ליעבענסווירדיגע. אָבער דאָס איז תמיד געווען די חכמה פון די פחדנים — יע, די פחדנים זיינען קלוג.

זיי טראַכטען אַ סך וועגען דיר אין זייער ענגער נשמה, — ביסט אַלע מאָל אין חשד ביי זיי. אַלץ, וואָס ווערט פיעל באַטראַכט, רופט ארויס אַ פאַרדאַכט.

זיי באַשטראָפען דיך פאַר אַלע דיינע טוגענדען. זיי זיינען דיר פון גרונט־אויס מוחל — דיינע טעות'ען.

ווייל דו ביסט מילד און פון אַ גערעכטען זין, זאָגסטו: „אומ־שולדיג זיינען זיי אין זייער קליינער עקזיסטענץ". אָבער זייער ענגע נשמה דענקט: „פול מיט שולד איז יעדע גרויסע עקזיסטענץ".

אפילו ווען דו ביסט מילד מיט זיי, פיהלען זיי, אַז זיי זיינען פון דיר פאַראַכטעט; און זיי באַצאָהלען דיר פאַר דיין וואויל־טאָן זיי מיט אַ פאַרשטעקטען וועה־טאָן.

דיין שטומער שטאָלץ געהט אַלע מאָל להיפך צו זייער גע־שמאַק; זיי קוועלען אָן, ווען דו ביסט אַמאָל געגוג עניו, צו זיין איטעל.

וואָס מיר דערקענען אין אַ מענשען, דאָס צינדען מיר אין איהם אָן. ממילא, היט זיך פאַר די קליינע!

זיי פיהלען זיך קליין פאַר דיר, און זייער נידעריגקייט גלימ־צערט און גליהט אַנטקעגען דיר אין אַ פאַרדעקטער נקמה.

האָסטו ניט באַמערקט, ווי אָפט זיי ווערען שטום, ווען דו טרעטסט נעהענטער צו זיי, און ווי זייער קראַפט איז אַוועק פון זיי, ווי רויך פון אַ פאַרלאָשענעם פייער?

יע, מיין פריינד, דו ביסט דער בייזער געוויסען פאַר דיינע שכנים: ווייל זיי זיינען דיך ניט ווערט. דערפאַר האַסען זיי דיך און וואָלטען גערן וועלען זויגען דיין בלוט.

דיינע שכנים וועלען תמיד זיין גיפטיגע פליגען. דאָס, וואָס איז גרויס אין דיר, — דאָס גופא מוז זיי מאַכען גיפטיגער און אַלץ מעהר פליגענהאַפט.

פליה, מיין פריינד, אין דיין איינזאַמקייט, אַהין, וואו עס וועהט אַ רויהע שטאַרקע לופט. עס איז ניט דיין גורל צו זיין אַ טרייב־בעזים פאַר פליעגען.

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

פ ר י ש ו ת.

איך ליעב דעם וואַלד. אין די שטעדט איז ניט גוט צו לעבען. דאָרטען זיינען דאָ צו פיעל תאוה־לוסטיגע.

איז דען ניט בעסער אַריינצופאַלען אין די הענט פון אַ מער־דער איידער אין די חלומות פון אַ תאוה־לוסטיגער ווייבס־פאַרשוין?

און קוקט מיר נאָר אָן אָט די מאַנסביל: זייער אויג זאָגט עס. קיין בעסערע זאַך אויף דער ערד ווייסען זיי ניט, ווי ליעגען מיט אַ ווייבס־פאַרשוין.

שלאָם איז אויף דעם גרונט פון זייער נשמה, און וועה גע־שריען, ווען זייער שלאָם האָט נאָך גייסט אין זיך!

וואָלט איהר כאָטשי געווען אזוי פולקום ווי די חיה. אָבער צו זיין אַ חיה דאַרף מען האָבען אומשולד.

איז דען מיין עצה פאר אייך, איהר זאָלט אָפּטויטען אייערע חושים? מיין עצה פאר אייך איז — די אומשולד פון די חושים.

איז דען מיין עצה פאר אייך די פרישות? די פרישות איז א טוגענד פאר עטליכע, אָבער פאר פיעלע איז זי כמעט א מדה מגונה.

אמת, זיי זיינען אָפּגעהיט פון ווייבער, אָבער די צויג תאוה קוקט ארוים מיט קנאה פון אלץ וואָס זיי טוען.

ביז צו די הויכען פון זייער גערעכטשאַפענקייט און ביז אין דעם קאַלטען גייסט אריין לויפט נאָך זיי יענע חיה מיט איהר אומרוה.

און מיט וויפיעל חן וויים די תאוה־צויג אויסצובעטלען א שטיקעל גייסט, ווען מען פאַרוועהרט איהר א שטיק פלייש!

איהר האָט ליעב טרויער־שפּיעלען און אלץ וואָס צוברעכט דאָס הארץ? אָבער איך האָב א חשד אויף אייער צויג.

אייערע אויגען זיינען מיר צו אכזריות'דיג און איהר בליקט יצר־הרע'דיג אויף די ליידענדע. האָט זיך ניט אייער תאוה־לוסט איבערגעטאָן און רופט זיך רחמנות?

און אויך דעם משל וויל איך אייך געבען: ניט וועניגע פון די, וואָס האָבען געוואָלט ארויסטרייבען דעם שד פון זיך, זיינען דערביי אליין אריין אין חזירים.

ווער עס קאָן שווער פאַרטראָגען די פרישות, יענעם זאָל מען זי ניט ראָטען: כדי זי זאָל ניט ווערען דער וועג וואָס פיהרט אין גיהנום — ד. ה. אין קויט און תאוה־ברען פון דער נשמה.

רייד איך דאָ וועגען שמוציגע זאכען? דאָס איז פאר מיר ניט די ערגסטע זאַך.

ניט ווען דער אמת איז שמוציג, נאָר ווען דער אמת איז פלאַך, וויל דער דערקענענדער גייסט ניט אריין אין זיינע וואסערען.

באמת, עס זיינען דאָ פּרושים פון גרונט־אויס: זייער האַרץ איז מילדער און זיי לאַכען גערנער און עפּטער איידער איהר.

זיי לאַכען אויך פון דער פּרישות און פרעגען: „וואָס איז פּרישות?

„איז ניט פּרישות אַ טפשות? אָבער אָט די טפשות איז געקומען צו אונז, און ניט מיר צו איהר.

מיר האָבען דעם גאַסט געגעבען אַן אכסניה אין אונזער האַרץ, איז וואוינט ער ביי אונז. זאָל ער זיך בלייבען אַזוי לאַנג, ווי ער וויל!“

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

*   *
*

דער פריינד.

„איינער אליין איז תמיד צו פיעל פאַר מיר“ — אַזוי טראַכט דער מתבודד. „תמיד איינמאָל איינס — דאָס ווערט מיט דער צייט צוויי.“

איך און מיך, — מיר זיינען תמיד צו פיעל פאַרטאָן אין געשפּרעך: ווי וואָלט מען דאָס געקאָנט אויסהאַלטען, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין פריינד?

פאַר דעם מתבודד איז דער פריינד תמיד דער דריטער. דער דריטער איז דער קאָרק, וואָס לאָזט ניט, דער געשפּרעך פון די צוויי זאָל אַראָפּזינקען אין דער טיעף.

אָך, עס זיינען דאָ צו פיעלע טיעפען פאַר אַלע מתבודדים. דעריבער בענקען זיי אַזוי שטאַרק נאָך אַ פריינד און נאָך זיין הויך.

אונזער גלויבען אין אַנדערע זאָגט אויס דעם סוד, אין וואָס מיר וואָלטען גערן געוואָלט גלויבען בנוגע זיך אַליין. אונזער בענקשאַפט נאָך אַ פריינד איז אונזער פאַררעטער.

און אָפט וויל מען מיט דער ליעבע נאָר איבערשפּרינגען די קנאה. און אָפט פאַלען מיר אָן און מאַכען זיך פיינד, כדי צו פאַרבאָרגען, אַז מען קאָן אויף אונז אָנפאַלען.

„זיי װעניגסטענס מיין פײנד!“ — אזוי רעדט דער אמת׳ער יראת־הכבוד, וואָס דערוועגט זיך ניט צו בעטען פריינדשאפט. ווייל מען האָבען א פריינד, דאַרף מען אויך וועלען האַלטען מלחמה פאַר איהם: און כדי מלחמה צו האַלטען דאַרף מען קאָנען זיין א פיינד.

מען זאָל אין דעם פריינד אויך נאָך דעם פיינד עהרליך האַל־טען.. קאָנסט נאָהענט צוגעהן צו דיין פריינד, און ניט אריבער־געהן אויף זיין צד?

אין זיין פריינד זאָל מען דעם בעסטען פיינד האָבען. דו זאָלסט צו איהם אם נאָהענטסטען זיין מיט דיין הארצען, ווען דו שטרעבסט להיפך צו איהם.

פאַר דיין פריינד ווילסט דו ניט טראָגען קיין מלבוש אויף זיך? עס זאָל א כבוד זיין פאַר דיין פריינד, וואָס דו גיסט זיך איהם, ווי דו ביסט? אָבער ער שיקט דיך יעמאָלט אין הארצען צו אַל׳ די רוחות!

דער וואָס באַהאַלט גאָרנישט, רופט ארויס צאָרן: אזוי פיעל טעמים האָט איהר, מורא צו האָבען פאַר דער נאקעט! יע, וואָלט איהר געטער געווען, דעמאָלט וואָלט איהר זיך געמאָגט שעמען, צו געהן אין קליידער!

דו קאָנסט זיך פאַר דיין פריינד ניט שעהן גענוג פוצען: ווייל דו זאָלסט איהם זיין א פייל און א בענקשאַפט נאָך דעם אויבער־מענש.

האָסטו שוין געזעהן דיין פריינד בשעת ער שלאָפט, כדי אויסצוגעפינען, ווי ער זעהט אוים? און ווי זעהט געוועהנליך אוים דער פנים פון דיין פריינד? דאָס איז דיין אייגענער פנים אויף א רויהען, אומפּולקומען שפּיעגעל.

האָסטו שוין געזעהן דיין פריינד בשעת׳ן שלאָף? האָסטו זיך ניט דערשראָקען, וואָס דיין פריינד זעהט אזוי אוים? אָה, מיין פריינד, מענש איז עפּעס אזוינס, וואָס דאַרף אריבערגעשטייגט ווערען.

אין ריכטיג משער זיין און שווייגען דאַרף דער פריינד זיין

א מייסטער: ניט אַלץ מוזט דו וועלען זעהן. דיין חלום זאָל דיר אויסזאָגען, וואָס דיין פריינד טוט אויפ'ן וואַהר.

זאָל דיין רחמנות זיין א ריכטיגע השערה: דו מוזט קודם וויסען, צי וויל דיין פריינד רחמנות. אפשר ליעבט ער אין דיר אַן אומגעבראָכען אויג און דעם בליק פון אייביגקייט.

דיין רחמנות אויפ'ן פריינד זאָל פאַרבאָרגען זיין אין אַזאַ הארטער שאָלעכץ, אַז דו זאָלסט זיך א צאָהן אָן איהר אויסבייסען. נאָר אזוי וועט זי האָבען אין זיך דינקייט און זיסקייט.

ביסטו ריינע לופט און איינזאַמקייט און ברויט און א רפואה פאַר דיין פריינד? אַן אנדערער קאָן זיך אַליין ניט פריי מאַכען פון זיינע קייטען, און פון דעסטוועגען איז ער דעם פריינדס באַ־פרייער.

ביסטו א שקלאַוו? קאָנסטו קיין פריינד ניט זיין. ביסטו א טיראַן? קאָנסטו ניט האָבען קיין פריינד.

צופיעל צייט איז אין דעם ווייב געווען פאַרשטעקט א שקלאַוו און א טיראַן. דעריבער איז א ווייבס־פּאַרשוין ניט מסוגל צו פריינדשאַפט. זי ווייס נאָר ליעבע.

אין דער ליעבע פון דער אישה ליעגט אומגערעכטיגקייט און בלינדקייט צו אַלץ, וואָס זי ליעבט ניט. און אפילו אין דער באַ־וואוסטזיניגער ליעבע פון דער ווייבס־פּאַרשוין איז נאָך תמיד דאָ איבערפאַל און בליץ און נאַכט לעבען דער ליכטיגקייט.

א ווייבס־פּאַרשוין איז נאָך ניט מסוגל צו פריינדשאַפט. קעץ זיינען אַלץ נאָך די ווייבער, און פויגעל. אָדער, אויפ'ן בעסטען פאַל, קיה.

נאָך ניט מסוגל צו פריינדשאַפט איז די אישה. אָבער זאָגט מיר, איהר מאַנסביל, ווער פון אייך איז מסוגל צו פריינדשאַפט?

וועה צו אייער אָרעמקייט, איהר מאַנסביל, און צו דער קמצנות פון אייער נשמה! וויפיעל איהר גיט דעם פריינד, דאָס קאָן איך דעם פריינד אַוועקגעבען און וועל דערפון ניט אָרעמער ווערען.

עס איז דאָ נאָר חבר׳שאַפט: זאָל שוין אַמאָל זיין פריינד־שאַפט.

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

טויזענד און איין ציעל.

א סך לענדער האָט זאַראַטוסטראַ געזעהען און א סך פעלקער: אזוי האָט ער אנטדעקט דאָס גוטס און שלעכטס פון פיעלע פעלקער. קיין גרעסערע מאַכט האָט זאַראַטוסטראַ ניט געפונען אויף דער ערד, ווי גוטס און שלעכטס.

א פאָלק וואָלט ניט געקאָנט לעבען, אויב ער וואָלט ניט קודם געשאַצט; וויל ער זיך אָבער דערהאַלטען, טאָר ער ניט שאַצען, ווי דער שכן שאַצט.

א סך זאַכען, וואָס האָבען ביי איין פאָלק געהייסען גוט, האָבען ביי דעם אנדערען געהייסען א חוזק און א שמאַך: אזוי האָב איך דאָס געפונען. א סך זאַכען האָב איך געפונען, דאָ גערופען ביין און דאָרטען באַפּוצט מיט פורפעלנעם כבוד.

קיינמאָל האָט איין שכן ניט פאַרשטאַנען דעם אנדערען: אלע מאָל האָט זיך זיין נשמה גע׳חדוש׳ט אויף דעם שכן׳ס טירוף און רשעות.

די לוחות פון די העכסטע גיטער הענגען איבער איטליכען פאָלק. זעה, דאָס איז די שטים פון זיין ווילען צו מאַכט.

לויב־פאַרדיענליך איז דאָס, וואָס איהם דוכט זיך שווער; וואָס איז אומפאַרמיידליך און שווער, רופט ער גוט; און וואָס באַפרייט פון דער העכסטער נויט, דאָס זעלטענע, שווערסטע, דאָס שאַצט ער הייליג.

וואָס עס העלפט איהם הערשען און זיעגען און גלענצען, זיינע שכנים אויף צו־ציטערנים און קנאה: דאָס איז פאַר איהם דאָס הויכע, דאָס ערסטע, די מאָס און דער זין פון אלע זאַכען.

באמת, מיין ברודער, האָסטו אַמאָל דערקענט ביי א פאָלק

זיין נויט און לאנד און הימעל און שכן, קאנסטו דיר אויך ריכטיג משער זיין דעם געזעץ פון זיינע נצחונות איבער זיך, און פאר וואס ער שטייגט דוקא אט אויף דער לייטער צו זיין האפענונג.

„תמיד זאלסטו דער ערשטער זיין און די אנדערע אריבער־וואקסען: קיינעם זאל דיין אייפערזיכטיגע נשמה ניט ליעבען א־חוץ דעם פריינד“ — אט דאס האט געמאכט אויפציטערען די נשמה פון א גריך: דורכדעם איז ער געגאנגען זיין וועג צו גרויס.

„דעם אמת זאגען און זיך גוט מיט פייל־און־בויגען באגעהן“— אט דאס האט זיך געדוכט צו זיין ליעב און שווער יענעם פאלק, פון וועלכען מיין נאמען שטאמט, — דער נאמען, וואס איז מיר אין דערזעלביגער צייט אי ליעב, אי שווער.

„פאטער און מוטער עהרליך האלטען און ביז דעם װארצעל פון דער נשמה אריין זייער ווילען צו טאן“: אט דעם לוח־הנצחון האט איבער זיך אויפגעהאנגען אן אנדער פאלק און איז דורכדעם מעכטיג געווארען און אייביג.

„טריי זיין און צוליעב דער טרייקייט כבוד און בלוט אין קאן ייטעלען אפילו אויף בייזע און געפעהרליכע זאכען“: אזוי האט מיט זיך געלערנט און זיך באצוואונגען אן אנדער פאלק און ווען ער האט זיך באצוואונגען, איז ער געווארען שוואנגער און שווער מיט גרויסע האפענונגען.

באמת, די מענשען האבען זיך אליין געגעבען אל' זייער גוטס און זייער שלעכטס. באמת, זיי האבען עס ניט גענומען, זיי האבען עס ניט געפונען, און אויך איז עס זיי ניט אראפגעפאלען ווי א בת־קול פון הימעל.

ווערטען האט ערשט דער מענש אריינגעלייגט אין די זאכען, כדי זיך צו דערהאלטען, — ערשט ער האט בעשאפען דעם זין פאר די זאכען, א מענשען־זין! דעריבער רופט ער זיך „מענש“, דאס הייסט, דער שאצענדער.

שאצען איז שאפען: הערט דאס, איהר שאפענדע!

דאס שאצען גופא איז פון אלע געשעצטע זאכען דער שאץ און דער אבן־טוב.

דער ווערט קומט ערשט פון דעם שאַצען: און אָהן דעם שאַצען וואָלט די נוס פון דעם גאַנצען זיין געווען א ליידיגע. הערט דאָס, איהר שאַפענדע!

דער איבערבייט אין ווערטען, — דאָס איז דער איבערבייט אין די, וואָס שאַפען. תמיד צושטערט דער, וואָס מוז זיין א שאַפענדער.

די שאַפענדע זיינען פריהער געווען די פעלקער, און ערשט שפּעטער די יחידים. באמת, דער יחיד גופא איז דער איינגסטער בעשאַף.

פעלקער האָבען אמאָל אויפגעהאַנגען לוחות פון טוב ורע איבער זיך. די ליעבע, וואָס וויל הערשען, און די ליעבע, וואָס וויל פאָלגען, האָבען אין איינעם געשאַפען פאַר זיך יענע לוחות.

די לוסט צו דער הערד איז עלטער איידער די לוסט צו דעם איך: און אזוי לאַנג ווי דער נאָמען פון דעם גוטען געוויסען איז די הערד, זאָגט נאָר דאָס שלעכטע געוויסען: איך.

באמת, דאָס פוקסיגע איך, וואָס האָט ניט קיין ליעבע, וואָס זוכט זיין נוצען אין דעם נוצען פון די פיעלע, דאָס איז ניט דער אָנהויב פון דער הערד, דאָס איז איהר אונטערגאַנג.

ליעבענדע זיינען דאָס תמיד געווען און שאַפענדע, וואָס האָבען בעשאַפען גוט און שלעכט. דער פייער פון דער ליעבע גליהט אין די נעמען פון אַלע מדות טובות און דער פייער פון דעם צאָרן.

א סך לענדער האָט זאַראַטוסטראַ געזעהען און א סך פעלקער: קיין גרעסערע מאַכט האָט זאַראַטוסטראַ ניט געפונען אויף דער ערד ווי די ווערק פון די ליעבענדע: „גוט“ און „שלעכט“ איז איהר נאָמען.

באמת, א משונה'דיגע בריאה איז די מאַכט פון לויבען און פון טאַדלען. זאָגט, איהר ברידער, ווער וועט זי מיר באַצווינגען? זאָגט, ווער וועט אַרויפוואַרפען דער חיה די קייט איבער די טויזענט נאַקענס?

טויזענט ציעלען זיינען געווען ביז אַהער, ווייל עס זיינען געווען טויזענט פעלקער. נאָר עס פעהלט נאָך די קייט איבער די

טויזענט נאקענס, עס פעהלט נאָך דער איין ציעל. די מענשהייט האָט נאָך ניט קיין ציעל.

אָבער זאָגט מיר דאָך, מיינע ברידער: אויב דער מענשהייט פעהלט נאָך דער ציעל, — פעהלט דאָ נאָך ניט דערביי — זי גופא?

אזוי האָט גערעדט זאראטוסטרא.

*   *
*

די ליעבע צו דעם אנדערען

איהר דריקט זיך צונויף ארום דעם אנדערען און איהר האָט שעהנע מליצות וועגען דעם. אָבער איך זאָג אייך: אייער ליעבע צו דעם אנדערען איז אייער שלעכטע ליעבע צו זיך אליין.

איהר אנטלויפט צו דעם אנדערען פון אייך אליין און איהר וואָלט געוואָלט דערפון מאַכען א מדה טובה פאַר אייך: אָבער איך זעה דורך־און־דורך אייער „בטול היש“.

דער דו איז עלטער איידער דער איך; דער דו איז פארהייליגט געוואָרען, אָבער נאָך ניט דער איך: דעריבער דריקט זיך דער מענש צו דעם נאָהענטסטען.

ראָט איך אייך דען די ליעבע צו דעם נאָהענטסטען? בעסער וועל איך אייך ראָטען די פליטה פון דעם נאָהענטסטען און די ליעבע צו דעם וויטעסטען.

העכער פאַר דער ליעבע צו דעם נאָהענטסטען שטעהט די ליעבע צו דעם וויטעסטען און דעם קומענדיגען. העכער נאָך פאַר דער ליעבע צו דעם מענשען שטעהט פאַר מיר די ליעבע צו זאַכען און צו געשפּענסטערן.

אָט דער געשפּענסט, וואָס לויפט דיר פאָראויס, מיין ברודער, איז שעהנער פאַר דיר; פאַרוואָס גיסט דו איהם ניט אוועק דיין פלייש און דיינע ביינער? אָבער דו האָסט מורא און דו לויפסט צו דיין שכן.

איהר קאָנט ניט אריבערטראָגען זיך אליין און ניט גענוג

ליעבט איהר זיך אליין. איז ווילט איהר אייער שכן פארפיהרען אין ליעבע און זיך באגילדען מיט זיין טעות.

הלואי, וואלט איהר ניט געקאנט אריבערטראגען די אלערלייע נאהענטסטע און זייערע שכנים; דעמאלט וואלט איהר געמוזט פון זיך אליין בעשאפען א פריינד מיט זיין אריבערפליסענדער הארץ.

איהר לאזט בעטען אן עדות צו זיך, ווען איהר ווילט רעדען גוטס וועגען זיך, און ווען איהר האט איהם פארפיהרט, ער זאל טראכטען גוטס וועגען אייך, טראכט איהר אליין גוט וועגען זיך.

ניט נאר יענער לאיגט, וואס רעדט להיפוך צו זיין וויסען, נייערט נאך מעהר יענער, וואס רעדט להיפוך צו זיין ניט־וויסען.

און אזוי רעדט איהר וועגען זיך אין אייער געשמועס און איהר נארט אפ מיט אייך דעם שכן.

אזוי זאגט דער שוטה: „דער ארומגעהן מיט מענשען פאר־דארבט דעם כאראקטער, בפרט ווען איינער האט ניט קיין כא־ראקטער“.

איינער געהט צו דעם שכן, ווייל ער טוט זיך אליין זוכען, און אן אנדערער, ווייל ער וואלט וועלען זיך אליין פארלירען. אייער שלעכטע ליעבע צו זיך אליין מאכט פון אייער איינזאמקייט א תפיסה.

די ווייטעסטע בעצאהלען אייער ליעבע צו דעם נאהענטסטען; און שוין ווען איהר זייט אין איינעם זאלבעפינפט, מוז תמיד א זעקסטער שטארבען.

איך ליעב אויך ניט אייערע יום־טובים. צופיעל אקטיארען האב איך דערביי געפונען און אויך די צושויער האבען זיך באנומען ווי אקטיארען.

ניט דעם נאהענטסטען לערן איך אייך, נייערט דעם פריינד. דער פריינד זאל פאר אייך זיין דער יום־טוב פון דער ערד און א פארגעפיהל פון דעם אויבער־מענש.

איך לערן אייך דעם פריינד און זיין איבער־פולען הארצען.

אָבער מען מוז פֿאַרשטעהן, ווי צו זיין אַ שוואַם, ווען מען וויל גע־ליעבט זיין פון אַן איבער־פולען הארצען.

איך לערן אייך יענעם פריינד, וואָס אין איהם שטעהט די וועלט אַ פאַרטיגע, אַ שאָל פאַר דאָס גוטס, — דעם שאַפענדען פריינד, וואָס האָט תמיד צו פאַרשענקען אַ פאַרטיגע וועלט.

און ווי די וועלט האָט זיך פאַר איהם פאַנאַנדערגעוויקעלט און פאַנאַנדער געפאַלען, אזוי וויקעלט זי זיך איהם ווידער צונויף, אַ רינג נאָך אַ רינג, ווי דאָס ווערען פון גוטס דורך שלעכטס, ווי דאָס ווערען פון ציעלען דורך דעם צופאַל.

די צוקונפט און דאָס וויטעסטע זאָל דיר זיין די אורזאַך פון דיין היינט: אין דיין פריינד זאָלסטו ליעבען דעם אויבער־מענש, ווי דיין אורזאַך.

מיינע ברידער, ניט די ליעבע צו דעם נאָהענטסטען איז מיין עצה פאַר אייך: איך ראָט אייך די ליעבע צו דעם וויטעסטען.

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

דער וועג פון דעם שאַפענדען.

ווילסטו, מיין ברודער, אין התבודדות געהן? ווילסטו זוכען דעם וועג צו זיך גופא? ציעה אויף נאָך אַ ווייַלע און הער מיך אויס.

„ווער עס זוכט, יענער ווערט גרינג אַליין פאַרלאָרען. יעדע התבודדות איז אַ חטא": אזוי רעדט די הערד. און דו האָסט צו לאַנג בעלאַנגט צו דער הערד.

די שטים פון דער הערד וועט אויך אין דיר נאָך קלינגען, און ווען דו וועסט זאָגען „איך האָב ניט מעהר איין געוויסען מיט אייך", וועט דאָס זיין אַ בעקלאָג און אַ שמאַרץ.

זעה, אָט דעם שמאַרץ גופא האָט געבוירען דער איין געוויסען: און דער לעצטער גלימצער פון אָט דעם איין געוויסען גליהט נאָך אויף דיין שווער געמיט.

אָבער דו ווילסט געהן אין דעם וועג פון דיין שווער געמיט, וואָס איז דער וועג צו דיר גופא? איז — בעווייז מיר דיין רעכט און דיין קראַפט דערצו!

ביסטו א נייע קראַפט און א ניי רעכט? אן ערסטע באוועגונג? א ראָד, וואָס קייקעלט זיך פון זיך אליין? קאָנסטו אויך די שטערען צווינגען זיי זאָלען זיך דרעהען ארום דיר?

אַך, עס איז דאָ אזוי פיעל יצר־הרע צו דער הויך! עס איז דאָ אזוי פיעל ספּאזמען פון די כבוד־גייציגע. בעווייז מיר, אז דו ביסט ניט פון די תאוה'דיגע און ניט פון די כבוד־זיכטיגע.

אַך, עס זיינען דאָ אזוי פיעל געדאַנקען, וואָס טוען אויף ניט מעהר ווי א בלאָזזאַק: זיי בלאָזען אויף און מאַכען נאָך ליידיגער.

דו רופסט דיך פריי? דיין הערשענדען געדאנק וויל איך הערען און ניט, אז דו ביסט אנטלאָפען פון א יאָך.

ביסט דו אזא, וואָס האָט גע ט אַ ר ט אנטרינען פון א יאָך? עס זיינען דאָ אויך אזוינע, וואָס האָבען זייער לעצטען ווערט אוועקגעוואָרפען, ווען זיי האָבען זייער דיענסטבאַרקייט אוועקגעוואָרפען.

פריי פ ו ן וואָס? וואָס אַרט דאָס זאַראַטוסטרא'ן! קלאָר אָבער זאָל מיר דיין אויג דערצעהלען: פריי — צ ו וואָס?

קאָנסטו דיר אליין געבען דיין רע און דיין טוב און דיין ווילען אויפהענגען איבער דיך, ווי א געזעץ? קאָנסטו פאַר זיך אליין זיין דער שופט און דער גואל־הדם פון דיין געזעץ?

עס איז אַן אימה, אָט דער אליין־זיין מיט דעם שופט און דעם גואל־הדם פון דעם אייגענעם געזעץ. אזוי ווערט א שטערן ארויסגעוואָרפען אין דעם וויסטען חלל און דעם אייזיגען אָטעם פון דעם אליין־זיין.

היינט ליידסטו נאָך פון די פיעלע, דו איינער: היינט האָסטו נאָך אין גאַנצען דיין מוטה און דיינע האָפענונגען.

אָבער אמאָל וועט דיך די איינזאַמקייט מיעד מאַכען; אמאָל וועט דיין שטאָלץ ווערען איינגעקרימט און דיין מוט וועט זיך אָנהויבען ברעכען. שרייען וועסטו אמאָל: „איך בין איינער אליין!“

אמאָל וועסטו דיין הויכס שוין ניט מעהר זעהן און דיין ניי־דעריגס שוין צו נאָהענט. דיין דערהויבענעס גופא וועט דיך מאַ־כען שרעקען, ווי א געשפענסט. שרייען וועסטו אמאָל: „עס איז אלץ פאַלש!“

עס זיינען דאָ געפיהלען, וואָס ווילען טויטען דעם איינזאַ־מען; גיט זיך זיי עס ניט איין, איז — מוזען זיי אליין שטארבען!

אָבער האָסטו בכח א מערדער צו זיין?

ווייסטו שוין, מיין ברודער, דאָס וואָרט „פאראכטונג“? און די יסורים פון דיין יושר, גערעכט צו זיין צו אזוינע, וואָס פאַר־אכטען דיך?

דו צווינגסט פיעלע, זיי זאָלען איבער'ס ניי לערנען וואָס זיי האָבען געלערענט וועגען דיר. דאָס שרייבען זיי האַרט ארויף אויף דיין חשבון. דו ביסט נאָהענט צוגעקומען צו זיי און ביסט דאָך אריבערגעגאנגען זיי. דאָס וועלען זיי דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין.

דו געהסט זיי אריבער פאָראויס: אָבער וואָס העכער דו שטייגסט, אלץ קלענער זעהען דיך די אויגען פון קנאה. נאָר מעהר פאַר אלעמען ווערט געהאסט, דער וואָס פליהט.

„ווי קאָנט איהר גערעכט זיין צו מיר! — מוזטו זאָגען — איך קלייב מיר אויס אייער אומגערעכט ווי דעם טייל, וואָס איי מיר צוגעמאָסטען.

אומגערעכט און שמוץ ווארפען זיי נאָך נאָך דעם איינזאמען. אָבער, מיין ברודער, אויב דו ווילסט זיין א שטערן, מוזטו זיי לייכ־טען סאַי ווי סאַי!

און היט דיך פאַר דעם גוטען און דעם גערעכטען! זיי שלאָ־גען גערן צו צום צלם יענע, וואָס געפינען זיך אויס זייער אייגענע רעכטשאפענקייט, — זיי האָבען פיינד דעם איינזאמען.

און היט דיך אויס פאַר דער הייליגער תמימות! אלץ איז פאַר איהר אומווערדיג, וואָס איז ניט פשוט. זי האָט אויך ליעב

צו שפּיעלען מיט דעם פייער פון דעם שייטערהויפען.*)

און היט דיך אויך פון די אָנפאַלען פון דיין ליעבע! צו שנעל שטרעקט דער איינזאַמער אוים די האַנט צו דעם וואָס באַגעגענט איהם.

אַן אַנדער מענשען דאַרפסטו געבען ניט די האַנד, נאָר די לאַפּע, און איך וויל, אַז דיין לאַפּע זאָל אויך האָבען קרעלען.

אָבער דער שלימםטער פיינד, וואָס דו קאָנסט באַגעגנען, וועט תמיד דיר זיין דו גופא; דו גופא לויערסט אויף דיר אין די הויהלען און אין די וועלדער.

איינזאַמער, דו געהסט אין דעם וועג צו זיך אַליין!

און דיין וועג געהט פאַרביי דיר גופא און פאַרביי דיינע זיעבען טייוואָלים!

דו וועסט ביי דיר גופא זיין דער אפּיקורס און דער מכשף און דער וואָהרזאָגער און דער שוטה און דער צווייפלער און דער טמא און דער רשע.

דו וועסט דיך מוזען וועלען פאַרברענען אין דיין אייגענער פלאַם: ווי וואָלסטו דען געקאָנט ווערען א בענייטער, אויב דו וואָלסט פריהער ניט פאַרברענט געוואָרען צו אַש?

איינזאַמער, דו געהסט דעם וועג פון דעם שאַפענדען: אַ גאָט ווילסטו דיר שאַפען פון דיינע זיעבען טייוואָלים!

איינזאַמער, דו געהסט דעם וועג פון דעם ליעבענדען: זיך אַליין ליעבסטו און דעריבער פאַראַכסטו דיך, ווי נאָר ליעבענדע פאַראַכטען.

שאַפען וויל דער ליעבענדער, ווייל ער פאַראַכט. וואָס ווייס דער פון ליעבע, וואָס האָט ניט געמוזט פאַראַכטען דאָס, וואָס ער האָט געליעבט.

געה אין דיין פאַראיינזאַמונג מיט דיין ליעבע און מיט דיין

---

*) ווען הוס'ן האָט די אינקוויזיציע אַרויפגעבראַכט אַויף דעם פלאַקער, האָט אַ פשוט'ע פויערטע צוגעטראָגען אַ בינטעל האָלץ. הוס האָט אויסגעשריען: „אָ, הייליגע פשטות!" — דער איבערזעצער.

שאפען, מיין ברודער; און ערשט שפעט וועט די גערעכטיגקייט דיר נאכהינקען.

מיט מיינע טרערען געה אין דיין פאראיינזאמונג, מיין ברודער. איך ליעב יענעם, וואס וויל שאפען אריבער זיך גופא און געהט אויף אזא'ן אופן צו גרונד. —

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא.

* *
*

אלטע און יונגע ווייבערלעך.

„וואס שארסטו זיך אזוי שטיל אין בין השמשות, זאראטוסטרא? און וואס בעהאלסטו אזוי פארזיכטיג אונטער דיין מאנטעל?

איז דאס אן אוצר, וואס מען האט דיר געשענקט? אדער א קינד, וואס איז דיר געבארען געווארען? אדער געהסטו איצטער אליין אין די וועגען פון די גנבים, דו פריינד פון די רשעים?"

באמת, מיין ברודער, האט זאראטוסטרא געזאגט, עס איז אן אוצר. וואס מען האט מיר געשענקט: איך טראג דא א קליינעם אמת.

אבער ער איז אומארטיג, ווי א יונג קינד; און ווען איך פארמאך איהם ניט דאס מויל, שרייט ער מיט קולי־קולות.

ווען איך בין היינט געגאנגען אליין אין מיין וועג, איז דער שעה, ווען די זון פארגעהט, האט מיך אן אלט ווייבעלע באגעגענט און האט אזוי גערעדט צו מיין נשמה:

„א סך זאכען האט זאראטוסטרא אויך צו אונז, ווייבער, גערעדט, אבער ניט וועגען דעם ווייב".

האב איך איהר געענטפערט: „וועגען דעם ווייב זאל מען רעדען נאר צו די מאנסביל."

„רייד אויך צו מיר וועגען דעם ווייב, האט זי געזאגט; איך בין גענוג אלט און וועל דאס באלד ווידער פארגעסען."

און איך האב איינגעוויליגט צו דער אלטער אשה און האב אזוי גערעדט צו איהר:

אלץ אין דער אישה איז א רעטענים און אלץ אין דער אישה האָט איין פּתרון: ער רופט זיך שוואַנגערשאַפט.

דער מאַן איז פאַר דער אישה נאָר א מיטעל: דער צוועק איז תמיד דאָס קינד. אָבער וואָס איז די אישה פאַר דעם מאַן?

צווייערליי זאַכען וויל אַן עכטער מאַן: געפאַהר און שפּיעל. דעריבער גלוסט ער א ווייב, ווי דאָס געפעהרליכסטע שפּיעל־צייג.

דער מאַן זאָל אויפגעצויגען ווערען צום קריעג און דאָס ווייב צו פאַרוויילונג פון דעם קריעגס־מאַן: אַלע אַנדערע זאַכען זיינען שטות.

צו־זיסע פּירות ליעבט ניט דער קריעגסמאַן. דעריבער ליעבט ער דאָס ווייב, ווייל ביטער איז נאָך דאָס זיסעסטע ווייבס־פאַר־שוין.

בעסער ווי דער מאַן פאַרשטעהט א ווייבס־פאַרשוין די קינדער, אָבער דער מאַן איז נאָך קינדליכער איידער דאָס ווייב.

אין דעם עכטען מאַן ליעגט א קינד פאַרשטעקט: דאָס וויל שפּיעלען. נעהמט זיך, איהר פרויען, אַנטפּלעקט מיר דאָך דאָס קינד אין דעם מאַן!

א שפּיעלכעל זאָל זיין דאָס ווייב, ריין און פיין, גלייך דעם איידעל־שטיין, בעשטראַהלט פון די טוגענדען פון א וועלט, וואָס איז נאָך ניטאָ.

דער שטראַהל פון א שטערן זאָל גלאַנצען אין אייער ליעבע! אייער האָפענונג זאָל זיין: „הלואי געבויר איך דעם אויבער־מענש!“

אין אייער ליעבע זאָל זיין העלדישקייט! מיט אייער ליעבע זאָלט איהר אויף דעם אָנפאַלען, וואָס טוט אין אייך מורא אריינ־פליסען.

אין אייער ליעבע זאָל זיין אייער עהרע! אויף אַן אַנדער אופן פאַרשטעהט א ווייב ווייניג מכּות עהרע. אָבער דאָס זאָל זיין אייער עהרע, תמיד מעהר צו ליעבען, איידער איהר ווערט געליעבט און קיינמאָל ניט זיין די צווייטע.

דער מאַן זאָל מורא האָבען פאַר דער פרוי ווען זי ליעבט: דע־

מאָלט ברענגט זי יעדען קרבן און אַלע אַנדערע זאַכען האָבען ביי איהר ניט קיין ווערט.

דער מאַן זאָל מורא האָבען פאַר דער פרוי, ווען זי האַסט: ווייל דער מאַן איז אויף דעם גרונט פון זיין נשמה נאַר בייז, אָבער די פרוי איז דאָרטען געמיין.

וועמען האַסט די פרוי אַם מעהרסטען? — דאָס אייזען האָט אַזוי געזאָגט צו דעם מאַגנעט: איך האַס דיך אַם מעהרסטען, ווייל דו ציהסט מיך, אָבער ביסט ניט גענוג שטאַרק מיך צו־צו־ציהען.

דאָס גליק פון דעם מאַן איז: איך וויל. דאָס גליק פון דער פרוי איז: ער וויל.

„זעה, אָט ערשט איז די וועלט געוואָרען פאָלקאָמען!" — אַזוי טראַכט יעדע פרוי, ווען זי טוט פאָלגען אויס גאַנצער ליעבע.

און פאָלגען מוז אַ פרוי און געפינען אַ טיעף פאַר איהר אויבער־פלאַך. אויבערפלאַך איז דער פרוי'ס געמיט, אַ באַוועגליכע שטור־מישע הויט אויף אַ ניט־טיעפען וואַסער.

דעם מאַן'ס געמיט אָבער איז טיעף, זיין שטראָם רוישט אין אונטער־ערדישע הויהלען: די פרוי אַהנט זיין קראַפט אָבער בע־גרייפט זי ניט. —

האָט מיר דאָס אַלטע ווייבעלע געענטפערט: „אַ סך שעהנע זאַכען זאָגט זאַראַטוסטראַ, בפרט פאַר די וואָס זיינען נאָך גענוג יונג פאַר זיי.

אַ משונה'דיגע זאַך: זאַראַטוסטראַ קען ווייניג די ווייבער און פון דעסטוועגען האָט ער רעכט וועגען זיי. קומט דאָס אַרויס דער־פון, וואָס ביי דער פרוי איז קיין זאַך ניט אוממיגליך?

און איצט נעם פאַר אַ דאַנק אַ קליינעם אמת! איך בין דאָך אַלט גענוג פאַר איהם!

וויקעל איהם איין און האַלט איהם צו דאָס מויל: אַז ניט שרייט ער אויפ'ן קול, אָט דער קליינער אמת."

„גיב מיר, אישה, דעם קליינעם אמת!" האָב איך געזאָגט. און דאָס אַלטע ווייבעלע האָט געזאָגט, אַזוי צו זאָגען:

„דו געהסט צו פרויען? פארגעס ניט דיין בייטש!"
אזוי האָט גערעדט זאראַטוסטרא.

* *
*

דער ביס פון דער נאָטער.

זאראַטוסטרא איז אַמאָל איינגעשלאָפען ביי טאָג אונטער אַ פייגענבוים, ווייל עס איז געווען הייס, און האָט זיינע אָרעמס ארויפגעלייגט אויף זיין פּנים. איז געקומען אַ נאָטער־שלאַנג און האָט איהם אַ ביס געטאָן אין האלז אזוי, אז זאראַטוסטרא האָט אויפגעשריען פאר וועהטיג. אז ער האָט דעם אָרעם אראָפּגענומען פון פּנים, האָט ער זיך איינגעקוקט אין דער שלאַנג: האָט זי דער־קענט זאראַטוסטרא'ס אויגען, און האָט זיך גענומען אומגעלומ־פּערט ווינדען און האָט געוואָלט אוועק. „ניש־ע! האָט געזאָגט זאַ־ראַטוסטרא; דו האָסט נאָך ניט באַקומען מיין דאנק! דו האָסט מיך אויפגעוועקט אין צייט, מיין וועג איז נאָך לאַנג." „דיין וועג איז נאָך קורץ, האָט טרויעריג געזאָגט די נאָטער; מיין גיפט איז טויטליך." זאראַטוסטרא האָט געשמייכעלט. „איז ווען געשטאָר־בען אַ דראַקען פון אַ שלאַנגען־גיפט?" האָט ער געזאָגט. „אָבער נעם צוריק דיין גיפט! דו ביסט ניט רייך גענוג, מיר צו שענקען איהם." איז די נאָטער אויפ'ס ניי געפאַלען ארום זיין האלז און האָט איהם אויסגעלעקט די וואונד. אז זאראַטוסטרא האָט דאָס אַמאָל דערצעהלט זיינע תּלמידים, האָבען זיי געפרעגט: „און וואָס, אַ זאראַטוסטרא, איז די מאָראל פון דיין געשיכטע?" זאראַטוסטרא האָט דערויף געענטפערט, אזוי צו זאָגען:

די גוטע און גערעכטע רופען מיך אַ צושטערער פון מאָראל: מיין געשיכטע איז אוממאָראליש.

ווען איהר האָט אָבער אַ פיינד, באַצאָהלט איהם ניט פאר שלעכטס מיט גוטס: ווייל דאָס וועט איהם פארשעמען. ניי־ערט בעווייזט, אז ער האָט אייך געטאָן עפּעס גוטס.

און בעסער איז, איהר ווערט אין כּעס, איידער איהר זאָלט

פאַרשעמען! און ווען מען שילט אייך, איז געפעלט מיר ניט, איהר זאָלט יעמאָלט בענשען. בעסער א ביסעל מיט־שילטען!

און האָט אייך פּאַסירט א גרויס אומרעכט, איז טוט מיר גע־שווינד פינף קליינע דערצו! מאוס אָנצוקוקען איז דער, וואָס איהם אליין דריקט דאָס אומרעכט.

האָט איהר שוין דאָס געוואוסט? א געטיילט אומרעכט איז א האַלב רעכט. און יענער זאָל נעהמען אויף זיך ס׳אומרעכט, ווער עס קאָן דאָס טראָגען!

א קליינע נקמה איז מענשליכער איידער גאָר ניט קיין נקמה. און ווען די שטראָף איז ניט אויך א רעכט און אן עהרע פאַר דעם פורץ־גדר, איז מיר דערווידער אייער שטראָף.

עס איז נאָבעלער, צו געבען זיך אומרעכט, איידער צו בלייבען גערעכט, בפרט ווען מען האָט רעכט. נאָר מען מוז זיין גענוג רייך דערצו.

דערווידער איז מיר אייער קאַלטע גערעכטיגקייט; און אויס די אויגען פון אייערע שופטים קוקט מיר אַרויס דער תליון מיט זיין קאַלטען אייזען.

זאָגט, וואו געפינט זיך יענע גערעכטיגקייט, וואָס איז א ליע־בע מיט זעהעוודיגע אויגען?

איז געפינט מיר דאָך אויס יענע ליעבע, וואָס נעמט אויף זיך ניט נאָר יעדע שטראָף, נאָר אויך יעדע שולד?

איז געפינט מיר דאָך אויס יענע גערעכטיגקייט, וואָס לאָזט אַרויס פריי יעדען איינעם, א־חוץ דעם ריכטער!

ווילט איהר נאָך אויך דאָס הערען? ביי דעם, וואָס וויל זיין גערעכט פון־גרונט־אויס, ווערט אפילו דער ליגען א מענשען־פריינד־ליכקייט.

אָבער וואָלט איך געקאָנט גערעכט זיין פון־גרונט־אויס! ווי קאָן איך יעדען איינעם געבען דאָס זייניגע! פאַר מיר איז גענוג דאָס: איך גיב יעדען איינעם דאָס מייניגע.

לְסוֹף, מיינע בְּרידער, היט אייך צו טאָן אומרעכט די

מתבודדים! ווי וואָלט אַ מתבודד געקאָנט פאַרגעסען! ווי וואָלט ער געקאָנט זיך אָפּרעכענען!

ווי אַ טיעפער ברונען איז אַ מתבודד. עס איז גרינג, אריינ־צו־ווארפען אַ שטיין אהין; איז ער אָבער אראָפּגעזונקען ביז'ן גרונט, זאָגט, ווער וועט איהם ווידער ארויסציהען?

היט אייך, אַ מתבודד צו באַליידיגען! האָט איהר דאָס אָבער געטאָן, נו — איז נעמט שוין ביי איהם אויך דאָס לעבען!

אזוי האָט גערעדט זאראטוסטרא.

* *
*

דאָס קינד און דער זיווג־בונד.

איך האָב אַ פראַגע פאַר דיר אַליין, מיין ברודער: ווי אַ זינק־בליי ווארף איך אריין די פראגע אין דיין נשמה, כדי צו וויסען, ווי טיעף זי איז.

דו ביסט יונג און ווינשסט זיך אַ קינד. אָבער איך פרעג ביי דיר: ביסטו אַ מענש וואָס מ ע ג זיך ווינשען אַ קינד?

ביסטו דער זיעגרייכער, דער זעלבסט־באצווינגער, דער מושל אויף דיינע זינען, דער הארר איבער דיינע טוגענדען? אזוי אָט פרעג איך ביי דיר.

אָדער אוים דיין וואונש רעדט די חיה און די נויט־באדערפע־נים? אָדער פאראיינזאמונג? אָדער אומפרידען מיט זיך אַליין?

איך וויל, אז דיין זיעג און דיין פרייהייט זאָלען בענקען נאָך אַ קינד. לעבעדיגע מאָנומענטען זאָלסטו בויען פאַר דיין זיעג און דיין בעפרייאונג.

דו זאָלסט ארויסבויען אריבער דיך אַליין. אָבער פריהער מוסטו אַליין זיין געבויט, רעכטווינקעליג אין לייב און זעעל.

ניט נאָר פאַראוים זאָלסטו זיך פלאַנצען, נייערט ארויף! דער־צו זאָל דיר העלפען דער גאָרטען פון דעם פאַר־פאַלק־לעבען. אַ העכערען לייב זאָלסטו שאַפען, אַן ערנסטע באוועגונג, אַ ראָד, וואָס קייקעלט זיך פון זיך אַליין, אַ שאַפענדען זאָלסטו שאַפען.

פאר־פאלק־לעבען: אזוי רוף איך דעם ווילען זאלבע־צווייט צו בעשאפען אן איינס, וואס איז מעהר, איידער די וואס האבען עס בעשאפען. פאר־פאלק־לעבען רוף איך די יראת־הכבוד איינס פאר'ן אנדערן, ווי פאר די וועלענדע פון אזא ווילען.

דאס זאל זיין דער זין און דער אמת פון דיין זיווג־בונד. אבער דאס, וואס די פיעל־צו־פיעלע רופען אן א זיווג־בונד, אט די איבעריגע, — ווי זאל איך דאס אנרופען?

אך, אט די נשמה־ארעמקייט זאלבע־צווייט! אך, אט די נשמה־שמוץ זאלבע־צווייט! אך, אט די צרה'דיגע צופרידענקייט זאלבע־צווייט!

דאס אלץ רופען זיי זיווג־בונד; און זאגען, אז זייערע זיווגים ווערען געשלאסען אין דעם הימעל!

דערווידער איז ער מיר, אט דער הימעל פון די איבעריגע. ניין, איך האב זיי ניט גערן, אט די אין הימלישע נעצען־פארפלאנטערטע חיות!

ווייט פון מיר מעג אויך בלייבען יענער גאט, וועלכער הינקט אריין צו בענשען, וואס ער האט ניט צונויפגעפארט.

לאכט מיר ניט פון אזעלכע זיווגים! וואסער קינד האט ניט קיין גרונט צו וויינען אויף זיינע עלטערן?

אט דער מאן האט מיר אויסגעזעהן חשוב און צייטיג פאר דעם זין פון דער ערד. אבער אז איך האב דערזעהן זיין ווייב, האט מיר די ערד אויסגעזעהן ווי א הויז פאר אומזיניגע.

יע, איך וואלט געוואלט, די ערד זאל אין קרעמפפען טאן ציטערן, ווען א היילינגער און א גאנז פארען זיך צונויף.

אט דער איז ארויס ווי א העלד צו זוכען אמת'ען און צום סוף האט ער זיך ערקעמפט א קליינעם געפוצטען ליגען. זיין זיווג־בונד רופט ער דאס.

יענער איז געווען אפגעהיט אין ארומגאנג און האט געקליבען קלייבעריש. אבער מיט איין מאל האט ער פאר אלע מאל פארדארבען זיין געזעלשאפט: זיין זיווג־בונד רופט ער דאס.

יענער האט געזוכט א מיידעל מיט די מדות טובות פון א קדוש.

אבער מיט איין מאָל איז ער געוואָרען די מאַד פון זיין ווייב; איצ־טער דאַרף מען נאָך, ער זאָל איבער ז'עם ווערען א קדוש.

אָפּגעהיט זיינען איצטער אַלע קונים און אַלע האָבען רמאי'שע אויגען. אָבער זיין ווייב וועט נאָך דער רמאי שברמאי קויפען אין א זאַק.

א סך קורצע תרח'קייטען — דאָס הייסט ביי איך ליעבע. און אייער זיווג־בונד מאַכט א סוף צו די פיעלע קורצע תרח'קייטען דורך איין לאַנגער נאַרישקייט.

אייער ליעבע צו דער פרוי און דער פרוי'ס ליעבע צו דעם מאַן, אַך ווען זי וואָלט געווען א מיטלייד מיט ליידענדע פאַרבאָר־גענע געטער! אָבער דאָס רוב דערשפּיהרען זיך איין חיה די אַנ־דערע.

אפילו אייער בעסטע ליעבע איז אויך נאָר א בעגייסטערטער משל און א שמאַרצהאַפטע גלוט. א פאַקעל איז זי, וואָס זאָל איך לייכטען צו העכערע וועגען.

אריבער איך אַרויס זאָלט איהר אמאָל ליעבען! איז ל ע ר נ ט ז י ך ערשט ליעבען! און דעריבער מוזט איהר טרינקען דעם ביטערען כוס פון אייער ליעבע.

ביטערניס איז אין דעם כוס פון דער בעסטער ליעבע: אויף אַזאַ'ן אופן בעשאַפט זי בענקשאַפט נאָך דעם אויבער־מענש, בע־שאַפט זי דאָרשט אין דיר, דעם שאַפענדען!

דאָרשט דעם שאַפענדען, א פייל און א בענקשאַפט נאָך דעם אויבער־מענש: זאָג, מיין ברודער, איז דאָס דיין ווילען צו דעם זיווג־בונד?

הייליג איז מיר אזא ווילען און אזא פאָר־פאָלק־לעבען.
אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

*   *
*

דער פרייער טויט.

א סך שטאַרבען צו שפּעט און עטליכע שטאַרבען צו פריה. עס קלינגט נאָך פרעמד די לעהרע: „שטארב צו דער רעכטער צייט!“

שטארב צו דער רעכטער צייט, אזוי לערנט אייך זאראטוסטרא.

אודאי, ווער עס לעבט קיין מאָל ניט צו דער רעכטער צייט, ווי זאָל דער אמאָל צו דער רעכטער צייט שטארבען? הלואי וואָלט ער גאָר קיין מאָל ניט געבאָרען זיין! — אָט דאָס איז מיין עצה פאר דעם איבעריגען.

אָבער אויך די איבעריגע מאכען אזא וועזען מיט זייער שטארבען און אויך די ליידיגסטע נוס דארף נאָך צוקנאקט ווערען.

וויכטיג נעמען אַלע אויף דאָס שטארבען; אָבער נאָך ניט קיין יום-טוב איז דער טויט. די מענשען האָבען זיך נאָך ניט אויסגע-לערענט, ווי עהרליך צו האלטען די שעהנסטע יום-טובים.

יענעם טויט בעווייז איך אייך, וואָס ברענגט צום פולען ענד, וואָס איז פאר די לעבעדיגע אַן אויפרעגער און א נדר.

זיין אייגענעם טויט שטארבט דער צום-פולען-ענד-ברענגענ-דער; זיעגרייך, ארומגערינגעלט מיט האָפענדע און אויף-זיך-א-נדר-נעהמענדע.

אזוי זאָל מען זיך אויסלערנען צו שטארבען; און עס זאָל ניט זיין קיין יום-טוב, אין וועלכען אזא שטארבענדער זאָל ניט הייליגען די שבועות פון די לעבענדע.

אויף אזא'ן אופן צו שטארבען איז די בעסטע זאך. די צווייט-בעסטע זאך אָבער איז צו שטארבען אין קאמף און צו פארשווענדען א גרויסע נשמה.

אָבער גלייך פאַרהאסט סיי דעם קעמפענדען, סיי דעם זיעגער איז אייער שצירענדער טויט, וואָס שארט זיך אריין ווי א גנב — און קומט דאָך ווי א האר.

מיין טויט ליב איך אייך, דעם פרייען טויט, וואָס קומט צו מיר, ווייל א י ך וויל איהם.

און ווען וועל איך וועלען? — ווער עס האָט אַ ציעל און אַ יורש, יענער וויל דעם טויט צו דער רעכטער צייט צוליעב דעם ציעל און דעם יורש.

און אוים יראת הכבוד פאַר דעם ציעל און יורש וועט ער ניט אויפהענגען מעהר קיין טרוקענע קראַנצען אין דעם בית־המקדש פון דעם לעבען.

באמת, איך וויל ניט געגליכען זיין צו אַ שטריק־דרעהער: זיי ציהען זייער פאָדים אין דער לענג און דערביי געהען זיי הינטערווייליעכם.

איינער ווערט אויך פאַר זיינע אמת'ען און נצחונות צו אַלט; אַ מויל אָהן ציינער האָט ניט מעהר קיין רעכט אויף יעדען אמת.

און איטליכער, וואָס וויל האָבען אַ קלינגענדען שם, מוז זיך בעצייטענס פאַנאַנדערזעגענען מיט דעם כבוד און איינגעוועהנען־זיך אין דער שווערער קונסט, צו דער רעכטער צייט — צו געהן.

בשעת איינער האָט נאָך אין זיך דעם בעסטען טעם, דאַרף ער אויפהערען, זיך צו לאָזען עסען: דאָס ווייסען די, וואָס ווילען לאַנג געליעבט ווערען.

אודאי זיינען דאָ זויערע עפּעל, וואָס זייער גורל וויל, זיי זאָלען וואַרטען ביז דעם לעצטען טאָג אין בלעטער־פאַל: אין איין־און־דעמזעלביגען טאָג ווערען זיי צייטיג, געל און קנייטשיג.

ביי איינע עלטערט זיך פריהער דאָס הארץ, ביי אַנדערע דער גייסט. און אייניגע זיינען זקנים אין דער יוגענד: אָבער שפּעט יונג האַלט אויף יונג אויף לאַנג.

איינעם גיט זיך ניט איין דאָס לעבען: אַ גיפט־וואָרים פרעסט זיך אַריין אין זיין הארצען. איז זאָל ער זעהן, אַז דאָס שטאַרבען זאָל זיך איהם בעסער איינגעבען.

איינער קאָן קיין מאָל ניט ווערען זים, ער פוילט שוין אין זומער. עס איז פחדנות, וואָס האַלט איהם נאָך פעסט אויף זיין צווייג.

פיעל־צו־פיעלע לעבען און פיעל צו לאנג הענגען זיי אויף זייערע צווייגען. וואלט דאך א שטורעם געקומען, וואס זאל אל'דאס צוגעפוילטע און ווערעמדיגע פון בוים אראפטרייסלען!

וואלטען דאך פרעדיגער געקומען פון דעם גיכען טויט! דאס וואלטען מיר געווען די רעכטע שטורעמס און טרייסלער פון דעם לעבענס־בוים! אבער איך הער נאר, ווי מען פרעדיגט דעם לאנגזאמען טויט און די געדולד מיט די „ערדישע זאכען".

אך, איהר פרעדיגט געדולד מיט די ערדישע זאכען? די ערדישע זאכען זיינען דאס, וואס האבען צו פיעל געדולד מיט אייך, איהר לעסטער־מיילער!

באמת, צו פריה איז געשטארבען יענער העברעער, וועמען עס פארעהרען די פרעדיגער פון דעם לאנגזאמען טויט: און פאר פיעלע איז דאס געווארען זייער שלים־מזל וואס ער איז געשטארבען צו פריה.

ער האט נאך ניט געקענט מעהר ווי די טרערען און דאס שווער־געמיט פון דעם העברעער אין איינעם מיט דער שנאה מצד די גוטע און גערעכטע, דער העברעער ישו: איז פלוצלונג אויף איהם אנגע־פאלען די בענקשאפט נאך דעם טויט.

וואלט ער דאך געבליבען אין מדבר, ווייט פון די גוטע און גערעכטע! אפשר וואלט ער געלערענט לעבען און ליעבען די ערד — און נאך ס'לאכען דערצו.

גלויבט דאס מיר, מיינע ברידער! פאר דער צייט איז ער גע־שטארבען, ער אליין וואלט אפגעפרעגט זיין לעהרע, ווען ער וואלט דערלעבט מיינע יאהרען! ער איז געווען נאך גענוג אפצופרעגען.

אבער אומצייטיג איז ער נאך געווען. אומצייטיג ליעבט דער אינגלינג און אומצייטיג האסט ער דעם מענשען און די ערד! גע־בונדען און שווער זיינען איהם געמיט און די פליגלען פון דעם גייסט.

אבער אין דעם מאן איז מעהר קינד, איידער אין דעם אינגלינג און ווייניגער שווערגעמיט. בעסער פארשטעהט ער דעם ענין פון לעבען און טויט.

בריי צום טויט און פריי אין דעם טויט, א הייליגער ניין־זאָ־גער, ווען עס איז שוין ניטאָ מעהר קיין צייט פאר דעם יע: אזוי פארשטעהט ער דעם ענין פון לעבען און טויט.

זאָל אייער שטאַרבען ניט זיין קיין לעסטערונג אויף מענש און ערד, מיינע פריינד: אָט דאָס בעט איך ביי דעם האָניג פון אייער נשמה.

אין אייער שטאַרבען זאָל נאָך אייער גייסט און אייער טוגענד גליהען, ווי די אָוונט־רויט ארום דער ערד: אז ניט האָט זיך אייער שטאַרבען אייך ניט איינגעגעבען.

און אזוי וויל איך אליין שטאַרבען, אז איהר, פריינד מיינע, זאָלט די ערד נאָך מעהר ליעבען צוליעב מיר. און איך וויל ווידער ווערען ערד, כדי איך זאָל האָבען רוה אין יענער, וואָס האָט מיך געבוירען.

באמת, א ציעל האָט זאראַטוסטרא, ער האָט זיין באַל געוואָר־פען. נו — זייט איהר, פריינד מיינע, די יורשים פון מיין ציעל, אייך וואַרף איך צו דעם גילדערנעם באַל.

ליעבער פאר אלץ וויל איך זעהען, ווי איהר, מיינע פריינד, וואַרפט דעם גילדערנעם באַל! און דעריבער ציה איך נאָך אויף א קליין ביסעל אויף דער ערד: זייט מיר מוחל!

אזוי האָט גערעדט זאראַטוסטרא.

* *
*

די טוגענד, וואָס שענקט.

1.

אַז זאַראַטוסטראַ האָט גענומען אַפּשייד פון דער שטאָדט, וואָס זיין הארץ איז געווען איהר צוגעטאָן און וואָס איהר נאָמען איז געווען די „ראַבע קוה" — זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך איהם אַ סך מענשען, וועלכע האָבען זיך גערופען זיינע תלמידים, און האָבען איהם באַגלייט. אַזוי זיינען זיי געקומען צו אַ שייד־וועג: האָט זאַראַטוסטראַ זיי געזאָגט, אַז ער וויל איצטער געהן אַליין; ווייל ער איז געווען אַ פריינד פון אַליין־געהן. זיינע תלמידים אָבער האָבען איהם דערלאַנגט צום אַפּשייד אַ שטעקען, וואָס אויף זיין גילדערנעם הענטעל האָט זיך אַ שלאַנג געריינגעלט ארום אַ זון. זאַראַטוסטראַ האָט זיך געפרעהט מיט דעם שטעקען און האָט זיך געשטיצט אויף איהם. דערנאָך האָט ער אַזוי גערעדט צו זיינע תלמידים:

זאָגט מיר דאָך: ווי אַזוי איז גאָלד געקומען צו דעם העכסטען ווערט? דורך דעם, וואָס עס איז זעלטען און אָהן נוצען און לייכטענד און מילד אין זיין גלאַנץ; רק עס שענקט זיך אַוועק.

נאָר ווי אַן אָפּבילד פון דער העכסטער טוגענד איז גאָלד גע־קומען צו דעם העכסטען ווערט. גאָלד־גליין לייכט דער בליק ביי דעם שענקענדען. גאָלד־גלאַנץ שליסט פרידען צווישען זון און לבנה.

זעלטען איז די העכסטע טוגענד און אָהן נוצען, לייכטענד איז זי און מילד אין גלאַנץ: אַ שענקענדע טוגענד איז די העכסטע טו־גענד.

באמת, איך שאַץ אייך ריכטיג, מיינע תלמידים: איהר שטרעבט אויך, ווי איך, נאָך דער שענקענדער טוגענד. וואָס האָט איהר בשותפות מיט קעץ און מיט וועלף?

עס איז אייער דאָרשט אַליין צו ווערען קרבנות און מתנות: און דעריבער האָט איהר דעם דאָרשט, צונויפזאַמלען אַלע רייכ־טימער אין אייער נשמה.

ניט געזעטיגט שטרעבט אייער נשמה צו אוצרות און איידעל־שטיינער, ווייל אייער טוגענד איז ניט צו זעטיגען אין איהר וועלען פאַרשענקען.

איהר צווינגט אַלע זאַכען, זיי זאָלען אריינפליסען צו אייך און אין אייך, כדי זיי זאָלען צוריק ארויסשטראָמען פון אייער ברו־נען, ווי די מתנות פון אייער ליעבע.

באמת, אזא שענקענדע ליעבע מוז ווערען א רויבער פון אַלע ווערטען; אָבער געזונט און געהייליגט רוף איך אזא זעלבסט־זוכט.

עס איז דאָ אַן אנדער זעלבסט־זוכט, א צו זעהר אָרעמע, א הונגערענדע, וואָס וויל תמיד גנב׳ענען, יענע זעלבסט־זוכט פון די קראַנקע, די קראַנקע זעלבסט־זוכט.

מיט גנב׳ישע אויגען קוקט זי אויף אַלץ, וואָס גלאַנצט. מיט הונגער־באַגעהר מעסט זי אָפּ דעם וואָס האָט בשפע צו עסען און תמיד גנב׳עט זי זיך ארום דעם טיש פון די, וואָס שענקען.

קראַנקהייט רעדט פון אזא פארלאַנג און פארבעהאַלטענע ענט־ארטונג; וועגען א פארשמאַכטען לייב רעדט דער גניבה׳שער באַ־געהר פון אָט דער זעלבסט־זוכט.

זאָגט מיר, מיינע ברידער: וואָס האַלטען מיר פאַר שלעכט און דאָס שלעכטסטע? איז דאָס ניט ע נ ט א ר ט ו נ ג? — און אויף ענטאַרטונג שטויסען מיר זיך תמיד אָן, וואו עס פעהלט די שענקענדע נשמה.

ארויף־צו געהט אונזער וועג, פון דער אַרט אריבער צו דער אויבער־אַרט. אָבער א שוידער איז אונז דער ענטאַרטעטער זין, וואָס זאָגט: „אַלץ איז פאַר מיר".

ארויף־צו פליהט אונזער זין: אזוי איז ער א משל צו אונזער לייב, א משל פון א דערהויבונג. אזעלכע משלים פון דערהויבונגען זיינען די נעמען פון די מדות טובות.

אזוי געהט דער לייב דורך דער געשיכטע, א ווערענדער און

א קעמפּענדער. און דער גייסט — וואָס איז ער איהם? א הערא̇לד פון זיינע קעמפּען און נצחונות, אַ חבר און ווידער־קול.

משלים זיינען אַלע נעמען פון גוט און שלעכט: זיי ריידען ניט ארויס, זיי זיינען נאָר מרמז. אַ נאַר איז דער וואָס פאַרלאַנגט פון זיי אויך וויסען.

ניט אַכטונג, מיינע ברידער, אויף יעדער שעה, ווען אייער גייסט וויל ריידען אין משלים: דאָ איז דער מקור פון אייער טוגענד.

דערהויבט איז דאָ אייער ליב און אויפגעשטאַנען; מיט זיין תענוג ענטציקט ער דעם גייסט, ער זאָל ווערען אַ בעשאַפער און אַ שאַצער און אַ ליעבענדער און אַ גוטס־טוער פאַר אַלץ און אַלעמען.

ווען אייער הארץ געהט אין וואַלען, ברייט און פול, ווי אַ שטראָם, אַ ברכה און אַ סכנה פאַר די וואָס וואוינען לעבען איהם: אַט דאָ איז דער מקור פון אייער טוגענד.

ווען איהר שטעהט העכער פאַר לויב און טאַדעל און אייער ווילען וויל באַפעהלען אַלץ און אַלעמען, ווי דער ווילען פון אַ ליע־בענדען: אַט דאָ איז דער מקור פון אייער טוגענד.

ווען איהר פאַראַכט דאָס אַנגענעמענע און דאָס ווייכע בעט און איהר קאָנט ניט אויסבעטען אייער נעלעגער ווייט געגוג פון די ווייכליכע: אַט דאָ איז דער מקור פון אייער טוגענד.

ווען איהר ווילט נאָר איין ווילען און אַט דער קעהר־און־ווענד פון אַלע נויטען הייסט ביי אייך נויטווענדיגקייט: אַט דאָ איז דער מקור פון אייער טוגענד.

באמת, אַ נייער גוטס און שלעכטס איז זי! באמת, אַ נייע טיעף רוישען און די שטים פון אַ נייעם קוואַל.

מאַכט איז זי, אַט די נייע טוגענד; אַ הערשענדער געדאַנק איז זי און אַרום איהם אַ קלוגע נשמה: אַ גילדערנע זון און אַרום איהר די שלאַנג פון דער דערקענטניס.

* *
*

2.

דאָ האָט זאַראַטוסטראַ געשוויגען אַ ווײַלע און האָט מיט ליע־בע געקוקט אויף זײַנע תּלמידים. דערנאָך האָט ער ווײַטער גע־רעדט, אַזוי צו זאָגען: — און זײַן שטים האָט זיך פֿאַרוואַנדעלט.

בלײַבט מיר טרײַ דער ערד, מײַנע ברידער, מיט דער מאַכט פֿון אײַער טוגענד! אײַער שענקענדע ליעבע און אײַער דערקענט־ניס זאָלען דיענען דעם זין פֿון דער ערד! אַזוי בעט איך און באַ־שוור איך אײַך.

לאָזט זי ניט אַוועקפֿליהען פֿון די ערדישע זאַכען און זיך שלאָ־גען מיט די פֿליגלען אָן די אײביגע ווענט! אָך, עס זײַנען תּמיד געווען אַזוי פֿיעל טוגענדען, וואָס האָבען זיך פֿאַרפֿלויגען!

פֿיהרט צוריק די פֿאַרפֿלויגענע טוגענד, אַזוי ווי איך, צוריק צו דער ערד, יע, צוריק צו לײַב און לעבען: כּדי זי זאָל געבען דער ערד אהר זין, אַ מענשען־זין!

הונדערטער מאָל האָט זיך ביז אהער דער גײַסט ווי די טוגענד פֿאַרפֿלויגען און פֿאַרבלאָנדזשעט. אָך, אין אונזער לײַב וואוינט נאָך איצטער יענער גאַנצער שגעון און טעות: ער איז דאָ געוואָרען לײַב און ווילען.

הונדערטער מאָל האָט זיך ביז אהער אויסגעפּרוּווט און איז פֿאַראירט געוואָרען סײַ דער גײַסט, סײַ די טוגענד. יע, אַן אויס־פּרוּוו איז געווען דער מענש. אָך, פֿיעל אומוויסען און טעות איז געוואָרען לײַב אין אונז.

ניט נאָר דער שׂכל פֿון יאָהרטויזענדען — אויך די משוגעת זייערע שלאָגט אַרויס אויף אונז. עס איז געפֿעהרליך, צו זײַן אַ יורש.

מיר קעמפֿען נאָך אויף שריט און טריט מיט דעם ריעז — צופֿאַל, און איבער דער גאַנצער מענשהײַט האָט נאָך ביז אהער גע־וועלטיגט דער אומזין, דער אָהן־אַ־זין.

אייער גייסט און אייער טוגענד זאָלען דיענען דעם זין פון דער ערד, מיינע ברידער: און דער ווערט פון אַלע זאַכען זאָל פון אייך אויפ'ס ניי געזעצט ווערען! דעריבער זאָלט איהר זיין קעמ־פענדע! דעריבער זאָלט איהר זיין שאַפענדע!

וויסענדיג, רייניגט זיך דער לייב; אויספּרואווענדיג מיט ווי־סען, דערהויבט ער זיך; ביי דעם דערקענענדען ווערען אַלע אַנטריע־בען געהייליגט; ביי דעם דערהויכטען ווערט פרעהליך די נשמה.

רופא, העלף זיך גופא; אזוי וועסטו אויך דעם חולה העלפען. דאָס זאָל זיין זיין בעסטע הילף, וואָס ער זעהט יענעם מיט זיינע אויגען, וועלכער מאַכט זיך אַליין געזונט.

טויזענד שטעגען זיינען דאָ, וואָס זיינען קיינמאָל ניט גע־גאַנגען געוואָרען, טויזענד געזונדקייטען און פאַרבאָרגענע לעבענס־אינזלען. ניט אויסגעשעפּט און ניט ענטדעקט איז נאָך עד היום מענש און מענשען־ערד.

וואַרט און הערט זיך איין, איהר איינזאַמע! פון דער צו־קונפט־זייט קומען ווינטען אַן מיט סודות'דיגען פליגעל־שלאָג און צו דינע אויערען דערגרייכט אַ גוטע בשורה.

איהר איינזאַמע פון היינט, איהר אָפּגעטיילטע, איהר זאָלט אמאָל ווערען אַ פאָלק: פון אייך, וועט איהר האָט זיך אַליין אויס־דערוועהלט, זאָל אַן אויסדערוועהלט פאָלק אויסוואַקסען: און פון איהם — דער אויבער־מענש.

באמת, אַ מקום־רפואה זאָל נאָך ווערען די ערד! און שוין פאַרשפּרייט זיך אַרום איהר אַ נייער גערוך, אַ ישועה־ברענגענדער, און אַ נייע האָפענונג!

* *
*

3.

אז זאַראַטוסטראַ האָט געזאָגט אַט די ווערטער, האָט ער גע־שוויגען, ווי איינער, וואָס האָט נאָך זיין לעצט וואָרט ניט אַרויס־גערעדט; אַ לאַנגע צייט האָט ער אין ספיקות געוואויגען דעם שטע־

קען אין זיין האנט. לסוף האָט ער אזוי גערעדט: — און זיין שטים האָט זיך פארוואנדעלט.

איצטער געה איך אליין, מיינע תלמידים, און אויך איהר זאָלט איצטער אוועקגעהן פון דאנען און אליין. אזוי וויל איך.

באמת, איך גיב אייך מיין עצה: געהט אוועק פון מיר און וועהרט אייך אנטקעגען זאראטוסטרא! און נאָך בעסער: שעמט זיך מיט איהם! אפשר האָט ער אייך אָפּגענארט.

דער מענש פון דער דערקענטניס מוז ניט נאָר ליעבען זיינע פיינד, נייערט אויך קאָנען האסען זיינע פריינד.

מען באלוינט שלעכט א לעהרער, ווען מען בלייבט תמיד נאָר א תלמיד. און פאר וואָס זאָלט איהר ניט צופּען מיין קראַנץ?

איהר פערעהרט מיך; אָבער וואָס וועט זיין אין יענעם טאָג, ווען אייער פערעהרונג וועט אנידערפאלען? היט אייך, אז א בילד־זייל זאָל אייך ניט דערשלאָגען.

איהר זאָגט, איהר גלויבט אין זאראטוסטרא? אָבער וואָס פאר א באטרעף האָט זאראטוסטרא? איהר זייט מיינע גלויביגע; אָבער וואָס פאר א באטרעף האָבען אלע גלויביגע?

איהר האָט זיך אליין נאָך ניט געזוכט: האָט איהר מיך געפונען. אזוי טוען אלע גלויביגע; דעריבער האָט יעדער גלויבען אזוי ווייניג ווערט.

איצטער הייס איך אייך, איהר זאָלט מיך פארלירען און זיך געפינען; און ערשט ווען איהר האָט מיך אלע פארלייקענט, וועל איך מיך ווידער אומקעהרען צו אייך.

באמת, מיט אנדערע אויגען, מיינע ברידער, וועל איך מיר יעמאָלט זוכען מיינע פארלאָרענע; מיט אַן אנדער ליעבע וועל איך יעמאָלט ליעבען.

און ווען עס איז זאָלט איהר ווערען מיינע פריינד, די קינדער פון איין האָפענונג: יעמאָלט וועל איך צום דריטען מאָל זיין ביי אייך, כדי אין איינעם מיט אייך צו יום־טוב'ען דעם גרויסען מיטען־טאָג.

און דאָס איז דער גרויסער מיטען־טאָג, ווען דער מענש שטעהט

אין זיין מיטען וועג צווישען דער חיה און דעם אויבער־מענש און יום־טוב'ט זיין וועג צום אָוועגט, ווי זיין העכסטע האָפענונג: ווייל דאָס איז דער וועג צו אַ נייעם פריה־מאָרגען.

אין יענער צייט וועט דער אונטערגעהענדער זיך אַליין בענ־שען, ער זאָל זיין אַן אַריבערגעהענדער; און די זון פון זיין דער־קענטניס וועט איהם שטעהן אין מיטען טאָג.

„ט ו י ט ז י י נ ע ן א ל ע ג ע ט ע ר: א י ז ו ו י־ל ע ן מ י ר, ע ס ז אָ ל ל ע ב ע ן ד ע ר א ו י ב ע ר־מ ע נ ש“ — דאָס זאָל אַמאָל זיין אונזער לעצטער ווילען אין דעם גרויסען מיטען־טאָג.

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ

צווייטער טייל

„—און ערשט, ווען איהר האָט מיך אַלע פאַר־לייקענט, וועל איך מיך ווידער אומקערען צו אייך.

באמת, מיט אַנדערע אויגען, מיינע ברידער, וועל איך מיר יעמאָלט זוכען מיינע פאַרלאָרענע; מיט אַן אַנדער ליעבע וועל איך יעמאָלט ליעבען".

זאַראַטוסטראַ:

„די טוגענד, וואָס שענקט",

(I, ז. 102)

דאָס קינד מיט דעם שפּיגעל.

דערנאָכדעם איז זאַראַטוּסטראַ ווידער אַוועק צוריק אין די בערג און אין דער איינזאַמקייט פון זיין הויהל און האָט זיך דער־ווייטערט פון אַלע מענשען: ווי אַ זייער־מאַן, וואָס האָט זיין זריעה צושפּרייט, און ער וואַרט. זיין נשמה אָבער איז פול געוואָרען פון אומגעדולד און באַגעהר צו יענע, וועלכע ער האָט געליעבט: ווייל ער האָט געהאַט נאָך אַ סך וואָס צו געבען זיי. מחמת דאָס איז די שווערסטע זאַך: אויס ליעבע צו פאַרמאַכען די אָפענע האַנט און ניט צו פאַרלירען די בושה, ווי אַ שענקענדער.

אַזוי זיינען דעם איינזאַמען פאַרגאַנגען חדשים און יאָהרען; זיין קלוגשאַפט אָבער איז געוואַקסען און האָט איהם וועה געטאָן מחמת איהר פולקייט.

אין איין פריה־מאָרגען אָבער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט נאָך פאַר באַגינען, האָט לאַנג געטראַכט אויף זיין געלעגער און האָט לסוף אַזוי גערעדט צו זיין האַרצען:

„וואָס האָב איך מיך דאָך אַזוי דערשראָקען אין מיין חלום, וואָס איך האָב מיך אויפגעכאַפּט? איז ניט אַ קינד צוגעגאַנגען צו מיר, מיט אַ שפּיגעל אין דער האַנט?

‚אָה, זאַראַטוּסטראַ — האָט דאָס קינד געזאָגט צו מיר — קוק דיך איין אין דעם שפּיגעל!‘

אָבער אַז איך האָב אַ קוק געטאָן אין דעם שפּיגעל, האָב איך אַ געשריי געטאָן און מיין האַרץ איז אויפגעציטערט געוואָרען, ווייל ניט מיך האָב איך דערזעהן דאָרטען, נייערט דעם פּרצוף־פּנים פון אַ טייוועל און אַ חוזק־לאַכען.

באמת, זעהר גוט פארשטעה איך דעם חלום׳ס באדייט און זיין וואָרענען: מיין ל ע ה ר ע איז אין געפאהר, ווילד־גראָז וויל זיך רופען ווייץ.

מיינע פיינד זיינען געוואָרען מעכטיג און האָבען פארקרימט דעם תואר־פנים פון מיין לעהרע אזוי, אז מיינע ליעבסטע מוזען זיך שעמען מיט די מתנות, וואָס איך האָב זיי געגעבען.

מיינע פריינד זיינען פארלאָרען געגאנגען; עס איז געקומען פאר מיר די שעה, איך זאָל זוכען מיינע פארלאָרענע!" —

מיט אָט די ווערטער איז זאראטוסטרא אויפגעשפרונגען, אָבער ניט ווי א מאָן אין אנגסט, וואָס זוכט לופט, נייערט מעהר ווי א זעהער און זינגער, ווענן דער גייסט האָט באפאלען.

פארוואונדערט האָבען זיין שלאנג און זיין אָדלער אויף איהם געקוקט: ווייל אזוי ווי די מאָרגענרויט איז געלעגען א קומענדער גליק אויף זיין פנים.

וואָס האָט פאסירט מיט מיר, מיינע בעלי־חיים? — האָט זאראטוסטרא געזאָגט. האָב איך מיך ניט געביטען? איז ניט דער העכסטער נחת געקומען צו מיר, ווי א שטורעם־ווינט?

בענאריש איז מיין גליק און בענארישטעם וועט עס ריידען: צו יונג איז ער נאָך — איז, האָט געדולד מיט איהם!

פארוואונדעט בין איך פון מיין גליק: אלע ליידענדע זאָלען מיינע רופאים זיין!

צו מיינע פריינד מעג איך ווידער אראָפשטייגען און אויך צו מיינע פיינד! זאראטוסטרא מעג ווידער ריידען און שענקען און טאָן דאָס ליעבסטע צו מיינע ליעבע!

מיין אומגעדולדיגע ליעבע פליעסט אריבער אין שטראָמען, אראָפ־צו, צו זון־אויפגאנג און אונטערגאנג. אוים די שווייגזאמע בערג און די געוויטערען פון דעם שמארץ רוישט מיין נשמה אין די טאָלען.

צו לאנג האָב איך געבענקט און געקוקט אין די ווייט. צו לאנג

האָב איך געהערט צו דער איינזאַמקייט: אַזוי האָב איך דאָס שווײַגען פאַרגעסען.

מויל בין איך געוואָרען דורך און דורך און ברויזען פון אַ וואַסער, וואָס פאַלט פון הויכע פעלזען: אַראָפּ־צו וויל איך מיינע רייד שליידערען אין די טאָלען.

און ווען אפילו מיין שטראָם פון ליעבע זאָל זיך שליידערען אין ערטער אָהן וועגען! ווי זאָל אַ שטראָם ניט געפינען לסוף זיין וועג צו דעם ים!

אמת, אַ זעע איז אין מיר, אַ פאַראיינזאַמטער און זיך־זעלבסט־גענוגזאַמער; אָבער מיין ליעבע־שטראָם רייסט איהם מיט זיך אַראָפּ־צו — אין דעם ים!

אין נייע וועגען געה איך, נייע רייד קומען צו מיר; איך בין, ווי אַלע שאַפענדע, מיעד געוואָרען פון אַלטע צינג. מיין גייסט וויל ניט מעהר אומגעהן אויף אָראָפּגעטראָגענע שוך־טראָטען.

צו לאַנגזאַם איז מיר איטליך ריידען: — אין דיין וואָגען, אַ שטורעם, שפּריג איך אַריין. און אויך דיך וויל איך נאָך שמייסען מיט דער בייטש פון מיין רשעות!

ווי אַ געשריי און אַ יויכצען וויל איך מיך איבער ווייטע ים'ען אַ לאָז טאָן, ביז איך וועל די גליקזעליגע אינזלען געפינען, וואו מיינע פריינד רוהען: —

און מיינע שונאים צווישען זיי! ווי ליעב איך איצט איטליכען, צו וועמען איך קאָן ריידען! און מיינע שונאים געהערען צו מיין העכסטען נחת.

און ווען איך וויל אַרויף אויף מיין ווילדעסטען פערד, העלפט מיר תמיד אַם בעסטען מיין לאַנץ־שפּיעז אַרויפשטייגען: ער איז דער שטענדיג אָנגעגרייטער דיענער פון מיין פוס:

דער לאַנץ־שפּיעז וואָס איך שליידער אין מיינע פיינד! ווי דאַנקבאַר בין איך מיינע שונאים, וואָס איך קאָן איהם ענדליך שליידערען!

צו גרויס איז געוועזן די אָנגעשפּאַנטקייט פון מיין וואָלקען:

צווישען בליטץ-געלעכטערן וויל איך א גוס-האָגעל וואַרפען אין דער טיעף.

געוואַלטיג וועט זיך דאָ מיין ברוסט הויבען, געוואַלטיג וועט זי מיין שטורעם איבער די בערג אַרויסבלאָזען: אזוי וועט איהר גרינגער ווערען.

באמת, גלייך ווי א שטורעם קומט מיין גליק און מיין פריי־הייט! אָבער מיינע פיינד זאָלען מיינען, דער נ י ט - ג ו ט ע ר ווילדערט איבער זייערע קעפּ.

יע, אויך איהר וועט דערשראָקען ווערען, מיינע פריינד, פון מיין ווילדער קלוגשאַפּענקייט; און אפשר אַנטלויפט איהר אין איי־נעם מיט מיינע פיינד.

אך, הלואי ווייס איך, ווי איך צוריקצוציהען מיט פּיטערערס־פלויטען! אך, הלואי לערנט זיך אוים מיין ליבען-קלוגשאַפּענקייט, ווי אזוי צאַרטליך צו ברומען! און א סך זאכען האָבען מיר שוין געלערנט איינער מיט דעם אַנדערן!

מיין ווילדע קלוגשאַפּענקייט איז שוואַנגער געוואָרען אין די איינזאַמע בערג; אויף האַרטע שטיינער האָט זי מיר איהר יונגס געבאָרען, איהר אינגסטעס.

איצטער וואָגעלט זי אום, ווי משוגע, איבער'ן טרוקענעם מדבר און זוכט און זוכט א ווייכען גראָז-פּלאַץ — מיין אַלטע ווילדע קלוגשאַפּענקייט!

אויף דעם ווייכען גראָז-פּלאַץ פון אייערע הערצער, מיינע פריינד! — אויף אייער ליעבע וואָלט זי וועלען איהר ליעבסטעס אויסבעטען!

אזוי האָט גערעדט זאראַטוסטרא.

* *

*

אויף די גליקזעליגע אינזלען.

די פייגען פאלען פון די בוימער: זיי זיינען גוט און זיס; און בשעת זיי פאלען ווערט זייער רויטע הויט צוריסען. איך בין א צפון־ווינט פאר די צייטיגע פייגען.

אזוי ווי פייגען, פאלען פאר אייך אויך אט די לעהרען, מיינע פריינד: איז — טרינקט זייער זאפט און זייער זיסען פלייש! בלע־טער־פאל איז ארום און ריינער הימעל אין נאכמיטאג־צייט.

זעהט, וואס פאר א שפע ארום אונז איז! און פון דעם איבער־פול ארויס איז אזוי שעהן צו קוקען אויף די ווייטע ים'ען.

אמאל פלעגט מען זאגען גאט, ווען מען האט געקוקט אויף די ווייטע ים'ען. נאר איצטער האב איך אייך געלערנט צו זאגען: אויבער־מענש.

גאט איז א השערה. אבער איך וויל אז אייער השערה זאל ניט גרייכען ווייטער, איידער אייער שאפענדער ווילען.

קאנט איהר א גאט שאפען? איז, שווייגט מיר דאך מכוח אלע געטער! אבער איהר קאנט דאך שאפען דעם אויבער־מענש.

אפשר ניט איהר גופא, מיינע ברידער! אבער איהר קאנט זיך אליין איבערשאפען צו פאטערס און אורעלטערן פון דעם אוי־בער־מענש: און זאל דאס זיין אייער בעסטער שאפען!

גאט איז א השערה: אבער איך וויל, אז אייער משער־זיין זאל זיין באגרעניצט דורך דער דענקבארקייט.

קאנט איהר א גאט דענקען? — אבער דער ווילען צום אמת דארף באדייטען פאר אייך, אז אלץ זאל פארוואנדעלט ווערען אין מענשען־דענקבארעס, מענשען־זעהבארעס, מענשען־פיהלבא־רעס! אייערע אייגענע חושים זאלט איהר דערדענקען ביז צום סוף!

און דאס, וואס איהר רופט וועלט, דאס דארף נאך ערשט פון אייך געשאפען ווערען: אייער שכל, אייער בילד, אייער ווילען, איי־

ער ליעבע, זאָל דאָס ווערען! און באמת, צו אייער גרעסטען נחת, איהר דערקענענדע!

און ווי ווילט איהר אויסשטעהן דאָס לעבען אָהן אָט דער האָ־פענונג, איהר דערקענענדע? איהר טאָרט ניט אריינגעבאָרען זיין ניט אין דעם אומבעגרייפליכען און ניט אין דעם אומ׳שכל׳דיגען.

נאָר לאָזט מיך אנטפלעקען פאר אייך מיין גאנצע הארץ: — איהר פריינד מיינע: א ו י ב עס וואָלטען געווען געטער, ווי וואָלט איך דאָס אויסגעהאלטען, ניט צו זיין קיין גאָט! מ מ י ל א זיינען קיין געטער ניטאָ.

אמת, אָט דעם שלום האָב איך געצויגען, איצטער אָבער ציעהט ער מיך. —

גאָט איז א השערה, אָבער ווער קאָן טרינקען די גאנצע פיין פון אזא השערה און בלייבען לעבען? זאָל דען דעם שאַפענדען אָוועקגענומען ווערען זיין גלויבען און ביי דעם אָדלער זיין שוועבען אין אָדלער־ווייטען?

גאָט איז א געדאנק, וואָס מאכט קרום אלץ וואָס איז גלייך און זיך דרעהענד אלץ וואָס שטעהט פעסט. ווי? איז ניטאָ מעהר די צייט? און איז אלץ, וואָס פארגעהט—ניט מעהר ווי א שקר?

אזוינס צו דענקען איז א ווירבעל און א שווינדלען פאר מענש־ליכע ביינער און אפילו פאר׳ן מאגען א חלשות: באמת, איך רוף דאָס די דרעהענדע קראנקהייט, אזוינס זיך משער צו זיין.

בייז רוף איך דאָס און מענשענפיינדליך: אָט די אלע לעהרען וועגען דעם איינעם און דעם פולען און דעם אומבאוועגטען און דעם זאטען און דעם אומפארגאנגליכען!

אַל׳ דאָס אומפארגאנגליכע — דאָס איז נאָר א משל! — און די דיכטער לאָיגען צו־פיעל.*

אָבער די בעסטע משלים דארפען ריידען וועגען צייט און

* א פאָלעמישער רמז אויף געטהע׳ן, וואָס האָט געזאָגט: „אַל׳ דאָס פ א ר ג א נ ג ל י כ ע איז נאָר א משל“. — דער איבערזעצער.

ווערן: אַ לויב זאָלען זיי זיין און אַ גערעכטיגונג פאַר די פאַרגאַנגע־ליכקייט!

שאַפען — דאָס איז די גרויסע גאולה פון ליידען און דאָס גרינגווערען פון דעם לעבען. אָבער כדי עס זאָל זיין דער שאַפענדער, דערצו גופא איז נויטיג ליידען און אַ סך פאַרוואַנדלונגען.

יע, אַ סך פון ביטערען שטאַרבען מוז זיין אין אייער לעבען, איהר שאַפענדע! אַזוי אַרום זייט איהר סניגור׳ס און גערעכטיגערס פון אַל׳ דער פאַרגאַנגליכקייט.

כדי דער שאַפענדער זאָל אַליין זיין דאָס קינד, וואָס זאָל גע־באָרען ווערען, דערצו מוז ער וועלען זיין די געווינערין און די גע־בורט־שמערצען.

באמת, דורך הונדערט נשמות בין איך דורכגעגאַנגען אין מיין וועג און דורך הונדערט וועגען און געבורטס־וועהען. ניט איין מאָל האָב איך אָפּשייד גענומען, איך קען די האַרצברעכענדע לעצטע שטונדען.

אָבער אַזוי וויל דאָס מיין שאַפענדער ווילען, מיין שיקזאַל. אָדער, כדי צו זאָגען אייך נאָך עהרליכער: גראָד אַזאַ שיקזאַל וויל מיין ווילען.

אַל׳ דאָס פיהלענדע ליידט אין מיר און איז אין תפיסה: אָבער מיין ווילען קומט אַלע מאָל צו מיר ווי מיין בעפרייער און פרייד־ברענגער.

ווילען מאַכט פריי: דאָס איז די אמת׳ע לעהרע וועגען ווילען און פרייהייט — אַזוי לערנט זי אייך זאַראַטוסטראַ.

ניט־מעהר־ווילען און ניט־מעהר־שאַצען און ניט־מעהר־שאַפען! אַך, הלואי זאָל אָט די גרויסע איינגעמאַטערטקייט בלייבען ווייט פון מיר!

אויך אין דעם דערקענען פיהל איך נאָר די לוסט צום ווערן, און אויב עס איז דאָ אומשולד אין מיין דערקענטניס, קומט דאָס דערפון, וואָס אין איהר איז דאָ ווילען צו באַפרוכפּערונג.

פון גאָט און אַלע געטער האָט מיך אָוועקגעצויגען אָט דער

ווילען ; וואָלט דען געווען וואָס צו שאַפען, ווען געטער וואָלטען עקזיסטירט !

אָבער צו דעם מענשען טרייבט מיך שטענדיג אויף דאָס ניי מיין ברענענדיגער שאַפענסווילען ; אַזוי טרייבט עס דעם האמער צו דעם שטיין.

אַך, איהר מענשען, אין דעם שטיין שלאָפט מיר אַ בילד, דאָס בילד פון מיינע בילדער ! אַך, פאַר וואָס מוז ער שלאָפען אין דעם הארטעסטען, דעם מיאוס'טען שטיין !

איצט — ווילדצאָרענט מיין האמער אכזריות'דיג אויף זיין תפיסה. פון דעם שטיין פליהען שטיקער : וואָס זאָל מיך דאָס אהרען ?

איך וויל דאָס צו־דעם־פולען־ענד־פיהרען : ווייל אַ שאָטען איז געקומען צו מיר — דאָס שטילסטע און לייכטעסטע פון אַלע זאַכען איז אַמאָל געקומען צו מיר !

דעם אויבערמענשענס שעהנקייט איז געקומען צו מיר ווי אַ שאָטען. אַך, מיינע ברידער, וואָס זאָלען מיך נאָך אהרען — די געטער !

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

די בעלי־רחמים.

מיינע פריינד, אַ שפּאָט־רייד האָט דערגרייכט אייער פריינד : קוקט נאָר אָן זאַראַטוסטראַ'ן ! געהט ער ניט אום צווישען אונז גלייך ווי צווישען חיות ?"

נאָר אַזוי איז דאָס בעסער געזאָגט : „דער דערקענענדער געהט ארום צווישען מענשען, ג ר אַ ד ווי צווישען חיות".

דער מענש גופא אָבער הייסט פאַר דעם דערקענענדען : די חיה, וואָס האָט רויטע באַקען.

ווי אַזוי האָט דאָס מיט איהם פּאַסירט ? איז דאָס ניט מחמת ער האָט זיך אָפט געמוזט שעמען ?

אָה, מיינע פריינד! אזוי זאָגט דער דערקענענדער: בושה, בושה, בושה — דאָס איז די געשיכטע פון דעם מענשען!

און דעריבער מאַכט זיך דער איידעלער א געבאָט, ניט צו באַשעמען: שעמען זיך פאַר אַלע ליידענדע איז זיין באַפעהל צו זיך.

באמת, איך לייד זיי ניט, די באַרעמהאַרציגע, וואָס האָבען נחת רוח פון זייער מיטלייד: עס פעהלט זיי צו־פיעל אין שעמעוודיג־קייט.

אויב איך מוז זיין א בעל־רחמים, ווייל איך דאָך ניט טראָגען דעם נאָמען; און ווען איך בין עס, איז בעסער פון דערווייטענס.

בעסער פאַרדעק איך מיין קאָפּ און פליה אַוועק, נאָך איידער מען האָט מיך דערקענט: און אזוי היים איך טאָן אויך אייך, מיינע פריינד!

הלואי זאָל מיין שיקזאַל מיר תמיד ברענגען איבער׳ן וועג אַזוינע, וואָס זיינען פריי פון ליידען ווי איהר און אַזוינע, מיט וועמען איך מעג האָבען בשותפות האָפענונג, מאָלצייט און האָניג!

באמת, איך האָב געטאָן דאָס און יענס פאַר די ליידענדע: אָבער א בעסערע זאַך, דוכט מיר, האָב איך שטענדיג געטאָן, ווען איך האָב געלערנט, ווי זיך בעסער צו פרעהען.

זינט עס זיינען דאָ מענשען, האָט דער מענש זיך צו ווענינ געפרעהט: דאָס אַליין, מיינע ברידער, איז אונזער פאַר׳ירשן׳טע זינד!

און לערנען מיר זיך אויס, ווי זיך בעסער צו פרעהען, יעמאָלט פאַרגעסען מיר אָם בעסטען, ווי אַנדערע וועה צו טאָן און אויסצו־טראַכטען אַזוינס, וואָס טוט וועה.

דעריבער וואַש איך מיר די האַנט, וואָס האָט געהאָלפען דעם ליידענדען, דעריבער וויש איך מיר אויך אָפּ די נשמה.

ווייל זעהענדיג דעם ליידענדען אין זיין ליידען האָב איך מיך געשעמט צוליעב זיין בושה, און אז איך האָב איהם געהאָלפען, האָב איך מיך האַרט פאַרזינדיגט אַנטקעגען זיין שטאָלץ.

גרויסע התחיבות׳ען מאַכען ניט דאַנקבאַר, נייערט נקמה־זיכ־

טיג און ווען אַ קליינע טובה ווערט ניט פאַרגעסען, ווערט דאָס אַ נאָגענדער וואָרים.

זייט איינגעהאַלטען אין אָננעמען! צייכענט איינעם אוים דורך דעם, וואָס איהר נעמט ביי איהם אָן!" — אזוי איז מיין עצה פאַר די, וואָס האָבען ניט גאָרנישט צו פאַרשענקען.

איך בין אָבער אַ שענקענדער: פריידיג שענק איך, ווי אַ פריינד דעם פריינד. פרעמדע אָבער און אָרעמע־לייט זאָלען אליין אָפּפליקען זיך די פירות פון מיין בוים: אזוי באשעמט דאָס וועניגער.

בעטלער אָבער זאָל מען אין גאנצען אָפּשאַפען! באמת, מען ערגערט זיך, צו געבען זיי, און מען ערגערט זיך ניט צו געבען זיי.

און דאָס איינגענע אויך די זינדער און די שלעכטע געוויסענס! גלויבט מיר, מיינע פריינד: דער בים פון געוויסען לערנט איינעם צו בייסען.

דאָס ערגסטע אָבער איז — די קליינע געדאַנקען. באמת, עס איז נאָך בעסער בייז געטאָן איידער קליין געטראַכט.

הגם איהר זאָגט: „די לוסט צו קליינע בייזקייטען פאַרשפּאָרט אונז אָן אנדער גרויסע בייזע טהאַט". אָבער דאָ זאָל מען ניט וועלען זיין שפּאָרעוודיג.

ווי אַ געשוויר איז די בייזע טהאַט: זי בייסט און קראַצט און שלאָגט אוים, — זי רעדט עהרליכע רייד.

„זעה, איך בין אַ קראַנק" — אזוי רעדט די בייזע טהאַט; דאָס איז איהר עהרליכקייט.

אָבער צו דעם פּילץ איז געגליכען דער קליינער געדאַנק: ער קריכט און בויגט זיך אין דרייען און וויל ניט זיין ערגעץ־ניט — ביז דער גאַנצער גוף ווערט צופוילט און פאַרוועלקט פון קליינע פּילצען.

צו דעם אָבער, וואָס איז באַזעסען פון אַ שד, זאָג איך אָט דאָס וואָרט אין אויער אריין: ס'איז בעסער דו העלפסט איהם אויסוואַקסען גרויס! אויך פאַר דיר איז נאָך דאָ אַ וועג צו גרויס!"

אַך, מיינע ברידער! פון יעדען מענשען ווייס מען אַ ביסעל

צו פיעל! אָן אַנדערער ווערט אונז דורכזיכטיג, אָבער פון דעסט־וועגען קאָנען מיר נאָך לאַנג ניט דורכדרינגען דורך איהם.

עס איז שווער צו לעבען מיט מענשען, ווייל שוויינען איז אזוי שווער.

און ניט אנטקעגען דעם זיינען מיר אם אומגערעכטסטען, ווער עס איז אונז צואווידער, נייערט אנטקעגען דעם, וואָס ליעגט אונז לגמרי ניט אין זינען.

האָסטו אָבער אַ ליידענדען פריינד, איז זיי אַ מקום־מנוחה פאַר זיינע ליידען, אָבער אזוי ווי אַ הארטע בעט, אַ פעלד־בעט: אזוי וועסטו איהם אם בעסטען נוצען.

און טוט דיר אַ פריינד אָן עולה, איז זאָג: „איך פאַרגיב דיר, וואָס דו האָסט מיר געטאָן; אָבער וואָס דו האָסט דערביי דיר אליין געטאָן, ווי קאָן איך דיר דאָס מוחל זיין!“

אזוי רעדט יעדע גרויסע ליעבע: זי איז גובר אפילו די פאַר־געבונג און דעם רחמנות.

מען זאָל דאָס הארץ האַלטען פעסט: ווייל טאָמער לאָזט מען עס אָפגעהן, אנטלויפט מיט איהם באַלד אויך דער קאָפּ.

אַך, וואו אין דער וועלט האָבען פאסירט אזעלכע נאַרישקייטען ווי ביי די בעלי־רחמים? און וואָס אין דער וועלט האָט אָנגע־טאָן מעהר יסורים איידער די טפשות פון די בעלי־רחמים?

וועה צו אַלע ליעבענדע, וואָס האָבען נאָך ניט דערגרייכט צו אַ הויך, וואָס שטעהט איבער זייער רחמנות.

אזוי האָט צו מיר אַמאָל געזאָגט דער טייוועל: „אויך גאָט האָט זיין גיהנום: דאָס איז זיין ליעבע צו די מענשען“.

און אַנומעלט האָב איך געהערט איהם זאָגען אָט די ווערטער: „גאָט איז טויט; פון זיין מיטלייד מיט די מענשען איז גאָט גע־שטאָרבען.“ —

דעריבער זייט מיר געוואָרענט פון דעם מיטלייד. פון דאַנען קומט נאָך אויף דעם מענשען אַ שווערער וואָלקען! באמת, איך בין אַ מבין אויף וועטער־סימנים!

מערקט אייך אָבער אָט דאָס וואָרט: יעדע גרויסע ליעבע

שטעהט איבער איהר גאנצען רחמנות: ווייל זי וויל דאָס געליעבטע נאָך — שאַפען!

„מיך אַליין ברענג איך אַ קרבן פאַר מיין ליעבע און מיין שכן גלייך מיט מיר“ — אַזוי איז דער נוסח פון אַלע שאַפענדע.

אַלע שאַפענדע אָבער זיינען האַרט.

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

די פריעסטער.

און איינמאָל האָט זאַראַטוסטראַ געגעבען זיינע תלמידים אַ צייכען און האָט גערעדט צו זיי, אַזוי צו זאָגען:

„דאָ זיינען פריעסטער: און ווען אפילו זיי זיינען מיינע פיינד, געהט מיר שטיל אריבער פאַרביי זיי און מיט אַ שלאָפענדען שווערד!

אויך צווישען זיי זיינען דאָ העלדען; אַ סך פון זיי האָבען צו־פיעל געליטען — : איז ווילען זיי אנדערע מאַכען ליידען.

בייזע פיינד זיינען זיי: קיין זאַך איז ניט אַזוי נקמה־דאַרשטיג ווי זייער עניוות. און לייכט באַשמירט זיך דער, וואָס ריהרט זיי אָן.

אָבער מיין בלוט איז אַ קרוב צו זייערן. און איך וויל אַז מיין בלוט זאָל נאָך אפילו אין זייער בלוט עהרליך געהאַלטען ווערען.“ —

און אַז זיי זיינען פאַראיבער געגאַנגען, איז אַ וועהטיג באַפאַלען זאַראַטוסטראַ'ן; און ניט לאַנג האָט ער זיך געראַנגעלט מיט זיין שמאַרץ, ערשט ער האָט אָנגעהויבען צו ריידען, אַזוי צו זאָגען:

עס יאָמערט מיין האַרץ אין מיר אויף דעם פריעסטער. זיי זיינען מיר אויך צו־ווידער מיין געשמאַק; אָבער דאָס איז פאַר מיר די קלענסטע זאַך, זינט איך בין צווישען מענשען.

אָבער איך לייד און האָב געליטען מיט זיי: זיי זיינען מיר

געפאנגענע און אפגעצייכענטע. דער, וועמען זיי רופען גואל, האט זיי אין שטריק געפענטעט.

אין שטריק פון פאלשע ווערטען און כשוף־ווערטער! אך, ווען איינער וואלט זיי אויסגעלייזט פון זייער אויסלייזער!

אויף אן אינזעל, האבען זיי אמאל געמיינט, זיינען זיי צו לאנד געקומען, בעת דער ים האט זיי ארומגעריסען; אבער זעה, דאס איז געווען גאר א שלאפענדע שרעקליכע בריאה!

פאלשע ווערטען און כשוף־ווערטער: דאס זיינען די ערגסטע שרעקליכע ברואים פאר די שטערבליכע, — א לאנגע צייט שלאפט און ווארט אין זיי די פארהענגעניש.

לסוף אבער קומט זי און וואכט און פרעסט און שלינגט אלץ, וואס האט אויפגעבויט זיינעביידלעך אויף איהר.

אה, קוקט מיר נאר אן די ביידלעך, וואס אט די פריעסטער האבען אויפגעבויט! קירכען רופען זיי זייערע זיס־שמעקענדע הויהלען.

ווהע צו דעם פארפעלשטען שיין, צו דער פארדומפענער לופט! דא, וואו די נשמה צו איהר הויך ארויף — טאר ניט פליהען!

נייערט אזוי באפעהלט זיי זייער גלויבען: „אויף די קני טרעפעל־וויז, איהר זינדיגע!"

באמת, בעסער זעה איך נאך א מענשען אהן חרפה, איידער די פארדרעהטע אויגען פון זייער בושה און זייער דביק'ען זיך.

ווער האט פאר זיך בעשאפען אזעלכע הויהלען און תשובה־טרעפ? זיינען דאס ניט געווען אזוינע, וואס האבען זיך געוואלט פארבארגען און זיך פאר דעם קלארען הימעל געשעמט?

און ערשט ווען דער קלארער הימעל וועט ווידער דורך צו־בראכענע דעכער דורכבליקען, און אראפבליקען אויף גראז און רויטען מאהן ביי די חרוב'ע מויער־ווענט, — וויל איך די פלעצער פון יענעם גאט ווידער מיין הארץ צוקעהרען.

גאט האבען זיי גערופען דאס, וואס איז געגאנגען להיפך צו זיי און האט זיי וועה געטאן: און באמת עס איז געווען פיעל העל־דישעס אין זייער אנבעטונג!

און אַנדערס האָבען זיי ניט געוואוסט ווי צו ליעבען זייער גאָט, סיידען ווי — צושלאָגען דעם מענשען צו אַ צלם!

ווי פּגרים האָבען זיי געטראַכט צו לעבען, אין שוואַרצען האָבען זיי איינגעדעקט זייער פּגר; אויך פון זייערע רייד שמעקט איך נאָך די חלשות־געוויריץ פון אַ קברות־שטיבעל.

און ווער עס לעבט נאָהענט צו זיי, דער לעבט נאָהענט צו שוואַרצע וואַסער־גראָבענס, פון וואַנען די זשאַבע זינגט איהר ליעד מיט אַ זיסען טיעף־זין.

בעסערע ליעדער האָבען זיי געדאַרפט זינגען פאַר מיר, איך זאָל קאָנען גלויבען אין זייער אויסלייזער: זיינע אָנהענגער האָבען אויסגעלייזטער געדאַרפט אויסזעהן!

נאַקעט וואָלט זיי געוואָלט זעהן: ווייל נאָר די שעהנקייט זאָל רופען תשובה טאָן. אָבער וועמען וועט איבעררייִדען אָט די פאַרקלייִדטע מרה־שחורה!

באמת, זייערע אויסלייזער אַליין זיינען ניט געקומען פון דער פרייהייט און פון דער פרייהייטס זיבעטען הימעל!

באמת, זיי אַליין זיינען קיין מאָל ניט אַרומגעגאַנגען אויף די קאַוויאָרען פון דער דערקענטניס!

פון לעכער איז בעשטאַנען דער גייסט פון יענע אויסלייזער; אָבער אין יעדער לאָך האָבען זיי אַ שגעון אַריינגעשטעלט, זייער לאָך־פאַרשטעלער, וואָס זיי רופען איהם גאָט.

אין זייער מיטלייד איז דערטרונקען געוואָרען זייער גייסט, און ווען זיי פלעגען ווערען אָנגעפּלייצט און אַריבערגעפּלייצט פון מיטלייד פלעגט תמיד שווימען פון אויבען אַ גרויסע טפשות.

מיט אַ ברען און מיט אַ געשריי האָבען זיי געטריבען זייער העדר איבער זייער שטעג: אַקוראַט ווי צו דער צוקונפט וואָלט געווען נאָר א י י ן שטעג! באמת, אויך אָט די שאָף־פיטערער געהערען נאָך צו דעם שאָף.

קליינע גייסטער און ברייטע נשמות האָבען אָט די שאָף־פיטערער, אָבער, מיינע ברידער, וואָס פאַר אַ קליינע לענדער זיינען ביז אהער געווען אפילו די ברייטעסטע נשמות!

בלוטצייכענס האבען זיי געשריבען אויף דעם וועג, וואס זיי זיינען געגאנגען, און זייער טפשות האט זיי געלערנט, אז מיט בלוט בעווייזט מען דעם אמת.

אבער בלוט איז דער ערגסטער עדות פאר דעם אמת; בלוט פאר׳סם׳ט די ריינסטע לעהרע צו שגעון און שנאה אין די הערצער.

און אפילו ווען איינער געהט אין פייער פאר זיין לעהרע, — וואס בעווייזט דאס? א סך מעהר איז עס, באמת, ווען פון דעם אייגענעם בראנד קומט ארויס די אייגענע לעהרע.

א שטיקענד־היציג הארץ און א קאלטער קאפ: וואו די טרעפען זיך צונויף, דארט שפריצט ארויס דער ווירבעל־ווינט, דער „אויס־לייזער“.

עס זיינען, באמת, געווען גרעסערע און העכער־געבארענע, איידער די, וועמען דאס פאלק רופט אויסלייזער, אט די מיט זיך רייסענדע ווירבעל־ווינטען!

און נאך פון גרעסערע, איידער אלע אויסלייזער, מוזט איהר, מיינע ברידער, אויסגעלייזט ווערען, אויב איהר ווילט דעם וועג גע־פינען צו פרייהייט!

עס איז נאך קיינמאל ניט געווען קיין אויבערמענש. נאקעט האב איך ביידע געזעהען, דעם גרעסטען און דעם קלענסטען מענ־שען: —

זיי זיינען נאך צו־פיעל ענליך איינער דעם אנדערן. באמת, אויך דעם גרעסטען האב איך געפונען — צו־פיעל מענשליך! —

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא.

* *
*

די רעכטשאפענע.

מיט דונערען און הימלישען פייערווערק דארף מען ריידען צו שלאפע און פארשלאפענע זינען.

אבער די שטים פון שענקייט רעדט שטיל: זי שארט זיך אריין נאר אין די אויפגעוועקטע נשמות.

שטיל האָט מיר היינט אַ ציטער און אַ לאַך געטאָן מיין שילד; דאָס איז דער שעהנקייט׳ס הייליג לאַכען און ציטערען.

פון אייך, די רעכטשאַפענע, האָט היינט מיין שעהנקייט געלאַכט. און אַזוי איז געקומען איהר שטים צו מיר: „זיי ווילען נאָך, מען זאָל זיי אויסצאָהלען!"

איהר ווילט נאָך, מען זאָל אייך אויסצאָהלען, איהר רעכטשאַפענע, איהר ווילט האָבען לוין פאַר טוגענד און הימעל פאַר ערד און אייביגס פאַר אייער היינט?

און מילא זייט איהר אין גרימצאָרן אויף מיר, ווייל איך לערן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין לוין־ און צאָהל־מייסטער? און, אין דער אמת׳ען, איך לערן אפילו ניט, אַז די רעכטשאַפענקייט איז איהר אייגענער לוין.

אַך, אָט דאָס איז מיין צער: אין דעם גרונט פון די זאַכען האָט מען שכר ועונש אַריינגע׳שקר׳ט און אויך נאָך אין דעם גרונט פון אייערע נשמות, איהר רעכטשאַפענע!

אָבער ווי דער שנוק פון אַ וויעפער זאָל מיין וואָרט אויפרייסען דעם גרונט פון אייער נשמה. אַן אַקער־פלוג וועל איך הייסען ביי אייך.

אַלע פאַרבאָרגענקייטען פון אייער גרונט זאָלען אַרויס אין דער ליכטיג. און ווען איהר וועט ליעגען אויף דער זון אויפגעריסענע, צובראָכענע, וועט זיך דער שקר אַרויסשיידען פון אייער אמת.

ווייל דאָס איז אייער אמת: איהר זייט צו ר י י נ ל י ך פאַר דעם שמוץ פון די ווערטער: נקמה, שטראָף, שכר, באַלוינונג.

איהר ליעבט אייער רעכטשאַפענקייט, ווי אַ מוטער איהר קינד. אָבער וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַז אַ מוטער זאָל וועלען באַצאָהלט זיין פאַר איהר ליעבע?

די טוגענד, דאָס איז אייער ליעבסטע ליעב. די דאַרשט פון דעם רינג איז אין אייך: זיך גופא ווידער צו דערגרייכען, דערצו רינגט און דרעהט זיך יעדער רינג.

און צו דעם שטערן געגליכען, וואָס ווערט פאַרלאָשען, איז איטליך ווערק פון אייער רעכטשאַפענקייט: תמיד איז זיין שיין נאָך

אונטערוועגס און וואנדערט, און ווען וועט עס ניט זיין אונטער־וועגס ?

אזוי איז דער ליכט־שיין פון אייער רעכטשאפענקייט נאָך אונ־טערוועגס, ווען דאָס ווערק איז שוין אָפּגעטאָן: עס מעג שוין פאר־געסען זיין און טויט: זיין ליכט־שטראַל לעבט נאָך און וואנדערט.

אַז אייער טוגענד זאָל זיין אייער זעלבסט און ניט א פרעמדס, אַ הויט, אַ מלבוש: דאָס איז דער אמת פון אייער נשמה־גרונט, איהר רעכטשאַפענע! —

נאָר אַ ודאי זיינען פאראַן אזוינע, פאר וועמען טוגענד הייסט אַ קראַמפּף אונטער אַ בייטש, און איהר האָט מיר צופיעל זיך איינ־געהערט אין זייער געשריי!

און עס זיינען דאָ אַנדערע, וואָס רופען טוגענד די פוילקייט פון זייערע לאַסטער; און ווען זייער האס און זייער אייפערזוכט הויבען אָן אמאָל אויסצוציהען זייערע גלידער, ווערט זייער „גערעכ־טיגקייט“ מונטער און רייבט זיך די פארשלאָפענע אויגען.

און עס זיינען דאָ אַנדערע, וואָס ווערען געצויגען אראָפּ־צו: זייערע טייוואָלים ציהען זיי. אָבער וואָס מעהר זיי זינקען, אלץ גליהענדער ווערט זייער אויג און די תשוקה נאָך זייער גאָט.

אַך, אויך זייער געשריי איז אריינגעדרונגען אין אייערע אויע־רען, איהר רעכטשאפענע: „וואָס איך בין נ י ט, דאָס, דאָס איז מיר גאָט און רעכטשאפענקייט!“

און אַנדערע זיינען פאראַן, וואָס קומען אָן שווער און סקריפּענ־דיג ווי וועגענער, וואָס פיהרען שטיינער אראָפּ אַ בארג. זיי ריידען אַ סך מכוח חשיבות און טוגענד, זייער ברעמזע רופען זיי טוגענד!

און עס זיינען דאָ אַנדערע, וואָס זיינען געגליכען צו טאָג־טעגליכע זייגערס, וואָס ווערען אָנגעדרעהט; זיי מאכען זייער טיק־טאַק און ווילען, מען זאָל טיק־טאַק רופען טוגענד.

באמת, פון זיי האָב איך נחת: וואו איך געפין אזעלכע זייי־גערס, טו איך זיי מיט מיין שפּאָט אַנדרעהען; און זאָלען זיי מיר נאָך דערביי כריפּען.

און אַנדערע זיינען שטאָלץ אויף זייער הייפעלע גערעכטיג־

קייט און באגעהען פון איהרט־וועגען עולות אויף אלע זייטען: אזוי, אז די וועלט ווערט דערטרונקען אין זייער אומרעכט.

אך, ווי חלשות'דיג עס לויפט דאס וואָרט „רעכטשאפענקייט" פון זייער מויל. און בעת זיי זאָגען „איך בין גערעכט", קלינגט דאס פונקט ווי: „איך האָב זיך אָפּגערעכענט!" *

מיט זייער טוגענד ווילען זיי זייערע שונאים די אויגען אויס־קראַצען; און זיי דערהויבען זיך, נאָר כדי אנדערע צו דערנידעריגען.

און ווידער זיינען דאָ אזוינע, וואָס זיצען אין זייער זומפּ און אזוי ריידען זיי ארויס פון זייער געמייזעכץ. „טוגענד — דאָס איז זיצען שטיל אין דעם זומף.

מיר בייסען קיינעם ניט און טרעטען אָפּ דעם וועג פאר דעם וואָס וויל בייסען; און אין אלע זאכען האָבען מיר די מיינונג, וועל־כע מען גיט אונז?"

און ווידער זיינען דאָ אזוינע, וואָס האָבען ליעב העוויות און זיי מיינען: טוגענד איז א מין העויה.

זייערע קני טוען תמיד תפילה, זייערע הענד ברענגען שבחים פאר דער רעכטשאפענקייט, אָבער זייער הארץ וויים גאָרנישט דער־פון.

און ווידער זיינען דאָ אזוינע, — וואָס רעכענען דאָס פאר טו־גענד, ווען זיי זאָגען: „טוגענד איז נויטווענדיג"; אָבער אין גרונט גלויבען זיי נאָר, אז די פאָליציי איז נויטווענדיג.

און אן אנדערער, וואָס קאָן ניט זעהן דאָס הויכע וואָס אין די מענשען, רופט דאָס טוגענד, ווען ער זעהט צו נאָהענט זייער נידעריגס: אזוי רופט ער טוגענד זיין בייז אויג.

און אייניגע ווילען פריידיג־אויפגעלויכטען און אויפגעהויבען ווערען און רופען דאָס טוגענד, און אנדערע ווילען אנידערגעוואָר־פען ווערען — און רופען דאָס אויך טוגענד.

אויף אזא'ן אופן גלויבען כמעט אלע, אז זיי האָבען א חלק

---

* א וואָרט־שפּיעל פון „איך בין גערעכט" און „איך בין גע־רעכט" פון דעם וואָרט ראַכע — נקמה. — דער איבערזעצער.

אין דער רעכטשאפענקייט; און לפחות וויל יעדער זיין א מבין אין „גוט“ און „בייז“.

אָבער ניט צוליעב דעם איז געקומען זאראטוסטרא, צו זאָגען אַלע אָט די ליגנער און נאראָנים: „וואָס ווייסט א י ה ר פון טור־גענד? וואָס ק אָ נ ט איהר וויסען פון טוגענד!“ —

נייערט צוליעב דעם, מיינע פריינד, כדי איהר זאָלט מיעד ווערען פון די אַלטע ווערטער, וואָס איהר האָט געלערנט פון די נאַרען און שקרנים:

מיעד ווערען פון די ווערטער „שכר“, „באלוינונג“, „שטראָף“, „נקמה אין דער גערעכטיגקייט“ —

מיעד ווערען צו זאָגען: „ווען א האנדלונג איז גוט, קומט דאָס דערפון, וואָס זי איז ניט־זעלבסטיש“.

אַך, מיינע פריינד! אַז א י י ע ר זעלבסט זאָל אין דער האנדלונג זיין, ווי די מוטער אין דעם קינד: אָט דאָס זאָל מיר א י י ע ר וואָרט זיין וועגען דער טוגענד!

באמת, איך האָב ביי אייך צוגענומען א הונדערט ווערטער און די ליעבסטע שפיעל־זאכען פון אייער טוגענד; און איצטער זייט איהר ברוגז אויף מיר, ווי קינדער ברוגז'ען זיך.

זיי האָבען ביים ים געשפיעלט, — איז א אינד געקומען און האָט איהרע שפיעלכעלעך אין דער טיעף געריסען: איז וויינען זיי.

אָבער דיזעלביגע אינד זאָל זיי נייע שפיעלכעלעך ברענגען און נייע פיעל־פארביגע מויער־קעפעלעך פאר זיי אויסשיטען!

אזוי וועלען זיי געטרויסט זיין; און צו זיי געגליכען, זאָלט אויך איהר, מיינע פריינד אייער נחמה געפינען — און נייע פיעל־פארביגע מויער־קעפלעך.

אזוי האָט גערעדט זאראטוסטרא.

* *
*

דער ערב־רב.

דאָס לעבען איז אַ קוואַל פון לוסט; אָבער וואו דער ערב־רב טרינקט מיט, דאָרטען זיינען אַלע ברונענס פאַר׳סם׳ט.

איך בין צוגעלאָזט צו אַלץ, וואָס איז ריינליך; אָבער איך קאָן די שצירענדע מיילער ניט אָנזעהן און דעם דאָרשט פון די אומריינע.

זיי האָבען זייערע בליקען אַראָפּ אין דעם ברונען געוואָרפען: גלאַנצט מיר איצטער פון דעם ברונען אַרויס זייער דערווידעריג שמייכעל.

דאָס הייליגע וואַסער האָבען זיי פאַר׳סם׳ט מיט זייער גיאוף־לוסט; און ווען זיי האָבען זייערע שמוציגע חלומות אָנגערופען לוסט, האָבען זיי פאַר׳סם׳ט אויך די ווערטער.

די פלאַם ווערט פאַר׳ברוגז׳ט, ווען זיי לייגען זייערע פייכטע הערצער פאַר׳ן פייער; דער גייסט גופא זידט אויף און רויכערט זיך, וואו דער ערב־רב טרעט צום פייער צו.

זיסליך און איבער־צייטיג ווערט אין זייער האַנט די פרוכט: ווינטפאַליג און דאַר ביז צום שפּיץ מאַכט זייער בליק דעם פרוכט־בוים.

און אַן אַנדערער, וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פון דעם לעבען, האָט זיך נאָר אָפּגעקערט פון דעם ערב־ערב: ער האָט ניט געוואָלט זיך איינטיילען מיט׳ן געזינדעל אין ברונען, פלאַם און פרוכט.

און אַן אַנדערער, וואָס איז אין מדבר אַוועק און האָט מיט רויב־חיות דאָרשט געליטען, האָט נאָר ניט געוואָלט מיט שמוציגע קעמעל־טרייבער זיצען אַרום דער ציסטערנע.

און אַן אַנדערער, וואָס איז ווי אַ צושטערער אָנגעקומען און ווי אַ האָגעל־שלאָג פאַר אַלע פרוכטפעלדער, האָט נאָר געוואָלט זיין פוס דעם געזינדעל אין פּיסק אַריינשטעקען און אַזוי אַרום זיין האַלז פאַרשטאָפּען.

און ניט דאָס איז דער ביסען, אויף וועלכען איך האָב מיך

אַם מעהרסטען געווערגט, דער ווייסען, אַז דאָס לעבען גופא נויטיגט זיך אין פיינדשאַפט, שטאַרבען און מאַרטער־געצייג: —

גייערט איך האָב אַמאָל געפרעגט און בין כמעט דערשטיקט געוואָרען פון מיין שאלה: ווי? האָט דאָס לעבען נויטיג אויך דער ערב־רב?

זיינען נויטיג פאַרגיפטעטע ברונענס און שטינקענדע פייער־ און באשמוצטע חלומות און ווערים אין דעם ברויט פון לעבען?

ניט מיין האַס, נאָר מיין עקעל האָט הונגעריג געפרעסען מיין לעבען. אַך, דער גייסט האָט מיר אָפטמאָל דערעסען, ווען איך האָב געפונען, אַז אויך דער ערב־רב איז גייסטרייך!

און צו די הערשער האָב איך אומגעקערט מיין רוקען, אַז איך האָב דערזעהן, וואָס זיי רופען איצטער הערשען: שאַכערן און מקח וממכר'ן צוליעב מאַכט — מיט דעם ערב־רב.

צווישען פעלקער פון אַ פרעמדען לשון האָב איך געוואוינט מיט פאַרשלאָסענע אויערען: כדי דער לשון פון זייער שאַכערען זאָל מיר בלייבען פרעמד און זייער מקח־וממכר מיט מאַכט.

און די נאָז מיר צוגעהאַלטען, בין איך געגאַנגען ביטער־מוטיג דורך דעם גאַנצען נעכטען און דעם היינט: באמת, דער גאַנצער נעכטען און דער היינט שמעקט חלשות פון דעם שרייבענדען ערב־רב.

צו אַ קריפּעל גלייך, וואָס איז טויב און בלינד און שטום געוואָרען, אַזוי אַט האָב איך לאַנג געלעבט, כדי איך זאָל ניט לעבען מיט דעם מאַכט־געזינדעל, שרייב־געזינדעל און לוסט־געזינדעל.

מיט מיה און פאָרזיכט איז מיין גייסט אויף טרעפּ געגאַנגען; נדבות פון לוסט זיינען געוועזן זיין דערקוויקונג; אויף אַ שטעקען האָט זיך שטיל געריקט דעם בלינדענס לעבען.

וואָס האָט מיר דאָך פּאַסירט? ווי האָב איך מיך אויסגעלייזט פון עקעל? ווער האָט מיין אויג פאַראיינגערט? ווי בין איך צו דער הויך דערפלויגען, וואו קיין געזינדעל זיצט ניט מעהר ביים ברונען?

האָט גופא מיין עקעל מיר פליגלען געשאַפען און קרעפטען,

וואָס שפּיהרען די קוואַלען? באמת, אין די העכסטע הויף האָב איך געמוזט פּליהען, כּדי ווידער צו געפינען דעם ברונען פון לוסט!

אָה, מיינע ברידער, איך האָב איהם געפונען! אָט דאָ אין דער העכסט קוואַלט מיר דער שליסעל פון לוסט!

און עס איז אַ לעבען פאַראַן, אין וועלכען קיין ערב־רב טרינקט ניט מיט.

כמעט צו האַסטיג שטראָמסט דו מיר, דו קוואַל פון דער לוסט! און אָפט ליידיגסט דו אוים ווידער דעם בעכער, דורכדעם וואָס דו ווילסט איהם אָנפילען!

און איך מוז מיך נאָך אויסלערנען עניוות'דיג גענעהען צו דיר: צו־פיעל האַסטיג נאָך שטראָמט דיר אַנטקעגען מיין הארץ:

מיין הארץ, וואָס אויף איהר ברענט מיין זומער, דער קורצער, דער הייסער, דער שווערמוטיגער, דער גן־עדן'דיגער: ווי פאַרלאַנגט מיין זומער־הארץ דיין קיהל!

אריבער איז דער ציטעריגער אומעט פון מיין פריהלינג! אריבער די בייזקייט פון מיין שנעע־פאַל אין יוני! איך בין געוואָרען זומער אין גאַנצען און מיטען־טאָג־זומער!

אַ זומער אין דער הויך מיט קאַלטע קוואַלען און געבענשטער שטיל: אָה, קומט, מיינע פריינד, כּדי די שטיל זאָל נאָך ווערען געבענשטער!

ווייל דאָס איז אונזער הויך און אונזער היים־געבורט: צו הויך און שאַרף־משופּע'דיג וואוינען מיר דאָ פאַר אַלע אומריינע און זייער דאָרשט.

וואַרפט נאָר אייערע ריינע בליקען אין דעם קוואַל פון מיין לוסט, מיינע פריינד! ווי קאָן ער דערפון ווערען טריב! ער זאָל אייך אַנטקעגען־לאַכען מיט זיין ריינקייט.

אויף דעם בוים צוקונפט בויען מיר אונזער נעסט; אָדלער זאָלען אונז, איינזאַמע, ברענגען שפּייז אין זייערע שנאָבלען.

באמת, ניט קיין שפּייז, וואָס טמאים וועלען מעגען מיט־עסען! עס וואָלט זיך זיי דוכטען, זיי פרעסען פייער און זיי וועלען זיך די מיילער פאַרברענען!

באמת, ניט קיין היים־הייזער האלטען מיר דא אָנגעגרייט פאר די טמאים! אייז־הויהלען פאר זייערע לייבער וואלט זיי אונזער גליק געהייסען און פאר זייערע גייסטער!

און ווי שטארקע ווינטען וועלען מיר לעבען איבער זיי, שכנים די אָדלערען, שכנים דעם שנעע, שכנים דער זון: אזוי־אָט לעבען שטארקע ווינטען.

און גלייך ווי א ווינט וועל איך אמאל נאָך ארייננבלאָזען צווי־שען זיי און מיט מיין גייסט פארכאַפּען דעם אָטעם פון זייער גייסט: אזוי וויל דאָס מיין צוקונפט.

באמת, א שטארקער ווינט איז זאראטוסטרא פאר אלע נידער־רונגען: און אזא'ן עצה גיט ער פאר זיינע שונאים און פאר אלע, וואָס שפּייט און מייקענט: „היט אייך צו שפּייען אנטקעגען דעם ווינט!“

אזוי האָט גערעדט זאראטוסטרא.

* * *

די טאראַנטעלען

זעה, אָט דאָס איז דער טאראנטעל'ס הויהל. ווילסטו זעהן זי גופא? אָט דאָ הענגט איהר נעץ: ריהר דאָס אָן, עס זאָל א ציטער טאָן.

אָט קומט זי ברצון: ברוך הבא, טאראנטעל! שווארץ זיצט אויף דיין רוקען דיין דריי־עק און סימבאָל; און איך וויים אויך וואָס עס זיצט אין דיין נשמה.

נקמה זיצט אין דיין נשמה: וואוהין דו ביסט א ביס, דאָרטען וואקסט שווארצע קרעץ. מיט נקמה מאכט דיין גיפט שווינדלען און זיך דרעהען די נשמה.

אזוי רייד איך אין א משל צו אייך, וואָס איהר מאכט שווינד־לען די נשמות, איהר פּרעדיגער פון ג ל י י כ ה י י ט!

טאראנטעלען זייט איהר מיר און פארבאָרגענע נקמה־זיכטיגע! אָבער איך וועל אייערע פארבאָרגעניסען שוין ארויסברענגען

אין דער ליכטיג: דעריבער לאָך איך אייך אין פּנים אריין מיין געלעכטער פון דער הויך.

דעריבער צופּ איך אייך ביי אייער נעץ, כדי אייער גרים־צאָרן זאָל אייך ארויסנארען פון אייער ליגען־הויהל און אייער נקמה זאָל ארויסשפּרינגען הינטער אייער וואָרט „גערעכטיגקייט".

ווייל אז דער מענש זאָל אויסגעלייזט ווערען פון דער נקמה: דאָס איז מיר די בריק צו דער העכסטער האָפענונג און א רעגענבויגען נאָך לאנגע שטורעמס.

אָבער די טאראנטעלען, בלי ספק, ווילען דאָס האָבען אנדערש. „דאָס גראָד הייסט ביי אונז גערעכטיגקייט, די וועלט זאָל פול ווע־רען מיט שטורעמס פון אונזער נקמה" — אזוי־אָ ריידען זיי איינער מיט דעם אנדערן.

„נקמה ווילען מיר נעהמען און פארשווארצען אלעמען, וואָס זיינען ניט אונזער גלייכען" — אזוי נעהמען אויף זיך א נדר די טאראנטעלען אין זייער הארצען.

און „דער ווילען צו גלייכהייט" — דאָס אליין זאָל מהיום והלאה ווערען דער נאָמען פאר טוגענד. און אנטקעגען אלץ, וואָס האָט מאכט, וועלען מיר אונזער געשריי אויפהויבען!"

איהר פּרעדיגער פון גלייכהייט, די טיראנען־משוגעת פון אָהנ־מאכט שרייט אזוי פון אייך נאָך „גלייכהייט": אייערע פארבעהאל־טענסטע טיראנען־געלוסטען פארקליידען זיך אזוי־אָ אין טוגענד־ווערטער!

פאר׳ברוגז׳טע גאוה, פארבעהאלטענע קנאה, אפשר אויך די גאוה און די קנאה פון אייערע אבות: פון אייך רייסט זיך דאָס ארויס ווי א פלאַם און א משוגעת פון נקמה.

וואָס דער פאָטער האָט פארשוויגען, דאָס קומט ביים זוהן צו לשון; און אָפט האָב איך געפונען אין דעם זוהן דעם פאָטערס אָפּ־געדעקטען סוד.

זיי זעהען אויס ווי בעגייסטערטע: אָבער ניט דאָס הארץ בע־גייסטערט זיי, נייערט די נקמה. און ווען זיי ווערען פיין און

קאַלט, איז דאָס נים דער גייסט, נאָר די קנאה מאַכט זיי פיין און קאַלט.

זייער אייפערזוכט פיהרט זיי אויך אויף די וועגען פון די דענקער; און דאָס איז דער סימן פון זייער אייפערזוכט — תמיד געהען זיי צו ווייט: אַזוי אַז איהר מאַטקייט מוז לסוף זיך לייגען שלאָפען אויפ'ן שנעע.

פון יעדען אָנקלאַג זייערען קלינגט אַרויס נקמה. אין יעדען לויב זייערען רוהט אַ וועה־טהאָן, און זיין אַ ריכטער איז זיי אַ בענשונג.

אָבער איך, מיינע פריינד, ראָטה אייך אַזוי:

טרויט נים קיינעם, אין וועמען עס איז מעכטיג דער אָנטריעב צו שטראָפען.

דאָס איז אַ פאָלק פון שלעכטען מין און יחוס. פון זייערע פנים'ער בליקט דער תליון און דער שפּיהר־הונט.

טרויט נים קיינעם פון די, וואָס ריידען פיעל וועגען זייער גערעכטיגקייט! באמת, אין זייערע נשמות פעהלט נים נאָר דער האָניג.

און ווען זיי רופען זיך גופא „די גוטע און גערעכטע", איז פאַרגעסט נים, אַז צו דעם פאַריסעער פעהלט זיי גאָרנישט אחוץ — מאַכט!

מיינע פריינד, איך וויל נים פאַרמישט און פאַרביטען ווערען.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס פּרעדיגען מיין לעהרע פון לעבען און צו דערזעלביגער צייט זיינען זיי פּרעדיגער פון גלייכהייט און טאַראַנטעלען.

וואָס זיי ריידען לטובת דעם לעבען, הגם זיי זיצען אין זייערע הויהלען, אָט די גיפט־שפּינען, און אָפּגעקערט פון דעם לעבען, דאָס קומט דערפון: זיי ווילען דערמיט וועה טאָן.

זיי ווילען דערמיט יענעם וועה טאָן, וואָס האָבען איצטער די מאַכט: ווייל ביי יענע ווערט נאָך די פּרעדיג פון טויט געהאַלטען בכבוד גדול.

וואָלט דאָס אַנדערש געווען, וואָלטען די טאַראַנטעלען אַן אַנ־

דער זאַך געלערנט: גראָד זיי זיינען דאָך אַמאָל געווען די ערגסטע וועלט־פאַרשווארצער און אַפּיקורסים־ברענער.

מיט אַט די פרעדיגער פון גלייכהייט וויל איך ניט פאַרמישט און פאַרביטען ווערען. ווייל אַזוי רעדט צו מ י ר די גערעכ־טינקייט: „די מענשען זיינען ניט גלייך".

און זיי זאָלען דאָס אויך ניט ווערען! וואָס וואָלט דען גע־ווען מיין ליעבע צו דעם אויבער־מענש, ווען איך וואָלט אַנדערש גערעדט?

אויף טויזענד בריקען און שטעגען זאָלען זיי זיך שטופּען צו דער צוקונפט, און תמיד זאָל אַלץ מעהר קריעג און אומגלייכקייט ווערשען צווישען זיי: אַזוי הייסט מיר ריידען מיין גרויסע ליעבע!

אויסטראַכטער פון בילדער און געשפּענסטער זאָלען זיי ווע־רען אין זייערע פיינדשאַפטען, און מיט זייערע בילדער און גע־שפּענסטער זאָלען זיי נאָך קעמפען זייער העכסטען קאַמף איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן!

גוט און בייז, און רייך און אָרעם, און הויך און שפּל און אַלע נעמען פון די ווערטען: כלי־זין זאָלען דאָס זיין און קלינ־גענדע סימנים, אַז דאָס לעבען מוז זיך אַלע ווייַלע גובר זיין!

אין דער הויך אריין וויל עס זיך בויען מיט זיילען און טרעפ־פען, דאָס לעבען גופא: אין ווייטע ווייטען וויל עס בליקען און ארויסקוקען צו געבענשטע שעהנקייטען: דעריבער דאַרף עס די הויך!

און ווייל דאָס לעבען דאַרף די הויך, דאַרף עס טרעפּען און דעם ווידעראַנאַנד צווישען טרעפּען און שטייגענדע. שטייגען וויל דאָס לעבען און שטייגענדיג זיך אַליין גובר זיין!

און זעהט מיר דאָך, מיינע פריינד! דאָ, וואו ס'איז די הויהל פון דער טאַראַנטעל, הויבען זיך אין דער הויך די חורבות פון אַן אַלטען טעמפּעל, — קוקט זיי נאָר אָן מיט ליכטיגע אויגען!

באמת, דער וואָס האָט דאָ אַמאָל זיינע געדאַנקען געשטורעמט אין שטיין, ער האָט דעם סוד פון אַל' דאָס לעבען געוואוסט, ווי דער קלוגשאַפענסטער!

אז קאמף און אומגליק זאָל נאָך אויך אין שעהנקייט ליעגען, און קריעג צוליעב מאכט און איבּערמאַכט: דאַס לערנט ער אונז דאַ אין דעם דייטליכסטען משל.

ווי געטליך עס ברעכען זיך דאַ אין ראַנגעל־קאַמף דער געוועלב און בויגען: ווי מיט ליכט און שאָטען שטרעבען זיי איינס להיפך צום אנדערען, די געטליך־שטרעבענדע —

אַזוי זיכער און שעהן לאָמיר אויך שונאים זיין, מיינע פריינד! געטליך לאָמיר שטרעבען ווידער אנאנד! —

וועה! אָט האָט זי מיך אַ ביס געטאָן, די טאַראַנטעל, מיין אַלטע פיינדין! געטליך זיכער און שעהן האָט זי מיר אַ ביס געגעבען אין פינגער!

„שטראָף מוז זיין און גערעכטיגקייט — אַזוי טראַכט זי: ניט אומזיסט זאָל ער דאַ ליעדער זינגען לכבוד דער פיינדשאַפט!“

יע, זי האָט נקמה גענומען! און וועה! איצטער וועט זי אויך מיין נשמה זיך מאַכען דרעהען מיט נקמה!

כדי איך זאָל מיך אָבער ניט דרעהען, מיינע פריינד, בינדט מיך דאַ פעסט צו אָט דעם זייל! בעסער וועל איך זיין אַ זיילען־הייליגער, איידער אַווירבעל פון נקמה־זוכט.

באמת, קיין דרעהה־ און ווירבעל־ווינט איז זאַראַטוסטראַ; און אויב ער איז אַ טענצער, טאַנצט ער דאָך קיינמאָל ניט דעם טאַראַנטעלאַ־טאַנץ.

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

די באַריהמטע תלמידי־חכמים.

דעם פאָלק האָט איהר געדיענט און דעם פאָלק'ס אַבערגלויבען, איהר באַריהמטע תלמידי חכמים! — און ניט דעם אמת. און נאָר דערפאַר האָט מען אייך אָפּגעגעבען יראת הכבוד.

און דערפאַר האָט מען אויך געדולד געהאַט מיט אייער ניט־גלויבען, ווייל ער איז געוועזען אַ וויץ און אַן אומוועג צו דעם פאָלק.

אזוי לאָזט דער האר די שקלאַווען א פרייען שפּיעל און האָט נאָך הנאה פון זייער איבערמוט.

אָבער ווער עס איז פאַרהאַסט ביי דעם פאָלק ווי א וואָלף ביי די הינט, דאָס איז דער פרייער גייסט, דער קייטען־פיינד, דער ניט־אַנבעטער, דער אין וועלדער־וואוינענדער.

איהם ארויסצוזיאָגען פון זיין רוה־אָרט — דאָס האָט אַלע מאָל געהייסען ביי דעם פאָלק „זין פאר דאָס רעכטע״: אויף איהם רייצט ער נאָך עד היום אָן זיינע שאַרפצייהניגסטע הינט.

„ווייל דער אמת איז דאָ: איז דאָך דאָס פאָלק דאָ! וועה, וועה צו די זוכענדע!״ — אזוי־אָ קלינגט עס פון אייביג אָן.

איהר האָט געוואָלט גערעכט געבען דעם פאָלק אין זיין פאַר־עהרונג: דאָס רופט איהר „ווילען צום אמת״. איהר באַריהמטע חכמים!

און אייער הארץ האָט תמיד גערעדט צו זיך אַליין: „פון פאָלק בין איך געקומען; פון דאָרטען איז צו מיר אויך געקומען די שטים פון גאָט״.

האַרטנעקיג און קלוג, צו אַן אייזעל געגליכען, זיינט איהר תמיד געווען די סניגור׳ס פון׳ם פאָלק.

און אַן אַנדער מעכטיגער מאַן, וואָס האָט געוואָלט גוט פאָהרען מיט דעם פאָלק, האָט איינגעשפּאַנט פאר זיינע פערד נאָך — אַן אייזעלע, א באַריהמטען תלמיד־חכם.

און איצט וואָלט איך געוואָלט, איהר באַריהמטע חכמים, איהר זאָלט אַמאָל אין גאַנצען אַראָפּוואַרפען פון זיך דאָס פעל פון דעם לייב!

דאָס פעל פון דער רויב־חיה מיט בונטע פלעקען, און די לאָקען־קאָלטענס פון דעם פאָרשער, דעם זוכער, דעם איינגעהמער.

אָך, כדי איך זאָל אָנהויבען גלויבען אין אייער „וואָהרהאַפ־טיגקייט״, דערצו מוזט איהר מיר ערשט אייער פאַרעהרענדען ווילען צוברעכען.

א וואָהרהאַפטיגער — אזוי רוף איך יענעם, וועלכער געהט

אין מדבריות וואס האָן געטער און האָט צובראָכען זיין פאַר־עהרענד הארץ.

אין געלען זאמד און פארברענט פון דער זון, קוקט ער דאָרש־טיג באלכסון אויף די אינזלען, רייך אין קוועלען, וואו ס'לעבען רוהט אונטער טונקעלע בוימער.

אָבער זיין דאָרשט רעדט איהם ניט איין, צו ווערען גלייך ווי יענע צופרידענע: ווייל וואו אָאזען זיינען דאָ, זיינען אויך דאָ געטצען־בילדער.

הונגערנד, געוואלטטעטיג, איינזאם, אָהן א גאָט, אזוי וויל זיך גופא דער לייבען־ווילען.

פריי פון א קנעכטישען גליק, אויסגעלייזט פון געטער און אנבעטונגען, אָהן מורא און מורא'דיג, גרויס און איינזאם: אזוי איז דער ווילען פון דעם וואָהרהאַפטיגען.

אין דעם מדבר האָבען מעולם געוואוינט די וואָהרהאַפטיגע, די פרייע גייסטער, ווי די הארען פון דעם מדבר; אָבער אין די שטעדט וואוינען די גוט־געפיטערטע באריהמטע תלמידי־חכמים — די ציה־בהמות.

ווייל תמיד ציהען זיי ווי די אייזלען דעם פ אָ ל ק ס וואָ־גען!

איך בין חלילה אויף זיי ניט ברוגז דערפאר. זיי בלייבען פאר מיר אָבער דיענער און איינגעשפאַנטע, אפילו ווען זייער געשפאַן גלענצט פון גאָלד.

און אָפט זיינען זיי געווען גוטע דיענער און ווערט דעם מקח. ווייל אזוי זאָגט די רעכטשאפענקייט: „אויב דו מוזט א דיענער זיין, איז זוך אוים דעם, וועמען דיין דיענסט וועט אם בעסטען נוצען ברענגען!

„דער גייסט און די טוגענד פון דיין האר זאָלען וואקסען א דאנק דעם, וואָס דו ביזט זיין דיענער: אזוי ארום וועסטו אליין וואקסען מיט זיין גייסט און זיין טוגענד!“

און באמת, איהר באריהמטע תלמידי־חכמים, איהר דיענער פון דעם פאָלק! איהר גופא זייט געוואקסען מיט דעם פאָלק'ס

גייסט און טוגענד פון דאָס פאָלק — א דאנק אייך! צוליעב אייער כבוד זאָג איך דאָס!

אָבער פאָלק בלייבט איהר נאָך אין אייערע טוגענדען, פאָלק מיט זיין שוואַכער ראיה, — פאָלק, וואָס ווייס ניט, וואָס אזוינס איז גייסט!

גייסט איז דאָס לעבען וואָס שניידט אליין זיך אריין אין דעם לעבען: אין דעם אייגענעם פיין פארמעהרט ער זיך דעם אייגענעם וויסען, — האָט איהר דאָס שוין געוואוסט?

און דער גליק פון דעם גייסט איז אָט דאָס: געזאַלבט צו זיין און דורך טרעהרען געהייליגט צו זיין פאר א קרבן, — האָט איהר דאָס שוין געוואוסט?

און די בלינדקייט פון דעם בלינדען און זיין זוכען און טאַפּען זאָל נאָך עדות זאָגען אויף דער מאַכט פון דער זון, אין וועלכער ער האָט געבליקט, — האָט איהר דאָס שוין געוואוסט?

און מיט בערג זאָל דער דערקענער זיך אויסלערנען בויען! ס'איז ווייניג וואָס דער גייסט טוט אריבערשלעפּען בערג, — האָט איהר דאָס שוין געוואוסט?

איהר קענט נאָר די פונקען פון דעם גייסט. אָבער איהר זעהט ניט דעם שמיעד־קלאָץ, וואָס ער איז, און די גרויזאַמקייט פון זיין האַמער!

באמת, איהר קענט נאָך ניט דעם שטאָלץ פון דעם גייסט! אָבער נאָך ווייניגער וואָלט איהר געקאָנט פארטראָגען די עניוות פון דעם גייסט, ווען זי וואָלט אַמאָל ריידען געוואָלט!

און קיינמאָל נאָך האָט איהר ניט געטאָרט וואַרפען אייער גייסט אין א גרוב פון שנעע: איהר זייט ניט היים גענוג דערצו. אזוי ארום קענט איהר אויך ניט דעם עונג־רוח פון זיין קעלט.

אין אַלע פרטים אָבער זייט איהר מיר צו ברודער־בברודער מיט דעם גייסט; און פון דער קלוגשאַפענקייט האָט איהר אָפט א הקדש געמאַכט אָדער א שפּיטאָל פאר שלעכטע דיכטער.

איהר זייט ניט קיין אָדלערס: האָט איהר אויך ניט דורכגע־

לעבט דאָס גליק אין דעם שרעק פון דעם גייסט. און ווער עס איז
ניט קיין פויגעל, זאָל ניט הויערען איבער די אָפּגרונטען.

איהר זייט לעבליך: אָבער קאַלט שטראָמט יעדע טיעפע
דערקענטניס. אייז־קאַלט זיינען די אינוועניגסטע ברונענס פון
דעם גייסט. אַ דערקוויקונג פאַר הייסע הענד און האַנדלענדע.

בכבוד׳ע שטעהט איהר מיר דאָ און שטייף און מיט גלייכע
רוקענס, איהר באַריהמטע תלמידי חכמים! — אייך טרייבט ניט
קיין שטאַרקער ווינט און ווילען.

האָט איהר קיין מאָל ניט געזעהען קיין שיף־לייוועגט איבער
דעם ים, געקיילעכט און אויפגעבלאָזען און געציטערט פאַר דער
שטורעם־מאַכט פון דעם ווינט?

צו דעם שיף־לייווענט גלייך, וואָס ציטערט פאַר דער שטורעם־
מאַכט פון דעם גייסט, געהט מיין קלוגשאַפט איבער דעם ים —
מיין ווילדע קלוגשאַפּענקייט!

אָבער איהר דיענער פון דעם פאָלק, איהר באַריהמטע תלמידי־
חכמים, ווי האָט איהר געקאָנט געהן מיט מיר! —

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

*　*
*

דאָס נאַכט־ליעד.

ס׳איז נאַכט. איצט ריידען העכער אַלע שפּרינגענדע ברונ־
נענס. און אויך מיין נשמה איז אַ שפּרינגענדער ברונען.

ס׳איז נאַכט. איצט ערשט וואַכען אויף אַלע ליעדער פון די
ליעבענדע. און אויך מיין נשמה איז אַ ליעד פון אַ ליעבענדען.

אַן אומגעשטילטס, אַן אומשטילבארס איז אין מיר; עס וויל
זיך ארויסריידען. אַ באַגעהר נאָך ליעבע איז אין מיר, וואָס רעדט
אַליין די שפּראַך פון ליעבע.

ליכט־שיין בין איך: אַך, ווען איך וואָלט נאַכט געווען. אָבער
דאָס איז מיין איינזאַמקייט, וואָס איך בין ארומגעגורט מיט
ליכט־שיין.

אַך, ווען איך וואָלט טונקעל געווען און נאַכטיג, ווי וואָלט איך געזויגען פון די בריסט פון דעם ליכט־שיין!

און אפילו אייך גופא וואָלט איך געבענשט, איהר קליינע פונ־קעל־שטערען און ליכט־ווערים דאָרטען אויבען! און גליקליך זיין מיט אייערע ליכט־מתנות.

אָבער איך לעב אין מיין אייגענעם ליכט־שיין, איך טרינק אין מיר צוריק אריין די פלאַמען, וואָס רייסען זיך ארויס פון מיר.

איך קען ניט דאָס גליק פון די נעהמענדע. און אָפט האָב איך געטרוימט, אז גנב'ענען דאַרף נאָך א גרעסערער תענוג זיין איידער נעהמען.

אָט דערין איז מיין דלות, וואָס מיין האַנט טוט קיינמאָל ניט אויסרוהען פון שענקען; אָט דערין איז מיין קנאה, וואָס איך זעה וואַרטענדע אויגען און די אויפגעלויכטענע נעכט פון דער בענק־שאַפט.

אָה, די קללה אויף אַלע שענקענדע! אָ, פאַרפינסטערונג פון מיין זון! אָ, די תשוקה צו באַגעהרען! אָ, הייס־הונגער אין דער זעטיגונג!

זיי נעהמען פון מיר: אָבער טו איך אָנריהרען זייער נשמה? א תהום איז צווישען געבען און נעהמען, און איבער דעם קלענסטען תהום מוז מען נאָך א בריק בויען לסוף.

א הונגער וואַקסט ארויס פון מיין שעהנקייט: וועה־טאָן ווילט זיך מיר יענע, וועמען איך לויכט, באַרויבען ווילט זיך מיר מיינע באַשענקטע: — אַזוי־אָ הונגער איך נאָך בייזקייט.

די האַנט צוריקציהען, בשעת א האַנט האָט זיך שוין איהר אַנטקעגען אויסגעשטרעקט; זיך איינהאַלטען ווי א וואַסער־פאַל, בשעת ער וויל זיך גופא איינהאַלטען אין זיין שטורץ: — אזוי הונגער איך נאָך רשעות.

אזא נקמה טראַכט מיין שפע אויס; אזא מוטווילען קוואַלט ארויס פון מיין איינזאַמקייט.

מיין גליק אין שענקען איז געשטאָרבען אין שענקען, מיין טוגענד גופא איז מיעד געוואָרען פון איהר איבערפלוס!

ווער עס שענקט תמיד, יענעמ'ס געפאהר איז, וואס ער פאר־לירט די בושה; ווער עס טוט רק אויסטיילען, יענעמ'ס האנד און הארץ באקומען הארן־הויט פון לויטער אויסטיילען.

מיין אויג ווערט ניט מעהר אריבערגעקוואלט מחמת דער בושה פון די, וואס בעטען; מיין האנט איז געווארען צו הארט פאר דאס ציטערען פון די אנגעפילטע הענט.

וואוהין איז אוועק די טרער פון מיין אויג און די ווייך פון מיין הארצען? א, איינזאמקייט פון אלע שענקענדע! א, שוויינ־זאמקייט פון אלע לייכטענדע!

א סך זונען קרייזען אין דעם וויסטען חלל: צו אלץ, וואס איז טונקעל, ריידען זיי מיט זייער שיין, — צו מיר שווייגען זיי.

א, דאס איז די שנאה פון דעם ליכט־שיין צו דעם לייכטענדען. אהן רחמנות געהט ער זיינע וועגען.

אומגערעכט אין טיעפסטען הארצען צו אלץ, וואס לויכט, קאלט צו די זונען, — אזוי־א געהט איהר וועג יעדע זון.

ווי א שטורעם פליהען די זונען זייערע וועגען, — דאס איז זייער וואנדלען. זיי געהן נאך נאך זייער ניט־איין־צו־בעטענעם ווילען, דאס איז זייער קעלט.

א, דאס זייט איהר ערשט, איהר טונקעלע, איהר נאכטיגע, וואס שאפען ווארעמקייט פון די לייכטענדע! א, איהר ערשט טרינקט מילך און דערקוויקונג אוים די אייטערס פון דעם ליכט־שיין!

אך, אייז איז ארום מיר, מיין האנט פארברענט זיך אן דעם אייזיגען! אך, דארשט איז אין מיר, וואס שמאכט נאך אייער דארשט!

נאכט איז עס: אך, פאר וואס מוז איך זיין ליכט־שיין! און דארשט נאך נאכטיגס! און איינזאמקייט!

נאכט איז עס: איצט רייסט זיך ארויס פון מיר, ווי א פאנ־טאן, מיין פארלאנג, — עס פארלאנגט זיך מיר צו ריידען.

נאכט איז עס: איצט ריידען העכער אלע שפרינגענדע ברו־נענס. און אויך מיין נשמה איז א שפרינגענדער ברונען.

נאכט איז עס: איצט וואכען אויף אלע ליעדער פון די ליע־בענדע. און אויך מיין נשמה איז א ליעד פון א ליעבענדען. —

אזוי האט געזונגען זאראטוסטרא.

* *
*

דאס טאנץ־ליעד.

אמאל אין אן אווענט איז זאראטוסטרא געגאנגען מיט זיינע תלמידים דורכ'ן וואלד, און ווען ער האט געזוכט א ברונען, ערשט, ער איז ארויפגעקומען אויף א גרינער לאנע, וואס איז געווען שטיל ארום־געשטאנען פון בוימען און געבוש: אויף איהר האבען מיידלעך איינס מיט'ן אנדערן געטאנצט. ווי נאר די מיידלעך האבען דערקענט זאראטוסטרא'ן, האבען זיי פארלאזען דעם טאנץ. זא־ראטוסטרא אבער איז צוגעגאנגען צו זיי מיט א פריינדליכער מינע און האט צו זיי אט די ווערטער געזאגט:

„פארלאזט ניט דעם טאנץ, איהר ליעבליכע מיידלעך! ניט קיין שפיעל־פארדארבער איז געקומען צו אייך מיט'ן בייזען בליק, ניט קיין מיידעל־פיינד.

גאט'ס סניגר בין איך פאר דעם טייוועל: דער אבער איז פירסט פון דער שווער.

ווי זאל איך, איהר גרינגע, זיין א שונא די געטליכע טענץ? אדער די מיידעל־פיס מיט שעהנע קנעכעל?

אודאי בין איך א וואלד און א נאכט פון טונקעלע בוימער. אבער ווער עס האט קיין מורא ניט פאר מיין טונקעל דער געפינט אויך רויזען־בושען צווישען מיינע קיפרעסען.

און אויך דעם קליינעם גאט געפינט ער אוים, וואס איז פאר די מיידלעך דער ליעבסטער: לעבען ברונען ליעגט ער שטיל, מיט געשלאסענע אויגען.

באמת, אין העלען טאג איז ער מיר איינגעשלאפען, דער גנב! זיך אודאי נאך שמעטערלינגען צופיעל געיאגט?

זייט מיר ניט ברוגז, איהר שעהנע טענצערינס, ווען איך וועל

דעם קליינעם גאָט אַ ביסעל באַשטראָפען. שרייען וועט ער געוויס און וויינען, — אָבער לאַכען קאָן ער נאָך אין מיטען וויינען!

און מיט טרערען אין די אויגען זאָל ער ביי איך אַ טאַנץ בעטען, און איך אַליין וועל אַ ליעד זינגען צו זיין טאַנץ.

אַ טאַנץ־ און שפּאָט־ליעד אויף דעם גייסט פון דער שווער, אויף מיין אַלערהעכסטען גרויסמעכטיגסטען טייוועל, וואָס זיי זאָגען אויף איהם, ער איז „דער האר פון דער וועלט".—

און דאָס איז דאָס ליעד, וואָס זאַראַטוסטראַ האָט געזונגען, בשעת קופּידאָן האָט מיט די מיידלעך געטאַנצט:

אין דיין אויג האָב איך אַנומעלט אַריינגעבליקט, אַ לעבען! און עס האָט מיר געדוכט, איך זינק איין אין אַזוינס, וואָס ניט צו דערגרייכען דעם גרונט.

אָבער דו האָסט מיט אַ גילדערנעם פאַנג־דראָט מיך אַרויס־געצויגען; שפּאָטיש האָסטו געלאַכט ווען איך האָב דיך אומדער־גרינטליך גערופען.

„אַזוי געהט דער נוסח ביי אַלע פישען, האָסטו געזאָגט; וואָס ז י י קאָנען ניט דערגרינדען, איז אומדערגרינטליך.

אָבער איך בין נאָר פאַרענדערליך און ווילד און אין אַלע פּרטים אַ ווייבס־פאַרשוין און ניט קיין צדקנית:

הגם איך ווער ביי אייך, מאַנסבילען, גערופען „די טיעפע" אָדער „די טרייע", „די אייביגע", „די סודות־פולע".

טוט איהר פאָרט, איהר מאַנסביל, שטענדיג באַזינגען אונז מיט אייערע אייגענע טוגענדען — אַך, איהר וצדקתך'ס".

אַזוי האָט זי געלאַכט, די אומגלויבליכע; אָבער איך גלויב איהר קיינמאָל ניט און אויך ניט איהר לאַכען, ווען זי רעדט לשון הרע אויף זיך גופא.

און אַז אונטער פיער אויגען האָב איך מיט מיין ווילדער קלוגשאַפענקייט גערעדט, האָט זי מיר אין צאָרן געזאָגט: „דו ווילסט, דו נאַרסט, דו ליעבסט, דערפאַר אַליין ל ו י ב ס ט ו דאָס לעבען!"

שיער האָב איך געענטפערט איהר בייז, און דער פאַרצאָרענ־

טער שיער ניט דעם אמת געזאָגט; און בייזער קאָן מען ניט ענטפערען, ווי ווען מען „דעם אמת זאָגט" דער איינענער קלוגשאפט.

ווייל אַזוי שטעהען די זאכען צווישען אונז דריי. פון גרונטאויס האָב איך גאָר ליעב דאָס לעבען — און באמת, אם מעהרסטען יעמאָלט, ווען איך האָב עס פיינט!

וואָס איך בין אָבער מיט דער קלוגשאפט גוטפריינד און אָפט צו גוט, דאָס קומט דערפון: זי דערמאָנט מיך גאָר שטארק אָן דאָס לעבען.

זי האָט איהר אויג, איהר לאַכען און אפילו איהר גילדערן פאנגריטעל: איז דאָס מיין שולד, וואָס זיי ביידע זיינען אַזוי עהנליך?

און אַז אמאָל האָט מיך דאָס לעבען געפרעגט: ווער איז דאָס דען די קלוגשאפט? — האָב איך מיט אַ ברען געענטפערט: „אַך יע! די קלוגשאפט!

מען דאָרשט נאָך איהר און מען ווערט ניט זאַט, מען בליקט דורך אַ שלייער, מען יאָגט זיך נאָך איהר דורך נעצען.

איז זי שעהן? וואָס ווייס איך! אָבער די עלטסטע קארפען נאַרט מען מיט איהר אריין.

פאַרענדערליך איז זי און איינגעשפארט; איך האָב זי אָפט געזעהען בייסען די ליפען און דעם קאַם פיהרען אַנטקעגען דעם שטריך פון איהרע האָר.

אפשר איז זי אַ שלעכטע און פאַלשע און אין אַלע פרטים אַ ווייבס-פארשוין; אָבער ווען זי רעדט שלעכטס וועגען זיך, דאָ גראַד פארפיהרט זי אַם שטארקסטען.

אַז איך האָב דאָס געזאָגט צו דעם לעבען, האָט עס בייזהאפט געלאַכט און האָט צוגעמאַכט די אויגען: „וועגען וועמען רעדסטו דאָס? האָט עס געזאָגט. ניט שוין וועגען מיר?

און אפילו ווען דו וואָלסט געוועזען גערעכט, — ווי זאָגט מען דאָס מיר אין דעם פנים! אָבער נו — רייד דאָך אויך וועגען דיין קלוגשאפט!"

אַך, און דאָ האָסטו ווידער דיין אויג אויפגעמאַכט, אַ, גע־

ליעבט לעבען! און ס'האט מיר ווידער געדוכט, אז איך זינק אין דעם ניט־צו־דערגרייכענדען אפגרונט.

אזוי האט געזונגען זאראטוסטרא. אבער, אז ס'האט זיך געענדיגט דער טאנץ און די מיידלעך זיינען אוועק, איז ער געוואָרען טרויעריג.

„די זון איז פארגאנגען שוין לאנג, האט ער ענדליך געזאגט. די לאנע איז פייכט, פון די וועלדער קומט קיהלקייט.

אן אומבאקאנטעס איז ארום מיר און בליקט פארזונקען אין טראכטען. וואס! דו לעבסט נאך, זאראטוסטרא?

פארוואס? צו וואס? דורך וואס? וואוהין? וואו? — ווי אזוי? — איז דאס ניט טפשות, נאך צו לעבען? —

אך, מיינע פריינד, דאס איז דער אווענט, וואס פרעגט אזוי פון מיר. איך בעט אייך איבער פאר מיין טרויעריגקייט!

עס איז אווענט געווארען: איך בעט אייך איבער, וואס ס'איז געווארען אווענט!"

אזוי האט גערעדט זאראטוסטרא.

* *
*

דאס קברים־ליעד.

„דארטען איז די קברים־אינזעל, די שווייגזאמע; דארטען זיינען אויך די קברים פון מיין יוגענד. אהינצו וויל איך אויך אן אייביג־גרינעם קראנץ פון לעבען טראגען."

אזוי האב איך דאס באשלאסען אין הארצען, און איך בין געפאהרען איבער דעם ים. —

א, איהר מיינע יוגענד־זעהונגען און ערשיינונגען! א, איהר ליעבע בליקען אלע, איהר געטליכע אויגענבליקען! ווי שנעל זייט איהר מיר געשטארבען! איך דערמאהן אייך היינט ווי צו הזכרת נשמות.

פון אייך, מיינע ליעבסטע פארשטארבענע, קומט צו מיר א

זיסער געדוך, וואָס עפּענט האַרץ און טרערען. באמת, ער טריי־
סעלט אויף און עפּענט אויף דאָס האַרץ דעם איינזאַם שיפּענדען.

אַלץ נאָך בין איך דער רייכסטער, וועמען מען קאָן העכסט
מקנא זיין — איך, דער איינזאַמסטער! ווייל איך האָב דאָך
אייך געהאַט, און איהר האָט נאָך מיך: זאָגט, וועמען זיינען גע־
פאַלען פון בוים אַזעלכע רויזען־עפּעל, ווי מיר?

אַלץ נאָך בין איך נאָך דער יורש און די פּלאַנץ־ערד פון
אייער ליעבע, וואָס בליהט צו אייער געדעכעניש מיט פיעל־פאַר־
בינע ווילד־וואַקסענדע טוגענדען, אָ, איהר געליעבטעסטע!

אַך, מיר זיינען בעשאַפען געוואָרען, צו בלייבען נאָהענט איינס
צום אַנדערען, איהר ליעבליכע פרעמדע וואונדער; און ניט ווי צי־
טעריגע פויגעל זייט איהר געקומען צו מיר און מיין באַגעהר —
ניין, ווי טרויענדע צו אַ טרויענדען!

יע, צו טרייקייט געשאַפען, ווי איך, און צו צערטליכע איי־
ביגקייטען, און מוז איך אייך איצטער געבען אַ נאָמען נאָך אייער
אומטרייקייט, איהר געטליכע בליקען און אויגענבליקען: איז קיין
אַנדערען נאָמען האָב איך נאָך ניט געלערנט.

באמת, צו שנעל זייט איהר מיר געשטאָרבען, איהר אַנט־
פלויענע. דאָך איהר זייט ניט אַנטפלויגען פון מיר און ניט
איך בין אַנטפלויגען פון אייך: אומשולדיג זיינען מיר איינס דעם
אַנדערען אין אונזער אומטרייקייט.

כדי מ י ך צו טויטען, האָט מען אייך דערוואָרגען, איהר
זינגפויגעל פון מיינע האָפענונגען. יע, אין אייך, איהר ליעבסטע,
האָט תמיד די רשעות געשאָסען — כדי אין מיין האַרץ צו טרעפען!

און זי האָט געטראָפען! זייט איהר דאָך שטענדיג געווען מיין
האַרציגסטעס, מיין באַזיץ און מיין באַזעסען־זיין: דערפאַר האָט
איהר געמוזט שטאַרבען יונג און אַזוי פריה!

אין דאָס פאַרוואונדבאַרסטע, וואָס איך האָב געהאַט, האָט מען
דעם פייל געשאָסען: דאָס זייט איהר געווען, וואָס אייער הויט
איז געווען געגליכען צו ווייכע יונגפעדערען און נאָך מעהר צו אַ
שמייכעל, וואָס שטאַרבט פון אַ בליק.

אָבער אָט דאָס וואָרט וויל איך זאָגען צו מיינע פיינד: וואָס זיינען אַל׳ די מענשען־מאָרדען לגבי דעם, וואָס איהר האָט מיר געטאָן!

און ערגערע זאַך האָט איהר מיר געטאָן, איידער אַל׳ די מענשען־מאָרדען. וואָס קאָן אייביג ניט צוריקגעבראַכט ווערען האָט איהר צוגענומען ביי מיר: אַזוי רייד איך צו אייך, מיינע פיינד!

האָט איהר דאָך געטויט פון מיין יוגענד די זעהונגען און ליעבסטע וואונדער! מיינע שפּיעל־חברים האָט איהר אוועקגענומען פון מיר, די געבענשטע גייסטער. צו זייער געדעכעניס לייג איך אַנידער אָט דעם קראַנץ און אָט די קללה.

אָט די קללה אויף אייך, מיינע פיינד! דאָס האָט איהר דאָך קורץ געמאַכט מיין אייביגס ווי א טאָן, וואָס ווערט צובראָכען אין א קאַלטער נאַכט. עס איז געקומען צו מיר קוים ווי אַן אויפבליצען פון געטליכע אויגען, — ווי אַן אויגענבליק!

אַזוי האָט אמאָל אין א גוטער שעה מיין ריינהייט געזאָגט: „יעדער יש זאָל מיר געטליך זיין“.

זייט איהר אָנגעפאַלען אויף מיר מיט שמוציגע געשפּענסטער; אַך, וואוהין איז אַנטפלויגען יענע גוטע שעה?

„אַלע טעג זאָלען מיר הייליג זיין“ — אַזוי האָט אמאָל גערעדט די קלוגשאַפט פון מיין יוגענד; באמת, רייד פון א פרעהליבער קלוגשאַפט!

אָבער דאָ האָט איהר, שונאים, מיינע נעכט גע׳גנב׳עט און פארקויפט זיי צו דער שלאָפלאָזער פּיין: אַך, וואוהין איז אַנטפלויגען יענע פרעהליכע קלוגשאַפט?

אמאָל האָב איך געגאַרט נאָך גליקליכע פויגעל־צייכענס: האָט איהר מיר געפיהרט איבער׳ן וועג א פאַרזעהענים פון א נאַכט־שפּאַרבער, א חלשות׳דיגס. אַך, וואוהין איז אַנטפלויגען מיין צאַרטליכער באַגעהר?

אמאָל האָב איך א נדר גענומען אויף זיך, זיך אָפּזאָגען פון יעדען עקעל. האָט איהר פאַרוואַנדעלט מיינע נאָהענטע און נאָ־

הענטסטע אין אייטער־ביילען. אך, וואוהין איז פארפלויגען מיין איידעלסטער נדר?

א בלינדער בין איך אמאל געגאנגען אין געבענשטע וועגען. האט איהר שמוץ געווארפען אויף דעם בלינדען׳ס וועג: און איצ־טער עקעלט איהם דעם אלטען בלינדענס פוס־שטעג.

און אז איך האב מיין שווערסטע זאך געטאן און האב גע־יום־טוב׳ט דעם נצחון פון מיינע גבורות איבער זיך אליין; האט איהר די, וואס האבען מיך געליעבט, געמאכט שרייען, אז איך טו זיי אן דעם שטארקסטען וועהטאג.

באמת, דאס זיינען תמיד געווען אייערע מעשים: איהר האט מיט גאל פארמישט מיר מיין בעסטען האניג און די התמדה פון מיינע בעסטע ביהנען.

צו מיינע גענאדען האט איהר תמיד געשיקט די חצופ׳סטע בעטלער, צו מיין רחמנות האט איהר תמיד געשטופט די אומהייל־בארע בלי־בושה׳ס. אזוי האט איהר וואונדען געשלאגען אין דעם גלויבען פון מיינע טוגענדען.

און איך האב אפילו מיין הייליגסטעס פאר א קרבן געבראכט: שוין האט אייער „פרומקייט" איהרע פעטערע מתנות צוגעשטעלט: אזוי אז אין דעם דאמף פון אייער פעט איז מיין הייליגסטעס דערשטיקט געווארען.

און אמאל האב איך געוואלט טאנצען, ווי איך האב נאך קיין מאל ניט געטאנצט: איבער אלע הימלען האב איך געוואלט טאנ־צען. האט איהר מיין ליעבסטען זינגער איבערגערעדט.

און נו — האט ער אנגעשטימט א שוידעריג־דומפען ניגון; אך, ער האט ווי א פינסטערער הארן געטרוטעט מיר אין די אויערען.

דו רוצח, דו זינגער, געצייג דו פון בייזקייט, דו אומשולדיגס־טער! איך בין דאך שוין געשטאנען אנגעגרייט צו דעם בעסטען טאנץ: דו האסט מיט דיינע טענער טויטגעשלאגען מיין ברענענ־דיגען תענוג. נאר אין דעם טאנץ וויים איך, ווי צו ברענגען משלים פאר די העכסטע זאכען: און נו — איז מיין העכסטער משל געבליבען א ניט־ארויסגעזאגטער אין מיינע גליעדער.

ניט אַרויסגערעדט און ניט אויסגעלייזט איז שוין מיר גע־בליבען די העכסטע האָפענונג! און אַלע זעהונגען זיינען מיר געשטאָרבען און די טרויסטונגען פון מיין יוגענד!

ווי האָב איך דאָס נאָר אויסגעהאַלטען? ווי האָב איך אַריבער־געלעבט און אַריבערגעטראָגען אַזעלכע וואונדען? ווי איז מיין נשמה ווידער אויפגעשטאַנען פון אָט די קברים?

יע, עפּעס אַן אומפאַרוואונדבאַרס, אַן אומבאַגראָבבאַרס איז דאָ אין מיר, אַן עפּעס, וואָס מאַכט פעלזען פאַנאַנדערשפּרינגען: דאָס איז מ י י ן ו ו י ל ע ן. אומפאַרענדערט און שווייגזאַם גערט ער פאַראויס דורך די יאָהרען.

זיין גאַנג וויל ער געהן אויף מיינע פיס, מיין אַלטער ווילען; האַרצענס־האַרט איז זיין זין און אומפאַרוואונדבאַר.

איך בין ניט פאַרוואונדבאַר אפילו אין דעם טראָט־פּעל פון מיין פוס. שטענדיג נאָך לעבסטו דאָ און ביסט גלייך צו זיך אַליין, דו געדולדיגסטער! שטענדיג האָסטו זיך דורכגעבראָכען דורך אַלע קברים!

אין דיר לעבט נאָך אויך דאָס אומאויסדערלייזטע פון מיין יוגענד; און ווי לעבען און יוגענד זיצסטו האָפענדיג דאָ אויף די געלע חורבות פון די קברים.

יע, דו ביסט נאָך מיר דער חרוב מאַכער פון אַלע קברים:

וואויל צו דיר, מיין ווילען! און נאָר דאָרטען, וואו קברים זיינען פאַראַן, איז אויך דאָ אַ תחית המתים. —

אַזוי האָט געזונגען זאַראַטוסטראַ.

* *
*

די גבורה איבער זיך גופא.

„דער ווילען צום אמת" רופט איהר דאָס, איהר קלוגשאַפענסטע, וואָס אייך טרייבט און מאַכט אייך היציג?

דער ווילען צו קאָנען דורכטראַכטען יעדען יש: אַזוי רוף א י ך אייער ווילען!

יעדען יש, ווילט איהר דענקבאר מ א כ ע ן, ווייל איהר צווייפעלט מיט א גוטען חשד, צי ער איז שוין דענקבאר.

אָבער ער זאָל פאר אייך טוינגען און זיך בויגען! אזוי וויל דאָס אייער ווילען. גלאַט זאָל ער ווערען און אונטערטעניג צו דעם גייסט, ווי זיין שפּיגעל און ווידער־בילד.

דאָס איז אייער גאַנצער ווילען, איהר קלוגשאַפּענסטע, ווי א ווילען צו מאַכט; און אויך יעמאָלט, ווען איהר רעדט וועגען גוט און בייז און וועגען ווערט־שאַצונגען.

בעשאַפען ווילט איהר פריהער די וועלט, פאַר וועלכער איהר זאָלט קאָנען קניען: אזוי איז דאָס אייער לעצטע האָפענונג און שכרות.

די עם־הארצים, בלי ספק, דאָס פאָלק, — זיי זיינען, ווי א שטראָם, וואָס אויף איהם שווימט א שיף און אין שיף זיצען גדלות'דיג און פארקליידט די ווערט־שאַצונגען.

אייער ווילען און אייערע ווערטען האָט איהר ארויפגעזעצט אויף דעם שטראָם פון ווערן; וואָס דאָס פאָלק גלויבט וועגען גוט און בייז, זאָגט מיר אויס דעם סוד פון אַן אַלטען ווילען צו מאַכט.

דאָס זייט איהר געווען, איהר קלוגשאַפּענסטע, וואָס האָט אזעלכע געסט אין שיף געזעצט און האָט זיי פּאָמפּע און שטאָלצע נעמען געגעבען, — איהר און אייער הערשענדער ווילען!

נו — טראָגט ווייטער דער שטראָם אייער שיף: ער מוז איהם טראָגען. ווער קוקט דארויף, וואָס די געבראָכענע כוואַליע שוימט און ווידערשפעניגט אין צאָרן דעם קעהר־רודער!

ניט דער שטראָם איז אייער געפאַהר און דער סוף צו אייער גוט און בייז, איהר קלוגשאַפּענסטע: נייערט יענער ווילען גופא, דער ווילען צו מאַכט, — דער ניט אויסצושעפּענדער באַפרוכפּע־רענדער לעבענס־ווילען.

אָבער כדי איהר זאָלט מיין וואָרט פארשטעהן וועגען גוט און

בייז: ווײל איך אײך מײן וואָרט זאָגען ווענען לעבען און ווענען דעם שטייגער פון אַלץ וואָס לעבט.

דעם בעל־חי בין איך נאָכגעגאַנגען, איך בין אין די גרעסטע און קלענסטע וועגען געגאַנגען, כדי איך זאָל זײן שטייגער דער־קענען.

מיט א הונדערטפאַכען שפּיגעל האָב איך זײן בליק אויפגעפאַנ־גען, ווען זײן מויל איז פאַרמאַכט געווען: כדי זײן אויג זאָל מיר ריידען. און זײן אויג האָט מיר גערעדט.

אָבער וואו איך האָב נאָר געפונען א בעל־חי, דאָרטען האָב איך אויך געהערט די רייד פון טאָן — פאָלגען. אַלץ וואָס לעבט איז עפּעס וואָס טוט פאָלגען.

און דאָס איז השנית: באַפויהלען ווערט דעם, וואָס קאָן זיך אַליין ניט טאָן פאָלגען. אַזוי איז דער שטייגער ביי דעם בעל־חי.

און דאָס אָבער איז דאָס דריטע, וואָס איך האָב געהערט: אַז באַפויהלען איז שווערער איידער טאָן פאָלגען. און ניט נאָר מחמת דער באַפויהלענדער טראָגט די לאַסט פון אַלע וואָס טוען פאָלגען, און די לאַסט קאָן איהם גרינג דערדריקען:

א נסיון און א ריסק האָט זיך מיר באַוויזען אין יעדען באַפעה־לען און שטענדיג, ווען ער באַפעהלט, ריזיקירט דער בעל־חי מיט זיך גופא.

יע, אפילו ווען ער באַפעהלט זיך אַליין: אויך דאָ מוז ער מכפר זײן אויף זײן באַפעהלען. פאַר זײן אייגענעם געזעץ מוז ער ווערען דער בית־דין, דער נוקם און דער קרבן.

ווי קומט דאָס דאָך פאָר! האָב איך מיך געפרעגט. וואָס שמועסט איין דעם בעל־חי, ער זאָל טאָן־פאָלגען און באַפעהלען און אין דעם באַפעהלען גופא נאָך טאָן פאָלגען?

הערט מיר נאָר מײן וואָרט, איהר קלוגשאַפענסטע! קלייבט זיך פאַנאַנדער ערנסטליך, צי איך בין דעם לעבען גופא אין ס׳האַרץ געקראָכען און ביז צו די וואָרצלען פון זײן האַרצען!

וואו איך האָב געפונען א בעל־חי, האָב איך געפונען א ווילען

צו מאַכט; און אפילו אין דעם ווילען פון א דיענענדרען האָב איך געפונען דעם ווילען צו זיין א האַר.

אז דעם שטאַרקערען זאָל דיענען דער שוואַכערער, דערצו שמועסט איהם זיין ווילען, וואָס וויל זיין א האַר איבער א נאָך שוואַכערען: פון דעם תענוג אַליין ווילט זיך איהם ניט אָפּזאָגען.

און ווי דער קלענערער גיט זיך אוועק דעם גרעסערען, כדי ער זאָל האָבען לוסט און מאַכט איבער דעם קלענסטען, אזוי גיט זיך אוועק דער גרעסטער און שטעלט איין צוליעב מאַכט — זיין לעבען אין קאָן.

דאָס איז דער אונטערגעבען זיך פון דעם גרעסטען, וואָס עס איז פאַר איהם א ריסק און א געפאַהר און א ווערפעל־שפּיעל אויף טויט.

און וואו עס זיינען דאָ קרבנות־ברענגען און דיענען און ליעבע בליקען, אויך דאָ איז ווילען, צו זיין א האַר. אויף פאַרבאָרגענע וועגען שאַרט זיך דאָ דער שוואַכערער אריין אין די פעסטונג און ביז אין האַרצען פון דעם מעכטיגערען — או גנב'עט דאָ מאַכט.

און אָט דעם סוד האָט דאָס לעבען מיר דערצעהלט: „זעה, האָט עס געזאָגט, איך בין דאָס, וואָס מוז תמיד זיך אַליין גובר זיין.

„אודאי, איהר רופט דאָס ווילען צו באַפרוכפּערונג אָדער א טרייב־קראַפט צו דעם ציעל, צו א העכערען, ווייטערען, פיעלפאַכער־רען: אָבער דאָס אַלץ איז איינס און איין איינציגער סוד.

„בעסער פאַרגעה איך, איידער זיך אָפּזאָגען אָט פון דעם איינעם. און באמת, וואו עס איז אַן אונטערגאַנג און א בלעטער־פאַל, ביז אין האַרצען פון דעם מעכטיגערען — און גנב'עט דאָ מאַכט.

„וואָס איך מוז זיין א קאַמף און א ווערן און א צוועק און דער ווידעראַנאַנד פון צוועקען: אָך, ווער עס האָט מיין ווילען אויסגע'חרש'ט, דער האָט אויך אויסגע'חרש'ט, אויף וואָס פאַר א קרומע וועגען ער מוז געהן!

„וואָס איך זאָל ניט שאַפען און ווי איך זאָל עס ניט ליעבען —

באלד מוז איך זיין געגנער ווערען און דער געננער פון מיין ליעבע: אזוי וויל דאָס מיין ווילען.

„און אויך דו, דערקענענדער, ביסט נאָר אַ שטעג און אַ פוס־טראָט פון מיין ווילען: אמת, מיין ווילען צו מאַכט געהט אויך אום אויף די פיס פון דיין ווילען צום אמת!

דער האָט בודאי ניט געטראָפען דעם אמת, וועלכער האָט אין איהם געשאָסען מיט דעם וואָרט: „ווילען צו זיין": אזא ווילען איז — פשוט ניטאָ.

„ווייל: וואָס עס איז ניטאָ, דאָס קאָן ניט ווען; וואָס איז שוין אָבער דאָ אין דער מציאות, ווי קאָן עס נאָך ווען אַ מציאות!

„נאָר, וואו עס איז לעבען, דאָרטען איז אויך ווילען: אָבער ניט ווילען צום לעבען, נייערט — אזוי לערן איך דיך — ווילען צו מאַכט!

„אַ סך זאַכען שאַצט דער בעל־חי העכער פאַר דאָס לעבען גופא; אָבער שוין פון דעם שאַצען אליין רעדט ארויס — דער ווילען צו מאַכט!" —

אזוי־אַ האָט מיך אַמאָל געלערנט דאָס לעבען; און דערפון וועל איך אייך פותר זיין, איהר קלוגשאַפענסטע, די רעטענים פון אייער הארצען.

באמת, איך זאָג אייך: אזא גוט און בייז, וואָס זאָל ניט זיין פאַרגענגליך, — דאָס איז פשוט ניטאָ! פון זיך גופא מוז עס תמיד און אויפ'ס ניי איבער זיך גופא מתגבר זיין!

מיט אייערע ווערטען און ווערטער מכח טוב ורע ברענגט איהר ארויס געוואלט, איהר ווערטשאַצענדע: און דאָס איז אייער פאַר־באָרגענע ליעבע און דאָס גלאַנצען, ציטערען און איבער־כוואַליען פון אייער נשמה.

אָבער נאָך אַ שטאַרקערע געוואלט וואַקסט ארויס פון אייערע ווערטען און אַ נייע התגברות: אָן איהר צוברעכט זיך די איי און די שאָלעכץ.

און ווער עס מוז זיין אַ בעשאַפער אין גוט און בייז, מוז צו־ערשט זיין אַ צושטערער און צוברעכען ווערטען.

אזוי ארום געהערט דאָם העכסטע בייז צו דער העכסטער גוטס־קייט: זי איז אָבער די באַשעפערישע. —

לאָמיר ר י י ד ע ן מכוח דעם, איהר קלוגשאַפענסטע, וועןאפילו דאָס איז ניט גוט. אָבער שווייגען איז ערגער; אַלע פאַר־שוויגענע אמת'ען ווערען גיפטיג.

און לאָז דאָך אַלץ צובראָכען ווערען, וואָס אין אונזערע אמת'ען צובראָכען ווערען — קאָן! מיר האָבען נאָך צו בויען אַ היבש ביי־סעל הייזער! —

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

די דערהויבענע.

שטיל איז דער גרונט פון מיין ים: ווער וואָלט אַ טראַכט גע־מאָן, אז ער פאַרבאָרגט אין זיך שפּאַסהאַפטע פאַרקוקעניִשען!

אונערשיטערליך איז מיין טיעף: אָבער זי גלענצט פון שוויי־מענדע רעטעניִשען און געלעכטערס.

אַ דערהויבענעם האָב איך היינט געזעהן, אַ גרויסאַרטיג שטיי־פען, אַ בעל־תשובה פון גייסט, אָ, ווי מיין נשמה האָט געלאַכט פון זיין מאוסקייט!

מיט אַ דערהויבענער ברוסט, גלייך ווי די, וואָס ציהען איין דעם אָטעם אין זיך, אזוי איז ער געשטאַנען, דער דערהויבענער, און שווייגזאם:

ארומגעהאַנגען מיט מאוס'ע אמת'ען, די רויב פון זיין געיעג און רייך אין צוריסענע קליידער; אויך דערנער אַ סך זיינען געהאַנ־גען אויף איהם — אָבער קיין רויז צווישען זיי האָב איך ניט גע־זעהען.

ער האָט נאָך ניט געלערנט דעם ענין פון לאַכען און שעהנקייט. פאַרפינסטערט איז אָט דער יעגער געקומען צוריק אויס דעם וואַלד פון דער דערקענטניס.

אהיים איז ער געקומען פון אַ קאַמף מיט ווילדע חיות: אָבער

פון זיין ערנסט האָט נאָך ארויסגעבליקט די ווילדע חיה — א נאָך ניט איינגענומענע.

ווי א טיגער שטעהט ער נאָך דאָ, וואָס קלייבט זיך צום שפרונג. אָבער איך האָב ניט האָלד אָט די אָנגעשפּאנטע נשמות; מיין געשמאַק האָט ניט האָלד אָט די אַלע צוריקגעצויגענע.

און איהר זאָגט מיר, פריינד, אַז מען זאָל ניט שטרייטען וועגען געשמאַק און באַ'טעמ'ט זיין? אָבער אַל' דאָס לעבען איז א שטרייט וועגען טעם און באַ'טעמ'ט־זיין.

געשמאַק: דאָס איז אין איינעם אי געוויכט אי וואָגשאָל אי דער וואָס וועגט. און וועה צו יעדען בעל־חי, וואָס וואָלט געוואָלט לעבען אָהן שטרייט וועגען געוויכט און וואָגשאָל און דעם וואָס וועגט.

אַז אָט דער דערהויבענער וועט מיעד ווערען פון זיין דערהויבענים: ערשט יעמאָלט וועט זיך אָנהויבען זיין שעהנקייט, — און ערשט יעמאָלט וועל איך איהם טועם זיין און אין איהם א טעם געפינען.

און ערשט ווען ער וועט זיך אָבקעהרען פון זיך גופא, וועט ער אריבערשפּרינגען איבער זיין אייגענעם שאָטען און, באמת, אין זיין גוף אריינשפּרינגען.

צופיעל צייט איז ער אין שאָטען געזעסען, די באַקען זיינען איהם בלייך געוואָרען, דעם בעל־תשובה פונ'ם גייסט; ער איז כמעט פארהונגערט געוואָרען אין זיינע ערוואַרטונגען.

פאראַכטונג איז נאָך אין זיין אויג און עקעל פארבאָרגט זיך ארום זיין מויל. ס'איז אמת, ער רוהט איצטער, אָבער זיין רוה האָט זיך נאָך ניט געלייגט אין דער זון.

ווי אַן אָקס האָט ער באַדאַרפט טאָן, און זיין גליק זאָל מיט ערד שמעקען און ניט מיט פאראַכטען די ערד.

איך וואָלט איהם געוואָלט זעהן, ווי א ווייסען אָקס, ווי ער סאָפּעט און ברילט און געהט פאָראויס פאַר זיין אַקער־פלוג: און זיין געבריל זאָל לויב־שאַצען אַל' דאָס ערדישע.

זיין פנים איז נאָך טונקעל; דער שאָטען פון דער האַנט

שפּיעלט אויף איהם. פאַרשאַטענט איז נאָך דער זין פון זיין אויג.

זיין טואונג גופא און נאָך דער שאָטען אויף איהם: די האַנט פאַרטונקעלט דעם האַנדלענדען. ער האָט נאָך זיין טואונג ניט גובר געווען.

הגם איך ליעב אין איהם דעם נאַקען פון אַן אָקס: אָבער איך וויל דאָך אויך זעהן די אויגען פון א מלאך.

אויך זיין העלדען־ווילען דאַרף ער נאָך פערגעסען: א דער־הויבענער זאָל ער מיר זיין און ניט נאָר א דערהויכענער: — דער עפיר גופא האָט איהם הויבען געדאַרפט, דעם מאַן אָהן ווילען.

ער האָט פאַרזעהענישען באַצוואונגען, ער האָט פּותר געוועזן רעטעענישען; אָבער אויסלייזען האָט ער נאָך געדאַרפט זיינע פאַר־זעהעניסען און רעטעענישען; פאַרוואַנדלען האָט ער זיי געדאַרפט אין הימעלשע קינדער.

זיין דערקענטניס האָט נאָך ניט געלערנט ווי צו שמייכלען און ווי צו זיין אָהן קנאה. נאָך איז ניט שטיל געוואָרען אין דער שעהנקייט זיין שטרוימענדע ליידענשאַפט.

באמת, ניט אין דער זעט זאָל זיין פאַרלאַנג זיך טוקען און אַנטשטומען, נייערט אין דער שעהנקייט. דער חן געהערט צום גרויס־מוט פון דעם גרויס־געזינטען.

דעם אָרעם אַריבער׳ן קאָפּ: אַזוי האָט באַדאַרפט אויסרוהען דער העלד, אַזוי האָט ער זיין אויסרוה גובר זיין באַדאַרפט.

אָבער גראָד פאַר דעם העלד איז דאָס ש ע ה נ ע די שווער־סטע פון אַלע זאַכען. ניט צו דערגרייכען איז דאָס שעהנע פאַר יעדען העפטיגען ווילען.

א ביסעל מעהר, א ביסעל ווייניגער: דאָ גראָד איז דאָס פיעל, דאָ איז דאָס מעהרסטע.

שטעהן מיט אָפּגעלאָזטע מוסקלען און מיט אָפּגעשפּאַנטען ווילען: דאָס שווערסטע איז דאָס פאַר אייך אַלעמען, איהר דער־הויבענע.

ווען די מאַכט ווערט גנעדיג און קומט אַראָפּ אין די געזעהענע וועלט: שעהנקייט רוף איך אַזאַ אַראָפּקום.

און פון קיינעם וויל איך ניט שעהנקייט, ווי גראָד פון דיר, דו געוואַלטיגער: דיין גרויסקייט זאָל זיין דיין לעצטע התגברות איבער זיך.

אַל׳דאָס בייז מעג איך ערוואַרטען פון דיר, דערפאַר וויל איך פון דיר דאָס גוטע.

באמת, איך האָב אָפט געלאַכט פון די שוועכלינגען, וואָס גלויבען, זיי זיינען גוטהאַרציג, ווייל זיי האָבען לאָהמע לאַפּעס!

נאָך דער טוגענד פון אַ זייל זאָלסטו שטרעבען: שענער ווערט ער תמיד און צאַרטער, אָבער אינווענינג האַרטער און אויפ־האַלטענדער, וואָס מעהר ער שטייגט אין דער הויך.

יע, דו דערהויבענער, דו זאָלסט נאָך אַמאָל ווערען שעהן און האַלטען דעם שפּיגעל דער אייגענער שעהנקייט.

יעמאָלט וועט דיין נשמה דורכציטערן פון געטליכע תאוות און אין דיין גאוה וועט נאָך זיין אַ תפילה.

מחמת דאָס איז דער סוד פון דער נשמה: ערשט ווען דער העלד פאַרלאָזט זי, גענעהנט איהר אין חלום — דער אויבער־העלד.

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

דאָס לאַנד פון בילדונג.

צו וויט אין דער צוקונפט אַריין בין איך געפלויגען: אַ גרויל האָט מיך אַרומגענומען.

און אַז איך האָב מיך אַרומגעקוקט, ערשט די צייט איז גע־ווען מיין איינציגער צייטגענאָס.

בין איך געפלויגען צוריק, אהיים צו און רק זיך געאיילט: אַזוי בין איך געקומען צו אייך, איהר מענשען פון היינט, און אין דאָס לאַנד פון בילדונג.

צום ערשטען מאָל האָב איך געבראַכט אַ גוט אויג פאַר אייך

און א גוטען פארלאנג: באמת, מיט בענקשאפט אין הארצען בין איך געקומען.

אבער וואס איז מיר געשעהען? ווי גרויס איז ניט געווען מיין אנגסט, — איך האב לאכען געמוזט! נאך קיינמאל האט מיין אויג ניט געזעהען אזא מין פיעל־פארביג־געשפריינקעלטס.

איך האב געלאכט און געלאכט, בעת מיין פוס האט נאך גע־ציטערט און דאס הארץ דערצו: „דאס איז דאך די געבורט־היים פון אלע פארבען־טעפ!" — האב איך געזאגט.

מיט פופציג פליאמעס באמאלט דער פנים און די איברים, אזוי זייט איהר צו מיין וואונדער, געזעסען, איהר מענשען פון היינט.

און מיט פופציג שפיגלען ארום אייך, וואס האבען גע'חנפ'עט אייער פארבען־שפיעל און האבען זיי נאכגערעדט.

באמת, איהר קאנט גאר קיין בעסערע מאסקע ניט טראגען, איהר מענשען פון היינט, איידער דעם אייגענעם פנים! ווער קאן אייך דערקענען!

פולגעשריבען מיט די צייכענס פון דעם עבר, און אויך אט די אותיות אריבערגעפינזעלט מיט נייע צייכענס: אזוי האט איהר אייך גוט פארשטעקט פון אלע צייכען־זעהערס!

און זאל מען זיין אפילו א בוחן־כליות: ווער וועט דען גלויבען, אז איהר האט נאך ניערען! איהר זעהט אויס, ווי געבאקען צו זיין פון פארבען און פון געקלעפטע צעטעלעך.

אלע צייטען און פעלקער בליקען פיעל־פארביג ארויס פון אייערע שלייערס, אלע אמונות און מנהגים ריידען פיעל־פארביג ארויס פון אייערע תנועות.

ווער עס וואלט אראפשלעפען פון אייך שלייער און אויבער־בגד און פארבען און תנועות: עס וואלט איהם געבליבען גענוג גראד די פויגעל דערמיט צו דערשרעקען.

באמת, איך אליין בין דער דערשראקענער פויגעל, וואס האט אייך אמאל נאקעט דערזעהען און אהן פארבען, און איך בין אנט־פלויגען פון דארט, ווי נאר יענער סקעלעט האט ליעבע גענומען מיר ווינקען.

בעסער וואָלט איך נאָך געווען א טאָג־לוין־ארבייטער אין דער שאול־תחתיה און ביי די שאָטענס פון אמאָל ! — פעטער און בעלייבטער איידער איהר זיינען די מתים אין דער אונטערוועלט.

דאָס, יע, דאָס איז די ביטערנים פאר מיינע אינגעווייד, וואָס איך קאָן אייך ניט אויסשטעהן ניט נאקעט, ניט געקליידט, איהר מענשען פון היינט !

אַל׳ דאָס אונהיימליכע פון דער צוקונפט, און אַלץ וואָס האָט ווען עס איז געמאַכט שוידערן א פארפלויגענעם פויגעל, איז באמת נאָך היימליכער און צוגעלאָזטער איידער אייער „ווירקליכקייט“.

ווייל אזוי טוט איהר ריידען : „ראַיעלע זיינען מיר גאנץ, און ניטאָ ביי אונז קיין גלויבען און קיין אבערגלויבען“ : אזוי רעדט איהר מיט אויסגעבויגענער ברוסט, — אַך, און נאָך אָהן בריסטען !

יע, ווי זאָלט איהר דען ק אָ נ ע ן גלויבען, איהר פיעל־פארביג־באשפריינקעלטע ! — וואָס איהר זייט א געמעלעכץ פון אַלץ, וואָס איז ווען געגלויבט געוואָרען !

איהר זייט ארומגעהענדע אָפּפרעגען אויף דעם גלויבען גופא, און א גלידער־צוברעכענים פאר אַלע געדאנקען. א ו מ ג ל ו י ב־ ו ו י ר ד י ג ע : אזוי רוף איך אייך, איהר ראַיעלע !

אַלע צייטען פּלאַפּלען אין א ווידעראנאנד אין אייערע גייס־טער. און די חלומות און דער געפּלאַפּעל פון אַלע צייטען זיינען ראַיעלער געווען איידער אייער אויפ׳ן וואַהר !

אומפרוכפּער זייט איהר : דעריבער פעהלט ביי אייך דער גלויבען. אָבער ווער עס האָט שאפען געמוזט, דער האָט תמיד געהאט זיינע וואַהר־טרוימען און שטערן־צייכען — און האָט אין דעם גלויבען געגלויבט ! —

האַלב־אָפענע טויערען זייט איהר, וואָס ביי זיי וואַרטען די קברנים. און דאָס איז א י י ע ר ווירקליכקייט : „אַלץ איז ווערט, עס זאָל געהן צו גרונט !“

אַך, ווי איהר שטעהט דאָ מיר, איהר אומפרוכפּערע, ווי מאָגער אין די ריפּען ! און אַן אנדערער פון אייך האָט דאָס אליין איינ־געזעהען.

און ער האָט געזאָגט : „האָט דאָ א גאָט, משמעות, ביי מיר

באמת, בשתיקא עפּעס צונג'לקחן'ט, בעת איך האָב געשלאָפען? — ניגון, אויף צו מאַכען זיך דערפון א וויבעל!

— א חדוש נפלא איז מיר די אָרעמקייט פון מיינע ריפּען!" — אזוי האָט שוין איינער גערעדט פון די היינטיגע.

יע, צום לאַכען זייט איהר מיר, איהר היינטיגע! און בפּרט נאָך, ווען איהר חדוש'ט זיך איבער זיך אליין!

און וועה צו מיר, ווען איך וואָלט ניט געקאָנט לאַכען פון אייער פאַרוואונדערונג און וואָלט געמוזט אַרונטערשלינגען אלע חלשות פון אייערע שיסלען!

אזוי אָבער וועל איך אייך גרינגער נעהמען, ווייל איך האָב שווערס צו טראָגען, און וואָס באַטרעפט דאָס מיר, ווען אויף מיין בינטעל זעצען זיך נאָך האָנט-פליגען און פליגעל-ווערים!

באמת, עס זאָל מיר דערפון ניט ווערען שווערער. און ניט פון אייך, איהר היינטיגע, זאָל אויף מיר קומען די גרויסע מאַט-קייט. —

אך, וואוהין זאָל איך נאָך ארויפשטייגען מיט מיין בענק-שאַפט! פון אלע בערג קוק איך ארויס נאָך פאָטער- און מוטער-לענדער.

אָבער א היים-געבירט האָב איך ערגעץ-ניט געפונען. א נע-ונד בין איך אין אלע שטעט און אן אנטרונענער ביי אלע טויערען.

פרעמד זיינען מיר און א שפּאָט די מענשען פון היינט, צו וועמען מיין הארץ האָט מיך אנומלעלט געטריבען. און פאַרטריבען בין איך פון פאָטער- און מוטער-לענדער.

איז — ליעב איך נאָר מיין קינדער-לאנד, דאָס ניט ענטדעקטע, אין דעם וויטעסטען ים: זי זוכען און זוכען הייס איך מיינע שיף-לייוועגטס.

אויף מיינע קינדער וויל איך פאַרריכטען דעם פעהלער וואָס איך בין א קינד פון מיינע פאָטערס און אויף דער גאַנצער צו-קונפט — אָט דעם היינט! —

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטרא.

*

* *

די אומבאַפלעקטע דערקענטניס.

אַז די לבנה איז נעכטען אַרויס, האָט זיך מיר געדוכט, זי וויל געבערען אַ זון: אַזוי ברייט און טראָגעדיג איז זי געלעגען אויף דעם האָריזאָנט.

אָבער אַ שקרן׳טע איז זי געוועזען מיט איהר שוואַנגערשאַפט; און גיכער וועל איך נאָך גלויבען אין דעם מאַן, וואָס אויף דער לבנה, איידער אין דער פרוי.

בלי ספק, ער איז אויך נאָך גאָר ווייניג אַ מאַן, אָט דער ציטער־דיגער נאַכט־בעל־חלום. באמת, מיט אַ שלעכטען געוויסען וואַנדעלט ער אַרום איבער די דעכער.

ווייל ער איז פול מיט תאוה און מיט אייפערזוכט, דער מאַנאַך אין דער לבנה, פול מיט תאוה צו דער ערד און צו אַלע פריידען פון די ליעבענדע.

ניין, ער איז מיר דערווידער, אָט דער קאָטער אויף די דעכער. דערווידערליך זיינען מיר אַלע, וואָס שאַרען זיך אַרום די האַלב־פאַרשלאָסענע פענסטער.

פרום און שווייגזאַם וואַנדעלט ער אַרום אויף די שטערן־טעפּיכער: אָבער איך האָב ניט האָלד אַלע שטיל־טרעטענדע מאַנס־בילשע פיס, וואָס אויף זיי קלינגט ניט קיין איין שפּאָר.

דער שריט פון יעדען אָרענטליכען מענשען רעדט; די קאַץ אָבער גנב׳עט זיך איבער דעם דיל. זעה, די לבנה קומט אַרויף קעצעריש און ניט אָרענטליך. —

אָט דעם משל גיב איך אויף אייך, סענטימענטאַלע צבוע׳קעס, אויף אייך, איהר „ריין־דערקענענדע"! אייך רוף איך — די תאוה׳דיגע!

אויך איהר ליעבט די ערד און דאָס ערדישע — איך האָב געטראָפען אייער סוד! אָבער בושה איז אין אייער ליעבע און שלעכטער געוויסען, — צו דער לבנה זייט איהר געגליכען!

צו פאראכטען דאָס ערדישע האָט מען איינגעשמועסט אייער גייסט, אָבער ניט אייערע אינגעווייד: אָבער זיי זיינען די שטאַר־קערע אין אייך.

און — שעמט זיך אייער גייסט, וואָס ער טוט דעם ווילען פון אייערע אינגעווייד, און געהט מחמת זיין אייגענער בושה אויף גניבה׳שע און ליגנערישע וועגען.

„דאָס וואָלט פאר מיר געווען דאָס העכסטע,—אזוי רעדט צו זיך אייער פאר׳כזבן׳טער גייסט, — צו קוקען אויף דאָס לעבען אָהן באַגעהר און ניט, ווי א הונד, מיט אַן ארויסגעהאנגענער צונג.

„גליקליך צו זיין אין דעם קוקען, מיט אַן אָבגעשטאָרבענעם ווילען, אָהן דער שליטה און דער תאוה פון זעלבסטזוכט — קאַלט און אש־גראָה איבער׳ן גאנצען לייב, אָבער מיט פאר׳שכור׳טע לבנה־אויגען!

„דאָס וואָלט פאר מיר געווען דאָס ליעבסטע, — אזוי רעדט זיך איין דער איינגעשמועסטער, — די ערד ליעבען, ווי די לבנה ליעבט זי, און נאָר מיט דעם אויג אליין צו בעטאַפּען איהר שעהנ־קייט.

„און דאָס רוף איך די אומבאַפלעקטע דערקענטניס פון אלע זאכען, וואָס איך וויל גאָרנישט ניט פון די זאכען: אַ־חוץ צו מעגען ליעגען פאר זיי, ווי א שפּיעגעל מיט הונדערט אויגען.“

אָ, איהר סענטימענטאלע צבוע׳קעס, איהר תאוה׳דיגע! — אייך פעהלט די אומשולד אין דעם באגעהר און דעריבער רעדט איהר לשון־הרע אויף דאָס באגעהרען.

באמת, ניט ווי שאַפענדע, באַפרוכפּערענדע, ווערען־לוסטיגע — ליעבט איהר די ערד!

וואו איז אומשולד? וואו עס איז דאָ דער ווילען צום ארויסברענגען. און ווער עס וויל שאַפען איבער זיך ארויס, דער האָט אין מיינע אויגען דעם ריינסטען ווילען.

וואו איז שעהנקייט? וואו איך מוז ווילען מיט׳ן גאַנצען ווילען; וואו איך וויל ליעבען און פארגעהן, כדי א בילד זאָל ניט נאָר בלייבען בילד.

ליעבען און פארגעהן: דאָס גראַמט זיך זינט אייביגקייטען.
דער ווילען צו ליעבע: דאָס איז, אויך מרוצה זיין צום טויט.
אזוי טו איך צו אייך ריידען, איהר פחדנים!

איז — וויל אָבער אייער קאַסטרירטער קרום־בליק זיך רו־פען „באַזעהעוודיגקייט". און וואָס עס קאָן באַטאַפּט ווערען מיט פחדנ'ישע אויגען זאָל אַ נאָמען באַקומען „שעהן"! אָ, איהר באַ־שמוצער פון איידעלע נעמען.

אָבער דאָס זאָל זיין אייער קללה, איהר אומבאַפלעקטע, איהר ריין דערקענענדע, וואָס איהר זאָלט קיין מאָל ניט געבערען: אפילו ווען איהר ליעגט ברייט און טראָגעדיג אויף דעם האָריזאָנט.

באמת, איהר נעמט אָן אַ פולען מויל איידעלע ווערטער: און מיר זאָלען גלויבען אַז אייער הארץ ווערט איבער־פול, איהר שקרנים?

אָבער מיינע ווערטער זיינען פשוט'ע, פאַראַכטעטע, קרומע ווערטער: איך הויב גערן אויף, וואָס עס פאַלט אראָב אונטערן טיש פון אייער מאָלצייט.

מיט זיי קאָן איך נאָך אַלעמאָל זאָגען דעם אמת די צבוע'קעס! יע, מיינע פיש־ביינדלעך, מויער־קעפּלעך און שטעך־בלעטער זאָלען ביי די צבוע'קעס די נאָזלעבער קיצלען.

אַ שלעכטע לופט איז תמיד אַרום אייך און אייערע מאָלציי־טען: אייערע תאוה'דיגע געדאַנקען, אייערע שקרים, און אייערע סודות זיינען דאָך אין יענער לופט!

האָט ערשט דעם מוט, זיך אַליין צו גלויבען, זיך אַליין און אייערע איינגעווייד! ווער עס גלויבט זיך ניט, לאַיגנט תמיד.

גאָט'ס אַ מאַסקע האָט איהר, אויפגעהאַנגען אַרום אייער אייגענעם פנים, איהר „טהורים"; אין גאָט'ס אַ מאַסקע*) איז פאַרקראָכען אייער מאַוסדיגער רינגעל־וואָרים.

באמת, איהר נאַרט אָפּ, איהר „באַזעהעוודיגע"! אויך זאַ־

---

*) אַ שפּיעל מיט דעם וואָרט „לאַרווע", וואָס באַדייט אַ מאַסקע און אַ שמעטערלינג־וואָרים. — דער איבערזעצער.

ראַטוסטראַ האָט זיך אַמאָל געלאָזט באַנאַרישען דורך אייער געט־ליבער הויט; ער האָט ניט דערשפירט דעם שלאַנגען־רינגעל, מיט וועלכען זי איז געווען אָנגעשטאָפּט.

אין אייערע שפּיעלען, איהר, „ריין דערקענענ„, האָט זיך מיר אַמאָל געדוכט, אַז איך זעה שפּיעלען אַ גאָט׳ס נשמה! ניט קיין בעסערע קונסט, האָב איך אַמאָל געטראַכט, איידער אייערע קונסטען!

דעם שלאַנגען־תינוף און שלעכטען אויר האָט פאַר מיר די ווייט פאַרשטעלט: און אויך וואָס די רמאות פון אַן עקדעש האָט זיך דאָ לוסטיג ארומגעשאַרט.

אָבער איך בין געקומען נ אָ ה ע נ ט צו אייך: איז צו מיר דער טאָג געקומען, — און איצטער קומט ער צו אייך, — און אַ סוף צו דער לבנה׳ס ליעבשאַפט!

טוט נאָר אַ קוק! אַ געכאַפּטע און בלייכע שטעהט זי דאָ — פאַר דער מאָרגענרויט!

ווייל די מאָרגענרויט קומט שוין, די גליהענדע, — עס קומט איהר ליעבע צו דער ערד! אומשולד און שאַפונגס־לוסט איז יעדע זונען־ליעבע!

טוט נאָר אַ קוק, ווי אומגעדולדיג זי קומט איבער דעם ים! פיהלט איהר דען ניט דעם דאָרשט און דעם הייסען אָטעם פון איהר ליעבע?

זי וויל זויגען דעם ים און זיין טיעף ארויפטרינקען צו זיך אין דער הויך: איז הויבט זיך די תשוקה פון דעם ים אין זיינע טויזענטער ברוסטען.

ער וויל געקושט זיין און געזויגט זיין פון דער זון׳ס דאָרש־טיגקייט. ער וויל ווערען לופט און הויכקייט און אַ שטעג פאַר דעם ליכט־שיין און אליין ווערען ליכט־שיין.

באמת, צו דער זון געגליכען, אזוי ליעב איך דאָס לעבען און אלע טיעפע ים׳ען.

און אַט דאָס רוף איך דערקענטניס: אַל' דאָס טיעפע זאָל אַרויף — צו מיין הויך. —

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

די געלערנטע.

בעת איך בין געלעגען אין שלאָף, האָט אַ שעפּס געפרעסען פון דעם עפּעי־קראַנץ אויף מיין קאָפּ. זי האָט געפרעסען און האָט דערביי געזאָגט: „זאַראַטוסטראַ איז שוין אויס געלערנ־טער!“

אַ זאָג געטאָן און איז אַוועק, אומגעלומפּערט און שטאָלץ. אַ קינד האָט דאָס מיר דערצעהלט.

איך האָב האָלד צו ליעגען דאָ, וואו די קינדער שפּיעלען זיך, ביי דער צעבראָכענער מויער־וואַנט, צווישען דיסטלען און רויטע מאָהן־בלומען.

פאַר די קינדער בין איך נאָך אַ געלערנטער; אויך פאַר די דיסטלען און רויטע מאָהן־בלומען. אונשולדיג זיינען זיי, אפילו אין זייער בייזקייט.

אָבער פאַר די שעפּסען בין איך דאָס שוין ניט מעהר. אַזוי וויל דאָס מיין גורל, געבענשט זאָל ער זיין!

ווייל דאָס איז דער אמת: איך האָב מיך אַרויסגעצויגען פון דאָס הויז פון די געלערנטע און האָב נאָך הינטער מיר די טיר צוגעקלאַפּט.

צו לאַנג איז מיין נשמה געזעסען אַ הונגעריגע ביי זייער טיש; איך בין ניט, ווי זיי, איינגעדרעסירט אויף דאָס דערקענען, ווי אויף קנאַקען ניס.

פרייהייט ליעב איך און די לופט איבער דער פרישער ערד; בעסער וועל איך שלאָפען אויף אָקסען־פעלען, איידער אויף זייערע עליות און כבודים.

איך בין צו הייס און פאַרברענט פון מיינע אייגענע גע־

ראנקען: אַפּט פאַרכאַפּט דאָס מיר דעם אָטעם. יעמאָלט מוז איך אַרויס אין די פריי און אַוועק פון אַלע פאַרשטויבטע שטובען.

אָבער זיי זיצען קיהל אין אַ קיהלען שאָטען: זיי ווילען אין אַלצדינג נאָר צושוייער זיין און היטען זיך, צו זיצען דאָרטען, וואו די זון ברענט אויף די טרעפּ.

געגליכען צו יענע, וואָס שטעהען אויף דער גאַס און גלאָטצען אויף די פאַרבייגעהער: אַזוי וואַרטען זיי אויך און גלאָטצען אויף די געדאַנקען, וואָס אַנדערע האָבען געטראַכט.

וויל מען זיי אַ נעהם טאָן מיט דער האַנד, געהט פון זיי אַ שטויב, ווי פון אַ מעהל־זאַק, און אַנטקעגען זייער אייגענעם ווילען: אָבער ווער וועמען וואָלט אַרויף אויפ'ן זין, אַז זייער שטויב שטאַמט פון דעם קאָרן און פון דעם געלען תענוג פון די זומער־פעלדער?

הויבען זיי אָן אַרויסווייזען זייער קלוגשאַפּענקייט, אַזוי פרעס־טעלט מיך פון זייערע קליינע שפּרוכען און אמת'ען: אַ גערוך איז אָפּט אין זייער קלוגשאַפּענקייט, אַקוראַט, זי וואָלט פון אַ זומף געשטאַמט. און בנאמנות, איך האָב שוין אויך געהערט, ווי דער פראָש האָט פון איהר געקוואַקעט!

פלינק זיינען זיי, זיי האָבען קלוגע פינגער: ווי קומט מיין איינפאַכקייט צו זייער פיעלפאַכקייט! זייערע פינגער פאַרשטעהען די גאַנצע חכמה פון פעדימען, צענויפקניפּלען און וועבען; אַזוי אַרום מאַכען זיי די זאָקען פון דעם גייסט!

זיי זיינען גוטע זייגערס: מען מוז נאָר אַכטונג געבען, זיי זאָלען ריכטיג אָנגעדרעהט ווערען! יעמאָלט ווייזען זיי אָן די פּינקטליכע שעה און מאַכען אַן עניוות'דיגען גערויש.

ווי מיהלען אַרבייטען זיי און ווי שטויסלען: מען דאַרף נאָר אַריינשיטען פיינע תבואה! — זיי ווייסען שוין, ווי צו צעמאָלען אויף קליין די קאָרען און ווי צו מאַכען דערפון שטויב.

זיי קוקען גוט איינער אויף דעם אַנדערן'ס פינגער און גלויבען ניט איינער דעם אַנדערן אַ האָר. מאַדים'ס אויף שפּיצלעך, וואַרטען זיי אויף יענע, וועמעס וויסען עס געהט אויף לאַהמע פיס, — אַקוראַט ווי שפּינען וואַרטען זיי.

איך האָב געזעהען, ווי פאַרזיכטיג זייברייען כסדר גיפט; און תמיד פלעגען זיי אָנטאָן גלעזערנע הענטשקעס אויף זייערע פינגער.

איך מיט פאַלשעביינדלעך ווייסען זיי, ווי צו שפּיעלען; און איך האָב זיי געפונען שפּיעלענדיג מיט אזא התמדה, אז זיי האָבען געשוויצט דערביי.

מיר זיינען פרעמד איינער דעם אנדערן, און זייערע טוגענדען זיינען נאָך מעהר צווידער מיין געשמאַק, איידער זייערע פאַלש־קייטען און זייערע פאַלשע ביינדלעך.

און בעת איך האָב געוואוינט ביי זיי, האָב איך געוואוינט איבער זיי. דערפאַר זיינען זיי ברוגז געוואָרען אויף מיר.

זיי ווילען ניט הערען דערפון, אז איינער זאָל ארומגעהן איבער זייערע קעפּ; האָבען זיי צווישען מיר און זייערע קעפּ צונויפגעשלעפּט האָלץ און ערד און אָבפאַל.

אזוי ארום האָבען זיי דומף געמאַכט דעם קול פון מיינע שריט: און ערגער פאַר אַלעמען בין איך ביז איצטער געהערט געוואָרען פון די געלערנטעסטע.

די פעהלערען און די שוואַכקייטען פון אַלע מענשען האָבען זיי אוועקגעלייגט צווישען זיך און מיר: — זיי רופען דאָס א „פעהל־בוידעם" אין זייערע הייזער.

אָבער למרות דעם, געה איך אום מיט מיינע געדאַנקען איבער זייערע קעפּ; און אפילו ווען איך וואָלט ארומגעגאַנגען אויף מיינע אייגענע פעהלערען וואָלט איך נאָך אויך געווען איבער זיי און זייערע קעפּ.

מחמת די מענשען זיינען נ י ט גלייך: אזוי זאָגט די גערעכטיגקייט. און וואָס איך וויל, טאָרען ז י י ניט וועלען.

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

די פּאָעטען.

„זינט איך קען בעסער דעם גוף, — האָט זאַראַטוסטראַ גע־זאָגט צו איינעם פון זיינע תּלמידים, — איז די רוחניות פאַר מיר געוואָרען אַזוי ווי אַ מין רוח; און דאָס גאַנצע „אומפאַר־גאַנגליכע" — איז אויך ניט מעהר ווי אַ משל."

„איך האָב דאָס שוין אַמאָל געהערט פון דיר, האָט געענטפערט דער תּלמיד, און יעמאָלט האָסטו נאָך צוגעגעבען: „אָבער די פּאָעטען לאַיגען צופיעל". פאַרוואָס האָסטו געזאָגט, אַז די פּאָע־טען לאַיגען צופיעל?"

„פאַרוואָס? האָט זאַראַטוסטראַ געזאָגט. „דו פרעגסט פאַר־וואָס? איך געהער ניט צו די, ביי וועמען מען מעג פרעגען זייער פאַרוואָס.

איז דען מיין דורכלעבען פון נעכטען? עס איז שוין לאַנג צוריק, ווען איך האָב דורכגעלעבט די טעמים פון מיינע מיינונגען.

וואָלט איך ניט געדאַרפט זיין אַ זכרון־פאַס, ווען איך וואָלט אויך מיינע טעמים געוואָלט האָבען ביי זיך?

עס איז שוין צופיעל פאַר מיר, איך זאָל ביי זיך האַלטען נאָר די מיינונגען; און אַן אַנדער פויגעל פליהט אַוועק.

און צייטענווייז געפין איך אין מיין טויבענשלאַג אַ צוגעפלוי־גענעם עוף, וואָס איז מיר פרעמד און וואָס ציטערט, ווען איך לייג אַרויף די האַנט אויף איהם.

נאָר — וואָס האָט דיר אַמאָל זאַראַטוסטראַ געזאָגט? אַז די פּאָעטען לאַיגען צו פיעל? — אָבער אויך זאַראַטוסטראַ איז אַ פּאָעט.

גלויבסטו איצטער, אַז ער האָט דאָ אַן אמת געזאָגט? פאַר־וואָס גלויבסטו דאָס?"

דער תּלמיד האָט געענטפערט: „איך גלויב אין זאַראַטוסטראַ."

אָבער זאראַטוסטראַ האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָט געשמייכעלט.

דער גלויבען מאַכט מיך ניט גליקליך, האָט ער געזאָגט, בפרט דער גלויבען אין מיר.

אָבער אָנגענומען, אז עמיצער האָט אין פולען ערנסט געזאָגט, די פּאָעטען לאָגען צופיעל: איז ער גערעכט, — מ י ר לאָגען צופיעל.

מיר ווייסען אויך צו וועניג און זיינען שלעכטע לומדים. איז — מוזען מיר טאַקי לאָגען.

און ווער פון אונז פּאָעטען האָט ניט פארפעלשט זיין ווייִן? ניט איין גיפטיגע מישעכץ איז פאַרגעקומען אין אונזערע קעלערן, ניט איינמאָל איז דאָרטען עפּעס אומבאַשרייבליכעס אָפּגעטאָן געוואָרען.

און מחמת מיר ווייסען וועניג, דעריבער געפעלען אונז פון גאַנצען הארצען די גייסטיג אָרעמע, דערהויפּט, ווען דאָס זיינען יונגע ווייבס-פּאַרשוינען!

און מיר האָבען אויך לוסט צו יענע זאַכען, וואָס די אַלטע ווייבער דערצעהלען אין אָוועגט איינע דער אַנדערער. דאָס רופען מיר אַליין דאָס אייביג-ווייבליכע אין אונז.

און אַקוראַט ווי עס וואָלט געווען אַן אויסטערלישער בעהאַלטענער צוגאַנג צו דעם ווייסען, וואָס ווערט פּ אַ ר ש אָ ט ע ן פאַר אַלעמען, וועלכע לערנען עפּעס: גלויבען מיר אין דאָס פּאָלק און אין זיין קלוגשאַפענקייט.

דאָס אָבער גלויבען אַלע פּאָעטען: אז ווער עס ליעגט אין גראָז אָדער אויף אַן איינזאַמען בארג-שפּוע און שפּיצט צו זיינע אויערען, דערגעהט עפּעס וועגען די זאַכען, וואָס זיינען צווישען הימעל און ערד.

און קומען צו זיי צאַרטליכע אויפרעגונגען, מיינען תמיד די פּאָעטען, אז די נאַטור אַליין איז אין זיי פארליעבט:

און זי שאַרט זיך צו זייערע אויערען, סודות'דיגס אריינצו־

זאָגען און פאַרליעבטע חניפה־רייד: זיי האַלטען זיך גרויס מיט דעם און באַריהמען זיך פאַר אַלע שטערבליכע!

אַך, עס זיינען דאָ אַזויפיעל זאַכען צווישען הימעל און ערד, וועגען וועלכע נאָר די פּאָעטען האָבען געקאָנט עפּעס אויס׳חלום׳ען.

און בפרט נאָך א י ב ע ר דעם הימעל: ווייל אַלע געטער זיינען פּאָעטען־משלים, פּאָעטען־אויסטראַכטעכץ!

באמת, תמיד ציעהט עס אונז אַרויף — דאָס הייסט צו דער ממשלה פון די וואָלקענס. מיר זעצען אַרויף אויף זיי אונזערע פיעלפאַרביגע ליאַלקעס און רופען זיי געטער און אויבער־מענשען:

זיי זיינען גראַד גענוג גרינג פאַר יענע שטוהלען — אָט די אַלע געטער און אויבער־מענשען.

אַך, ווי מיר איז נמאס געוואָרען אַל׳ דאָס ניט צו דערגרייכענדע, וואָס זאָל דורכאויס זיין אַ ווירקליכע פּאַסירונג! אַך, ווי נמאס זיינען מיר די פּאָעטען!

בעת זאַראַטוסטראַ האָט אַזוי גערעדט, איז זיין תלמיד געווען ברוגז אויף איהם, אָבער ער האָט געשוויגען. און אויך זאַראַטוסטראַ האָט געשוויגען; און זיין אויג האָט זיך אַ קעהר געטאָן צום אינוועניג, פּונקט, ווי ער וואָלט געקוקט אין די ווייטע ווייטען. לסוף האָט ער אַ זיפץ געטאָן און אָפּגעעטעמט.

איך בין פון היינט און פון פריהער־אַמאָל, האָט ער נאָכדעם געזאָגט; אָבער עפּעס איז אין מיר, וואָס איז פון מאָרגען און איבערמאָרגען און שפּעטער־אַמאָל.

מיר זיינען נמאס געוואָרען די פּאָעטען, די אַלטע און די נייע: זיי זיינען מיר אַלע אויבערפלאַכיג און ניט טיעפע ים׳ען.

זיי האָבען ניט גענוג געטראַכט אין דער טיעף: דעריבער איז זייער געפיהל ניט אַראָפּגעזונקען ביז צום גרונט.

אַ ביסעל תאוה־לוסט, אַביסעל אומעט: אָט דאָס איז געווען זייער בעסטער נאָכקלעהר.

געשפּענסטער־אָטהעם און געשפּענסטער־פליהען איז פאַר מיר דער גאַנצער קלינג־קלאַנג פון זייערע האַרפען: וואָס האָבען

זיי ביז אהער געוואוסט פון דעם אינווענינסטען ברען אין די טענער! —

זיי זיינען פאר מיר אויך ניט געגוג ציכטיג: זיי מאכען ברוי-דיג זייערע וואסערען, כדי עס זאל אויסזעהן טיעף.

און גערן טרעטען זיי דורך דעם ארוים ווי שלום-מאכערס: אָבער זיין בלייבען פאר מיר מיטלערס און מישערס און האלב-אויף-האלבע און אומציכטיגע! —

אַך, איך האָב מיין נעץ שוין אמאל אין זייער ים פארוואָרפען און האָב געוואָלט גוטע פיש פאנגען; אָבער תמיד האָב איך ארוים-געצויגען אַ קאָפּ פון אַן אלטען גאָט.

אזוי־אָט האָט דער ים דעם הונגעריגען אַ שטיין געגעבען. און משמעות, זיי אליין שטאַמען אָפּ פון דעם ים.

געוויס, מען געפינט פערעל ביי זיי: דאָס מעהר זיינען זיי אליין עהנליך צו די ים־שרצים מיט הארטער שאָלעכץ. און אנשטאָט אַ נשמה האָב איך אָפט געפונען ביי זיי געזאָלצענע ליחות.

פון דעם ים האָבען זיי אָפּגעלערנט אויך זיין וויסטע גאוה: איז דען ניט דער ים אַ פאווע שב׳פאוועס?

אפילו פאר דעם מיאוס׳טען פון אלע בופלאקסען שפרייט ער פאנאנדער זיין עק, קיינמאָל ווערט איהם ניט נמאס זיין שפיצען־פאָכער פון זילבער און זייד.

אין כעס קוקט דערויף דער בופלאקס, וואָס איז אין זיין נשמה נאָהענט צו דעם זאמד, נאָך נעהענטער צו דעם געדיכטען וואלד און גאָר אם נאָהענטסטען צו דעם זומף.

וואָס איז איהם שעהנקייט און ים און פאווע־ציערונג! אָט דעם משל זאָג איך פאר די פּאָעטען.

באמת, זייער גייסט גופא איז די פאווע שב׳פאוועס און אַ ים פון אייטעלקייט!

דער גייסט פון דעם פּאָעט וויל האָבען צושויערס: און זאָלען דאָס זיין אפילו בופלאקסען! —

אָבער אָט דער גייסט איז מיר נמאס געוואָרען: און איך זעה די צייט קומען, ווען ער וועט זיך אליין נמאס ווערען.

איך האָב שוין געזעהען, ווי די פּאָעטען האָבען זיך שוין געביטען און ווי זייער בליק האָט זיך געווענדעט אויף זיך גופא.

איך האָב געזעהען קומען בעלי־תשובה'ס פון דעם גייסט;
זיי זיינען ארויסגעוואקסען פון זיי. —
אזוי האָט גערעדט זאראַטוסטרא.

* *
*

גרויסע פּאַסירונגען.

אין ים איז דאָ אַן אינזעל — ניט ווייט פון זאראַטוסטרא'ס גליקליכע אינזלען —, וואָס אויף איהר טוט תמיד זיך רויכערען אַ פייער־בארג; ווענען אָט דער אינזעל זאָגט דאָס פאָלק — און דער עיקר זאָגען דאָס די אַלטע ווייבער פון פאָלק, — אַז זי איז ווי אַ פעלז, אוועקגעשטעלט פאַר דעם טויער פון דער שאול־תחתיה: אָבער דורך דעם פייער־בארג גופא ציעהט זיך אַ שמאָלער וועג אין דער טיף, וואָס פיהרט צו יענעם טויער פון דער שאול.

האָט פּאַסירט, אַז בשעת זאראַטוסטרא האָט פארבראַכט אויף די גליקליכע אינזלען, האָט אַ שיף זיך פאראַנקערט ביי דער אינזעל מיט דעם זיך רויכערענדען בארג און די מאַטראָסען זיינען אראָפּ אויפן ברעג, קראָליקעס צו שיסען. אָבער ארום דער צייט פון האַלבען־טאָג, ווען דער קאַפּיטאַן און זיינע לייט זיינען ווידער געווען אין איינעם, האָבען זיי פּלוצלונג דערזעהן, ווי אַ מאַן קומט צו זיי דורך דער לופט, און אַ שטים האָט קלאָר ארויסגערעדט: „עס איז צייט! עס איז די העכסטע צייט!“ נאָר אַז די געשטאַלט איז געווען אַם נאָהענטסטען צו זיי — זי איז אָבער שנעל פארבייגעפליגען ווי אַ שאָטען אין דער ריכטונג פון דעם פייערבארג — האָבען זיי מיט דער גרעסטער פארוואונדערונג דערקענט אין איהר זאראַטוסטרא'ן; ווייל זיי אַלע, אַ־חוץ דעם קאַפּיטאַן, האָבען איהם שוין אמאָל געזעהען, און זיי האָבען איהם געליעבט, ווי דאָס פאָלק טוט ליעבען: אזוי אַז אין דעם געפיהל זיינען געווען אין איינעם אין גלייכע טיילען ליעבע און מורא.

„קוקט נאָר אָן! האָט געזאָגט דער אַלטער רודערמאַן, אָט געהט זאראַטוסטראַ אין גיהנום אַריין!" —

אין דערזעלבינער צייט, ווען די שיפער זיינען צוגעשטאַנען צו דער פייער־אינזעל, האָט זיך אַרומגעטראָגען אַ קלאַנג, אַז זאַראַ־טוסטראַ איז פאַרשוואונדען; און ווען מען האָט געפרעגט זיינע פריינד, האָבען זיי דערצעהלט, אַז ער איז ביי דער נאַכט אַוועק אויף אַ שיף, האָט אָבער ניט געזאָגט, וואוהין ער וויל פאָהרען.

איז מען געוואָרען אומרוהיג; און דריי טעג אַרום איז צו דער אומרוה צוגעקומען די געשיכטע מיט די שיפס־לייט — האָט דאָס גאַנצע פאָלק געזאָגט, אַז דער טייוועל האָט געכאַפּט זאַראַ־טוסטראַ׳ן. זיינע תלמידים האָבען אפילו געלאַכט פון אָט דער שמועסעריי, און איינער פון זיי האָט געזאָגט: „איך וועל גיכער גלויבען, אַז זאראַטוסטראַ האָט געכאַפּט דעם טייוועל." אָבער טיעף אין דער נשמה זיינען זיי אַלע געווען פול מיט זאָרג און בענקשאַפט: איז דעריבער גרויס געווען זייער פרייד, ווען זאַראַ־טוסטראַ איז אויף דעם פינפטען טאָג געקומען צו זיי.

און אָט דאָס איז, וואָס זאראַטוסטראַ האָט דערצעהלט וועגען זיין שמועס מיט דעם פייער־הונט:

די ערד, האָט ער געזאָגט, האָט אַ הויט. און אָט די הויט האָט איהרע חולאת׳ען. איינע פון אָט די חולאת׳ען, צום ביי־שפּיעל, רופט זיך: „מענש".

און אַן אַנדער חולאת רופט זיך „פייער־הונט": וועגען איהם האָבען די מענשען זיך אַ סך שקרים אָנדערצעהלט און זיך געלאָזט אָנלאָיגען פון אַנדערע.

אָט דעם סוד אויסצוגעפינען בין איך איבער׳ן ים געפאָהרען: און איך האָב דעם אמת געזעהען אַ נאַקעטען, בנאמנות, אַ באָר־וועסען ביז צום האַלז.

איצטער ווייס איך שוין, וואָס עס איז די מעשה מיט דעם פייער־הונט; גם כן מיט אַלע אַנדערע אויסוואורף־ און אומשטורץ־טייוואָלים, פאַר וועמען ניט נאָר אַלטע ווייבעלעך האָבען מורא.

„אַרויס, דו פייער־הונט, פון דיין טיעף! האָב איך אַ רוף

געטאָן, און בעוויין, ווי טיעף דיין טיעף איז! פון וואנען נעמט זיך ביי דיר דאָס, וואָס דו שפּריצסט ארויס אין צאָרן?

טרינקסט בהרחבה פון דעם ים: דאָס זאָגט אויס פון חדר דיין פאַרזאַלצטע מליצה. בנאמנות, פאַר א הונט פון דער טיעף נעמסט דו דיין שפּייז צו פיעל פון דער אויבערפלאַך!

העכסטענס האַלט איך דיך פאַר דעם בויכרעדנער פון דער ערד: און תמיד ווען איך האָב געהערט די רעדען פון די אומשטורץ־ און אויסוואורף־טייוואָלים, האָב איך געפונען, זיי זיינען, אזוי ווי דו: געזאַלצען, ליגנעריש און פלאַך.

איהר פאַרשטעהט, ווי צו ברומען און צו פאַרטונקלען מיט אַש. איהר זייט די בעסטע פּיסק־העלדען און האָט צו דער זעט זיך אויסגעלערנט די קונסט, ווי אויפצוזידען היים דעם שלאַם.

וואו איהר זייט, דאָרטען מוז תמיד זיין שלאַם און דער נאָהענט און א סך, וואָס איז שוואָמיג, אויסגעלעכערט און צונויפגע־פּרעסט: דאָס וויל אין די פריי.

„פרייהייט" ברומט איהר אַלע מיט דעם גרעסטען חשק: אָבער איך האָב פאַרלאָרען דעם גלויבען אין „גרויסע פּאַסירונגען", ווייבאַלד אַרום זיי איז א סך געברום און רויך.

און גלויב מיר נאָר, פריינד גיהנום־ליאַרעם! די גרעסטע פּאַסירונגען, — דאָס זיינען ניט די שרייענדסטע, נאָר די שטילסטע שעה'ן אונזערע.

ניט אַרויס די ערפינדער פון א נייעם ליאַרעם: אַרום די ער־פינדער פון נייע ווערטען דרעהט זיך די וועלט; א ו מ ג ע ה ע ר ט דרעהט זי זיך.

און זיי זיך נאָר מודה! עס האָט תמיד פּאַסירט זעהר ווע־ניג, ווען דיין ליאַרעם און רויך האָבען זיך פאַרפלויגען. און וואָס איז דאָרטען ווען א שטאָדט איז געוואָרען א מומיע און א בילד־זייל ליעגט אין קויט!

און אָט דאָס וואָרט זאָג איך צו די אומשטירצלער פון בילד־זיילען. עס איז זיכער די גרעסטע נאַרישקייט צו וואַרפען זאַלץ אין ים און בילד־זיילען אין דעם קויט.

אין דעם שלאָס פון אייער פּאַראַכטונג איז די בילד־זייל גע־לעגען: אָבער דאָס איז גראָד איהר געזעץ, אַז פון דער פאַראַכ־טונג זאָל פאַר איהר ווידער אַרויסוואַקסען לעבען און לעבעדיגע שעהנקייט!

מיט געטליכע שטריכען שטעהט זי ווידער אויף, ליידענד־פּאַרפּיהרעריש; און באמת! זי וועט אייך נאָך זאָגען אַ דאַנק פאַר דעם אומשטורץ, איהר אומשטירצלער!

אָבער אַט די עצה גיעב איך די מלכים און די קירכען און אַלעמען, וואָס זיינען געוואָרען שוואַך פון עלטער און שוואַך אין טוגענד — לאָזט אייך נאָר אומשטירצען! כדי איהר זאָלט ווידער קומען צום לעבען און די טוגענד — צו אייך! — "

אזוי־אַ האָב איך גערעדט פאַר דעם פייער־הונט: איז ער מיט אַ בייזער אַריינגעפאַלען אין די רייד און האָט געפרעגט: „קירכע? וואָס איז עס דען אַזוינס?"

„קירכע, האָב איך געענטפערט, דאָס איז אַ מין שטאַאַט, און דערצו נאָך דער פאַר'שקרן'טסטער. נאָר שוויינ שטיל, דו צבוע'־קישער הונט! דו קענסט געוויס בעסער פאַר אַלעמען דעם איי־גענעם מין!

פונקט ווי דו גופא איז דער שטאַאַט אַ צבוע'קישער הונט; פונקט ווי דו רעדט ער גערן מיט רויך און געברום, — כדי ער זאָל מאַכען גלויבען, ווי דו, אַז ער רעדט אויס דעם בויך פון די זאַכען.

ווייל ער וויל דורכאויס זיין די וויכטיגסטע באַשעפענים אויף דער ערד, דער שטאַאַט; און מען גלויבט איהם דאָס." —

ווען איך האָב דאָס געזאָגט, האָט דער פייער־הונט זיך געבער־מען ווארפען, ווי משוגע פון קנאה. „וואָס? האָט ער געשריען, די וויכטיגסטע באַשעפּעניש אויף דער ערד? און דאָס גלויבט מען איהם?"

און אַזוי פיעל דאַמף און שרעקליכע שטימען זיינען אַרויס פון זיין האַלז, אַז איך האָב געמיינט, ער וועט דערשטיקט ווערען פון ערגערניש און קנאה.

לסוף איז ער שטילער געוואָרען און זיין קייכען איז געוואָרען שוואַכער. אָבער ווי נאָר ער איז געוואָרען שטיל, האָב איך צו איהם געזאָגט מיט א געלעכטער:

„דו ערגערסט זיך, פייער־הונט: הייסט עס, אַז בנוגע דיר בין איך גערעכט!

און כדי איך זאָל נאָך בלייבען גערעכט, איז — הער וועגען אַן אַנדער פייער־הונט: יענער רעדט ווירקליך אויס דעם הארצען פון דער ערד.

גאָלד עטעמט זיין אָטעם און גאָלדיגען רעגען: אַזוי איז דער באַגעהר פון זיין הארצען. וואָס זיינען פאַר איהם אַש און רויך און הייסע שפייעכץ!

לאַכען פלאַטערט ארוים פון איהם, ווי א פיעל־פאַרביגער וואָל־קען; אומווערדיג איז איהם דיין גאָרגלען און שפייען און דער גרימען פון דיינע אינגעווייד!

גאָלד און לאַכען — דאָס נעמט ער אָבער אויס דעם הארצען פון דער ערד: ווייל — ווייסען דארפסטו: ד אָ ס ה א ר ץ פ ו ן ד ע ר ע ר ד א י ז פ ו ן ג אָ ל ד.“

אַז דער פייער־הונט האָט דאָס דערהערט, האָט ער מעהר ניט געקאָנט אויסהאַלטען, ניט געקאָנט מעהר מיך אויסהערען. פאַר־שעמט האָט ער אונטערגעבויגען זיין עק, האָט געזאָגט מיט א פאַר־שטיקטער שטים: האַו! האַו! און איז אַוועקגעקראָכען אין זיין הויהל. —

אַזוי האָט זאראַטוסטרא דערצעהלט. זיינע תלמידים אָבער האָבען קוים איהם צוגעהערט: אַזוי גרוים איז געווען זייער תשוקה, ער זאָל זיי דערצעהלען וועגען די שיפס־לייט, די קראָליקעס און דעם פליהענדען מאַן.

„וואָס זאָל איך האַלטען דערפון! האָט זאראַטוסטרא געזאָגט. בין איך דען א געשפענסט?

נאָר — דאָס איז הפנים געווען מיין שאָטען. איהר האָט דאָך מסתמא שוין עפּעס געהערט וועגען דעם וואַנדערער און זיין שאָ־טען?

זיכער אָבער איז איינס: איך מוז איהם שטרענגער האַלטען אין צוים, — אז ניט פאַרדאַרבט ער מיר מיין גוטען נאָמען."

און נאָך אַ מאָל האָט זאַראַטוסטרא אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און האָט זיך געוואונדערט. „וואָס זאָל איך האַלטען דערפון!" האָט ער נאָך אַ מאָל געזאָגט.

„פאַרוואָס האָט דער געשפּענסט געשריען: 'עס איז צייט! עס איז די העכסטע צייט!'

די העכסטע צייט — צו וואָס דען? —"
אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטרא.

*　　*
*

דער וואָהרזאָגער

„—און איך האָב געזעהען, ווי אַ גרויסע טרויעריגקייט קומט איבער די מענשען. פאַר די בעסטע מענשען איז נמאס געוואָרען זייער ווערק.

אַ תורה האָט זיך געלאָזט הערען, אַ גלויבען איז געלאָפען לעבען איהר: „אַלץ איז ליידיג, אַלץ איז אַלץ־איינס, אַלץ איז געווען!"

און פון אַלע בערגלעך האָט זיך געטראָגען דער ווידער־קלאַנג: „אַלץ איז ליידיג, אַלץ איז אַלץ־איינס, אַלץ איז געווען!"

יע, מיר האָבען אריינגעבראַכט אונזערע פּירות. אָבער פאַרוואָס זיינען זיי אַלע געוואָרען צופוילט און ברוין? וואָס איז אין דער לעצטער נאַכט אַראָפּגעפאַלען פון דער בייזער לבנה?

אומזיסט איז געווען די גאַנצע ארבייט, גיפט איז אונזער ווייןגעוואָרען, אַ בייזער בליק האָט געל פאַר'שרפה'ט אונזערע פעלדער און הערצער.

טרוקען זיינען מיר אַלע געוואָרען, און פאַלט פייער אויף אונז, ווערען מיר צושטויבט ווי אש: אפילו דאָס פייער גופא האָבען מיר מיעד געמאַכט.

אַלע ברונענס זיינען אונז אויסגעטריקענט, אויף דער ים האָט

זיך אָפּגערוקט צוריק. יעדער גרונט וויל אויפרייסען, אָבער די טיעף וויל ניט שלינגען!

„אַך, וואו נעמט מען נאָך אַ ים, אין וועלכען מען זאָל זיך קאָנען דערטרינקען": אַזוי טוט ארומקלינגען אונזער קלאָג איבער די פלאַכע זומפּען.

„באמת, מיר זיינען שוין צו מאַט צום שטאַרבען; איז — זיינען מיר נאָך וואַך און לעבען ווייטער — אין קברים!" —

אזוי האָט זאַראַטוסטראַ געהערט, ווי אַ וואָהרזאָגער האָט גערעדט. און זיין נבואה האָט געריהרט זיין הארץ און האָט איהם פאַרענדערט. טרויעריג איז ער אומגעגאַנגען און מיעד; און ער איז געוואָרען פּונקט ווי יענע, וואָס וועגען זיי האָט גערעדט דער וואָהרזאָגער.

באמת, האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים, נאָך אַ קליינע ווייל — און עס קומט דער לאַנגער בין־השמשות. אַך, ווי זאָל איך אריבער־רעטען מיין ליכט־שיין!

אז ער זאָל מיר ניט דערשטיקט ווערען אין אָט דער טרויעריג־קייט! ער דאַרף דאָך זיין אַ ליכט־שיין פאַר די ווייטערע וועלטען און די נאָך ווייטערע נעכט!

אויף אַזאַ'ן אופן איז זאַראַטוסטראַ ארומגעגאַנגען, פאַר־דאגה'ט אין זיין הארצען; און דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט ער זיך ניט צוגעריהרט צו שפּייז און געטראַנק, האָט קיין רוה ניט געהאַט און האָט דעם לשון פאַרלאָרען. צום סוף האָט פּאַסירט, אז ער איז אריינגעפאַלען אין אַ טיעפען שלאָף. זיינע תלמידים אָבער זיינען געזעסען ארום איהם, געוואַכט לאַנגע נעכט, און געוואַכט אין זאָרג, ווען וועט ער וואַך ווערען און ווידער רעדען און זיך אויסהיילען פון זיין שווער געמיט.

און דאָס זיינען די רייד, וועלכע זאַראַטוסטראַ האָט גערעדט, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף: זיין שטים אָבער איז דערגאַנגען צו זיינע תלמידים ווי פון אַ ווייטער ווייט:

„הערט דאָך דעם חלום, וואָס מיר האָט גע'חלום'ט, איהר פריינד, און העלפט מיר טרעפען זיין זין!

א רעטענים איז ער פאר מיר נאך, דער חלום; זיין זין ליעגט פארבארגען אין איהם און איז געפאנגען אין איהם, און פליהט נאך ניט אום ארום איהם מיט פרייע פליגלען.

איך האב מיך אפגעזאגט פון דעם גאנצען לעבען, אזוי האט מיר גע'חלום'ט. א נאכט־שומר און א קברים־היטער בין איך געווארען, דארטען אויף דער בארג־פעסטונג פון טויט.

דארטען אויבען האב איך געהיט זיינע טרונעס. די דומפע געוועלבען זיינען געשטאנען פול מיט אזעלכע צייכענס פון טריאומף. אויס די גלעזערנע טרונעס האט געקוקט אויף מיר א פארגוואל־טיגטער לעבען.

דעם גערוך פון פארשטויבטע אייביגקייטען האב איך גע־עטעמט: שטיקענד היים און פארשטויבט איז געלעגען מיין נשמה, און ווער וואלט דארטען געקאנט לופטערן זיין נשמה!

די העלקייט פון האלבער נאכט איז תמיד געווען ארום מיר, איינזאמקייט איז געזעסען אין דרייען געדרעהט לעבען איהר; און די דריטע, די כארכלענדיגע טויט־שטילקייט, די ערגסטע פון מיינע פריינדינען.

שליסלען האב איך געהאט ביי זיך, די פארזשאווערטסטע פון אלע שליסלען; און איך האב געוואוסט, ווי צו עפענען מיט זיי די סקריפענדסטע פון אלע טויערען.

ווי א ביטער־בייזער קרעכץ איז דער טאן געלאפען דורך די לאנגע גאנגען, ווען די פליגלען פון די טויערען פלעגען זיך עפענען: מיט בייזער האט געשריען יענער פויגעל, ניט געוואלט האט ער, מען זאל איהם וועקען.

אבער נאך מאוים'דיגער און הארץ־באקלעהמענדער איז עס געווען ווען עס האט ווידער געשוויגען און ארום איז געווארען שטיל, און איך בין געזעסען אליין אין אט דעם בייז־טראכטענדען שוויגען.

אזוי איז זיך געגאנגען און האט זיך געדוקט די צייט, אויב עס איז נאך געוועזען אזא זאך, ווי צייט: וואס ווייס איך דער־פון! לסוף אבער האט פאסירט דאס, וואס האט מיך אויפגע־וועקט.

דריי מאָל האָבען קלעפּ געקלאַפּט אין דער טיר, ווי דונערען.
דריי מאָל האָבען די געוועלבען געענטפערט מיט א קלאַנגענדען ווי־דער־קול: בין איך צו דער טיר געגאַנגען.

אַלפּא! האָב איך אויסגערופען, ווער טראָגט זיין אש אויפ׳ן בארג? אַלפּא! אַלפּא! ווער טראָגט זיין אש אויפ׳ן בארג?

און איך האָב געדריקט דעם שליסעל און געשלעפּט די טיר און האָב מיך געמאַטערט, אָבער זי האָט זיך ניט געעפענט א פינגער די ברייט.

דאָ האָט א ברויזענדער ווינט פאַנאַנדערגעריסען איהרע פליגלען: פייפענדיג, גרילצענדיג, שניידענדיג האָט ער מיר צוגעוואָרפען א שווארצע טרונע:

און אין ברויזען און פייפען און גרילצען האָט די טרונע געפלאַצט און האָט ארויסגעשפּיגען א טויזענטפאַלטיגען געלעכטער!

און טויזענטער פּרצופים פון קינדער, מלאכים, נאַכט־אוילען, לצנים און שמעטערלינגען די גרויס, ווי א קינד, האָבען געלאַכט און גע׳חוזק׳ט און געברויזט ארום מיר.

מורא׳דיג האָב איך מיך דערשראָקען דערפאַר: עס האָט מיך אנידערגעוואָרפען. און איך האָב געשריען פון אימה, ווי איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געשריען.

אָבער מיין אייגענער געשריי האָט מיך אויפגעוועקט: — און איך בין געקומען צו זיך —"

אזוי האָט זאראַטוסטרא זיין חלום דערצעהלט און האָט דערנאָך געשוויגען: מחמת ער האָט נאָך ניט געוואוסט דעם באשייד פון דעם חלום. אָבער דער תלמיד, וועמען ער האָט מעהר פאַר אַלעמען געליעבט, האָט זיך שנעל אויפגעהויבען, האָט גענומען זאַראַטוסטרא׳ס האַנט און האָט געזאָגט:

דיין לעבען גופא באשיידט אונז דעם חלום, אָ זאראַטוסטרא! ביסטו ניט אַליין דער ווינט מיט דעם גרילצענדען פייפען, וואָס רייסט אויף די טויערען אין די פעסטונגען פון דעם טויט?

ביסטו דען ניט גופא די טרונע פול מיט דעם לעבענס פיעלפאַרביגע בייזקייטען און מלאכים׳שע קאַריקאַטורען?

באמת, ווי א טויזענט־פאלטיגער קינד־געלעכטער קומט זאראַ־טוסטראַ אין אַלע קברים־הייזלעך, לאַכענדיג פון אַט די נאַכט־שומרים און קברים־היטער און פון אַלע אנדערע, וואָס גראַגערן מיט פינסטערע שליסלען.

דערשרעקען און אנידערוואַרפען וועסטו זיי מיט דיין געלעכ־טער; זייער חלש'ען און וואַך־ווערען וועט דיין מאַכט איבער זיי באַווייזען. און אויך יעמאָלט, ווען עס וועט קומען דער לאַנגער בין־השמשות און די טויט־מידקייט, וועסטו ניט פארגעהן פון אונ־זער הימעל, דו מליץ־יושר פון דעם לעבען!

נייע שטערען האָסטו אונז געלאָזען זעהען און נייע פּרעכטיג־קייטען פון דער נאַכט; באמת, דעם לאַכען גופא האָסטו אויפגע־שפּאַנט ווי א פּיל־פארביגען געצעלט איבער אונז.

איצטער וועט תמיד א קינדער־לאַכען ארויסקוואַלען פון די טרונעס; איצטער וועט תמיד קומען א טריאומפירענד שטאַרקער ווינט אויף דער גאַנצער טויט־מידקייט: אויף דערויף ביסטו גופא אונז די ערבות און דער וואָהרזאָגער!

באמת, **זיי גופא האָסטו גע'חלום'ט**, דיינע פיינד: דאָס איז דיין שווערסטער חלום געווען!

אָבער — אַקוראַט ווי דו ביסט אויפגעוואַכט געוואָרען פון זיי און ביסט געקומען צו זיך, אזוי זאָלען זיי אויפוואַכען פון זיך גופא — און קומען צו דיר!" —

אזוי האָט גערעדט דער תלמיד; און אַלע אנדערע האָבען זיך געשטופּט אַרום זאראַטוסטראַ און האָבען איהם גענומען פאַר די הענט און האָבען איהם געוואָלט איינריידען, ער זאָל ארויס פון בעט און פון זיין טרויעריגקייט און זיך אומקעהרען צו זיי. זאַ־ראַטוסטראַ אָבער איז געזעסען אויף זיין געלעגער אויפגעשטרעקט און מיט א פרעמדען בליק. פּונקט ווי איינער וואָס האָט זיך אומגע־קעהרט פון א לאַנגער פרעמד, האָט ער געקוקט אויף זיינע תלמידים, געפּאָרשט זייערע פּנים'ער און האָט זיי נאָך ניט דערקענט. אָבער ווען זיי האָבען איהם אויפגעהויבען און אויף די פיס אוועקגע־שטעלט, ערשט, מיט איין מאָל האָט זיך אומגעביטען זיין אויג;

ער האָט פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט זיך אַ גלעט געטאָן די באָרד און האָט געזאָגט מיט אַ שטאַרקער שטים:

„זאָל זיין! נאָר — דאָס וועט נאָך קומען מיט דער צייט; זעהט אָבער, מיינע תלמידים, מיר זאָלען האָבען אַ גוטע מאָהלצייט, און שוין באַלד! אַזוי־אַ וויל איך נעמען אַ תשובה אויף זיך פאַר די שלעכטע חלומות!

דער וואָהרזאָגער אָבער זאָל ביי מיין זייט עסען און טרינקען: און בנאמנות, איך וועל איהם נאָך באַווייזען אַ ים, אין וועלכען ער קאָן זיך דערטרינקען!"

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ. דערנאָך האָט ער לאַנג אַריינגעבליקט אין דעם פּנים פון דעם תּלמיד, וואָס האָט דעם חלום פּותר געווען, און האָט דערביי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

*　　*
*

די גאולה

אַז זאַראַטוסטראַ איז אַמאָל געגאַנגען איבער דער גרויסער בריק, האָבען איהם אַרומגערינגעלט קריפּעלס און בעטלערס און איינער אַ הויקער האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

„זעה נאָר, זאַראַטוסטראַ! אויך דאָס פאָלק לערנט פון דיר און געווינט גלויבען אין דיין לערנונג: אָבער כדי ער זאָל דיר גלויבען גאַנץ, דאַרף מען האָבען נאָך איין זאַך — דו מוזט נאָך ערשט אונז, קריפּעלס, איבעררעדען! דאָ האָסטו איצטער אַ שעהנעם אויסקלייב און באמת אַ געלעגענהייט מיט מעהר איידער איין צאָפּ! בלינדע קאָנסטו היילען און לאָהמע מאַכען לויפענדיג; און ביי דעם וואָס האָט צופיעל אהינטער זיך, וואָלסטו געקאָנט אַ ביסעל אַוועקנעמען:—דאָס, מיין איך, וואָלט געווען דער ריכטיגער אופן, ווי אַזוי צו מאַכען, אַז קריפּעלס זאָלען גלויבען אין זאַראַ־טוסטראַ!"

זאַראַטוסטראַ אָבער האָט דעם, וואָס האָט דאָס גערעדט, גע־ענטפערט אַזוי צו זאָגען: ווען מען נעמט אַוועק ביי דעם הויקער

זיין הויקער, נעמט מען ביי איהם אוועק זיין גייסט — אזוי לערנט דאָס פאָלק. און ווען מען גיט צוריק דעם בלינדען זיינע אויגען, זעהט ער צופיעל שלעכטע זאכען אויף דער ערד: אזוי, אז ער פארשילט דעם, וואָס האָט איהם געהיילט. און דער, וואָס מאַכט דעם לאָהמען לויפענדיג, דער טוט איהם אָן דעם גרעסטען שאָדען: ווייל ווי נאָר ער קען לויפען, אזוי צוזאָגען זיך מיט איהם זיינע לאסטערס — אזוי לערנט דאָס פאָלק וועגען די פארהויקערטע. און פאר וואָס זאָל זאראטוסטרא ניט לערנען אויך פונ'ם פאָלק, וויבאלד דאָס פאָלק לערנט פון זאראטוסטרא'ן?

דאָס איז אָבער נאָך א קלייניגקייט, ווען איך זעה, זינט איך בין צווישען מענשען: „אָט דעם פעהלט אָן אויג און יענעם אָן אויער און א דריטען א פוס און עס זיינען דאָ אנדערע, וואָס האָבען פארלאָרען די צונג אָדער די נאָז אָדער דעם קאָפּ“.

איך זעה און האָב געזעהען נאָך ערגערע זאכען און אָפטמאָל אזעלכע חלשות'דיגע, אז ניט וועגען איטליכער זאך וואָלט איך געוואָלט ריידען און וועגען אייניגע וואָלט איך אפילו ניט געוואָלט שווייגען: איך האָב דאָ אין זין מענשען, ועמען עס פעהלט אַל'דאָס־דינג, א־חוץ וואָס איין זאך האָבען זיי צופיעל—מענשען, וואָס זיינען ניט קיין אנדער זאך, ווי א גרויסע אויג אָדער א גרויסער מויל אָדער א גרויסער בויך אָדער עפּעס אָן אנדער זאך, א גרויסע, — איבערגעקערטע קריפּעלס רוף איך אָן אזעלכע מענשען.

און אז איך בין געקומען פון מיין איינזאמקייט און בין צום ערשטען מאָל איבער אָט דער בריק געגאנגען, האָב איך מיינע אויגען ניט געגלויבט. איך האָב געקוקט און געקוקט און לסוף האָב איך געזאָגט: „דאָס איז אָן אויער! אָן אויער, די גרויס ווי א מענש!“ איך האָב מיך בעסער צוגעקוקט, און כך הוה: אונטער דעם אויער האָט זיך באוועגט נאָך עפּעס, וואָס איז געווען נעבעכ־דיג קליין און אָרעם און פארשמאכט. און בנאמנות, דער אומגע־הויערער אויער איז געזעסען אויף א קליינעם דינעם ריטעלע און דאָס ריטעלע איז געווען א מענש! דער וואָס וואָלט א גרויס־גלאָז גענומען צום אויג, וואָלט אפילו געקאָנט דערקענען א קליין פנים'ל

פול קנאה און אויך אן אויפגעבלאָזענע נשמה'לע האָט זיך גע־באַמבעלט אויף דעם ריטעל. דאָס פאָלק האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז דער גרויסער אויער איז ניט נאָר אַ מענש, נייערט אַ גרויסער מענש, אַ זשעני. אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט דעם פאָלק, ווען עס האָט גערעדט וועגן גרויסע מענשען און בין ביי מיין גלויבען געבליבען, אַז דאָס איז אַן איבערגעקערטער קריפּעל, וואָס האָט פון אַלע זאַכען צו ווייניג און פון איין זאַך צו פיעל."

ווען זאַראַטוסטראַ האָט אַזוי גערעדט צו דעם הויקער און צו אַלע יענע, פאַר וועלכע יענער איז געוועזען דער מויל און דער מליץ־יושר, האָט ער זיך געווענדט צו זיינע תלמידים אין טיעפען אומעט און האָט געזאָגט:

„באמת, מיינע פריינד, איך געה אום צווישען די מענשען, ווי צווישען שערבלעך און איברים פון מענשען!

דאָס איז פאַר מיין אויג דאָס שרעקליכע, וואָס איך געפין, ווי דער מענש איז צעבראָכען אויף שטיקער און צושטרויט ווי איבער אַ שלאַכט־פעלד אָדער אַ קייל־פעלד.

און ווען מיין אויג פליהט פון דעם „איצטער" צו דעם „אמאָל": געפינט עס תמיד די אייגענע זאַך: שערבלעך און איברים און שרעק־ליכע סבות — אָבער ניט קיין מענשען!

דער „איצטער" און דער „אמאָל" אויף דער ערד — אַך! מיינע פריינד — דאָס איז מיין ניט אויסצוהאַלטענדער צער; און איך וואָלט ניט געקאָנט בלייבען לעבען, ווען איך וואָלט דערצו ניט געוועזען קיין נביא, קיין זעהער פון דעם, וואָס עס מוז קומען.

אַ זעהער, אַ וועלענדער, אַ שאַפענדער, אַליין אַ צוקונפט און אַ בריק צו דער צוקונפט און, אַך, דערצו נאָך כמעט ווי אַ הויקער אויף יענער בריק: דאָס אַלץ אין איינעם איז זאַראַטוסטראַ.

און אויך איהר האָט אָפט געפרעגט: „ווער איז פאַר אונז זאַראַטוסטראַ? ווי זאָלען מיר איהם רופען?" און פונקט אַזוי ווי איך האָט איהר זיך געענטפערט מיט פראַגען.

איז ער אַ צוזאָגענדער? אָדער דער וואָס איז מקיים זיין צו־

זאַג? אַן איינגעהמענדער? אָדער אַ יורש? אַ שניט־צייט? אָדער אַן אַקער־פּלוג? אַ רופא? אָדער אַן אויסגעהיילטער?

איז ער אַ דיכטער? אָדער אַ וואָהרהאַפטיגער? אַ באַפרייער? אָדער אַ באַצווינגער? אַ גוטער? אָדער אַ שלעכטער?

איך געה ארום צווישען מענשען ווי צווישען שערבלעך פון דער צוקונפט: פון יענער צוקונפט, וואָס איך באַטראַכט.

און עס איז מיין גאַנצער דיכטען און טראַכטען, איך זאָל דאָס אין איינעם צונויפדיכטען און צונויפטראָגען, וואָס עס איז שערבעל און רעטעניש און שרעקליכע סבה.

און ווי וואָלט איך געקאָנט אויסהאַלטען, אַ מענש צו זיין, ווען דער מענש וואָלט ניט געווען אויך אַ דיכטער און רעטעניש־טרע־פער און דער אויסלייזער פון דעם צופאַל!

דאָס פאַרגאַנגענע אויסצולייזען און איטליך „עס איז געווען“ אומצושאַפען אין אַן „אַזוי האָב איך עס געוואָלט!“ — אָט דאָס ערשט קאָן איך אָנרופען די גאולה!

ווילען — אַזוי איז דער נאָמען פון דעם באַפרייער און פריידברענגער: דאָס האָב איך געלערנט, מיינע פריינד! אָבער איצטער לערנט נאָך דאָס דערצו: דער ווילען גופא איז נאָך אַ געפאַנגענער.

וועלען בעפרייט: אָבער ווי רופט מען דאָס, וואָס שמידט אין קייטען אפילו דעם בעפרייער גופא?

„עס איז געווען“ אַזוי רופט זיך דעם ווילען׳ס צייהן־קריצעניס און איינזאַמער צער. אָהנמעכטיג בנוגע אַלץ, וואָס עס איז געטאָן געוואָרען — איז ער אַ בייזער צוקוקער צו אַלץ, וואָס איז פאַרגאַנגען.

דער ווילען קאָן ניט וועלען אויף צוריק; וואָס ער קאָן ניט ברעכען די צייט און דעם באַגעהר פון דער צייט. — אָט דאָס איז דעם ווילענס איינזאַמער צער.

וועלען באַפרייט. וואָס טראַכט אויס דאָס וועלען גופא, כדי ער זאָל פּטור ווערען פון זיין צער און זאָל לאַכען פון זיין תפיסה?

אַך, אַ נאַר ווערט יעדער געפאַנגענער! נאַריש לייזט זיך אויס אויך דער געפאַנגענער ווילען.

וואָס די צייט לויפט ניט צוריק, — דאָס איז זיין גרים־צאָרן ; „דאָס, וואָס עס איז געווען“ — אזוי רופט זיך דער שטיין, וועלכען ער קאָן ניט אוועק קייקלען.

איז — קייקעלט ער שטיינער פון גרים־צאָרן און שוואַר־געמיט, און נעמט נקמה פון דעם, וואָס פיהלט ניט אזוי ווי ער דעם צאָרן און דעם שוואַר־געמיט.

אזוי־אָ איז דער ווילען, דער בעפרייער, געוואָרען א וועהד־טועד : און פון אַלץ, וואָס קאָן ליידען, נעמט ער נקמה דערפאַר וואָס ער קאָן ניט אויף צוריק.

אָט דאָס, יע, אָט דאָס אַליין איז די נקמה אין זיך גופא : דעם ווילענס ווידערווילען צו דער צייט און איהר „עס איז געווען“.

באמת, א גרויסע נאַרישקייט וואוינט אין אונזער ווילען ; און עס איז געוואָרען א קללה אויף אַלץ, וואָס איז מענשליך, וואָס אָט די נאַרישקייט האָט זיך אויסגעלערנט צו זיין גייסט !

דער גייסט פון נקמה : מיינע פריינד, דאָס איז ביז אַהער געווען דעם מענשענס בעסטער איבערטראַכט ; און וואו עס איז ליידען געווען, דאָרטען האָט תמיד געזאָלט זיין שטראָף.

„שטראָף“, אזוי האָט די נקמה זיך אַליין א נאָמען געגעבען : מיט א שקר־וואָרט שווינדעלט זי זיך צבוע׳קיש אוים א ריינעם געוויסען.

און ווייל אין דעם וועלענדען גופא איז ליידען, מחמת דעם, וואָס ער קאָן ניט וועלען אויף צוריק, דעריבער האָט דאָס וועלען גופא און דאָס גאַנצע לעבען געזאָלט זיין — א שטראָף !

און אזוי ארום האָט זיך גענומען ארויפקייקלען א וואָלקען אויף א וואָלקען איבער דעם גייסט : ביז די משוגעת האָט לסוף געפּריידיגט : „אַלץ פאַרגעהט, דעריבער איז אַלץ ווערט, עס זאָל פאַרגעהן“ !

„און דאָס איז דער יושר אַליין, יענעם געזעץ פון דער צייט, זי זאָל מוזען פרעסען איהרע אייגענע קינדער“ : אזוי־אָ האָט גע־פּרעדיגט די משוגעת.

„מאָראַליש זיינען די זאכען איינגעאָרדנעט לויט רעכט און

שטראָף. אָ, וואו איז די אויסלייזונג פון דעם שטראָם פון די זאַכען און פון דער שטראָף, דער „זיין"? אזוי האָט געפּרעדיגט די משוגעת.

„קאָן דען זיין אויסלייזונג, ווען עס איז דאָ איין אייביג רעכט? אַך, ניט אוועק צו קייקלען איז דער שטיין „עס איז געווען": אייביג מוזען אויך זיין אַלע שטראָפען!" אזוי האָט געפּרעדיגט די משוגעת.

„קיין טהאט קאָן ניט ווערען צו־נישט־געמאכט. ווי קאָן זי ווערען ניט־געטאָן דורך דער שטראָף! דאָס, אָט דאָס איז דאָס אייביגע אין דעם „זיין" פון דער שטראָף, וואָס דאָס „זיין" מוז אייביג ווידער־אַ־מאָל זיין — טהאט און שולד!

„סיידען דער ווילען זאָל סוף־כל־סוף זיך אַליין אויסלייזען און דאָס ווילען זאָל ווערען אַ ניט־ווילען — ":

נאַר — איהר, מיינע ברידער, קענט דאָך אָט דאָס פאבעל־ליעד פון דער משוגעת.

איך האָב אייך אוועקגעפיהרט פון אָט די אויסגעטראכטע ליעדער, ווען איך האָב אייך געלערנט: „דער ווילען איז אַ שאַפענדער".

איטליך „עס איז געווען" איז אַ שערבעל, אַ רעטעניש, אַ שרעקליכע סבה — ביז דער שאַפענדער ווילען זאָגט דערויף: „אָבער אזוי האָב איך עס געוואָלט."

ביז דער שאַפענדער ווילען זאָגט דערויף: „אָבער אזוי וויל איך דאָס! אזוי וועל איך דאָס ווערען!"

אָבער — האָט ער שוין גערעדט אזוי? און ווען פאַסירט אזוינס? האָט דער ווילען זיך שוין אויסגעשפּאַנט פון זיין אייגענער נאַרישקייט?

איז דער ווילען שוין געוואָרען זיין אייגענער גואל און פרייד־ברענגער? האָט ער פאַרגעסען דעם גייסט פון נקמה און אַל' די צייהן־קריצעניש?

און ווער האָט איהם געלערנט די אויס־איינונג מיט דער צייט און נאָך אַ העכערע זאַך איידער יעדע אויס־איינונג?

נאָך אַ העכערע זאַך איידער יעדע אויסאיינונג מוז דער ווי־

לען וועלען, וואָס איז אַ ווילען צו מאַכט — : אָבער ווי קומט דאָס בײַ איהם פאָר? ווער האָט איהם געלערנט אויך דאָס וועלען אויף צוריק?

אָבער, בײַ אָט דער שטעל פון זיין רעדע האָט פּאַסירט, אַז זאַראַטוסטראַ האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און האָט אין גאַנצען אויסגעזעהן, ווי איינער, וואָס איז בעפאַלען פון דער שרעקליכס־טער אימה. מיט דערשראָקענע אויגען האָט ער געקוקט אויף זיינע תלמידים; זיין אויג האָט ווי מיט פיילען דורכגעלעכערט זייערע געדאַנקען און הינטער־געדאַנקען. אָבער אין אַ קליינער ווײַלע אַרום האָט ער שוין ווידער געלאַכט און האָט געזאָגט אַ בארוהיג־טער:

„עס איז שווער מיט מענשען צו לעבען, ווייל שווייגען איז אַזוי שווער, בפרט פאַר אַ פּלאַפּלער." —

אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ. דער הויקער אָבער האָט צוגעהערט צו דעם געשפּרעך און האָט דערבײַ פאַרדעקט זיין פּנים; אַז ער האָט אָבער דערהערט, ווי זאַראַטוסטראַ לאַכט, האָט ער אַרויפגעקוקט נייגעריג און האָט אַ זאָג געטאָן פּאַמעליך:

„אָבער פאַרוואָס רעדט זאַראַטוסטראַ אַנדערס צו אונז, איידער צו זיינע תלמידים?"

זאַראַטוסטראַ האָט געענטפערט: „וואָס איז דאָ דער חדוש! מיט הויקערס מעג מען דאָך ריידען הויקעריש!"

„גוט, האָט דער הויקער געזאָגט; און פאַר חדר־איינגלעך מעג מען אויסזאָגען פון חדר.

אָבער פאַרוואָס רעדט זאַראַטוסטראַ אַנדערס צו זיינע חדר־איינגלעך — איידער צו זיך אַליין?" —

* *
*

מענשען־קלוגשאַפט

ניט די הויך: דער באַרג־ריס איז שרעקליך!

דער באַרג־ריס, וואו דער בליק שטירצט אַראָפּצו און די האַנט גרייפט אַרויף־צו. דעם האַרצען הויבט אָן צו שווינדלען פון זיין טאָפּעלען ווילען.

אָך, פריינד מיינע, טרעפט איהר ריכטיג אויף פון מיין האַר־צען דעם טאָפּעלען ווילען?

דאָס, אָט דאָס איז מיין באַרג־ריס און מיין געפאַהר, וואָס מיין בליק שטירצט אין דער הויך און מיין האַנט וויל זיך שטיצען און אָנהאַלטען אָן — דער טיעף!

אָן דעם מענשען קלאַמערט זיך אָן מיין ווילען, מיט קייטען בינד איך מיך צו צו דעם מענשען, ווייל עס רייסט מיך אַרויף צו דעם אויבער־מענשען: ווייל אַהינצו וויל מיין אַנדער ווילען.

און צ ו ל י ע ב ד ע ם לעב איך בלינד צווישען די מענ־שען; פּונקט ווי איך וואָלט זיי ניט געקענט: כדי מיין האַנט זאָל ניט פאַרלירען אין גאַנצען איהר גלויבען אין אַ פעסטקייט.

איך קען אייך ניט, מענשען: אָט דער חושך און אָט די טרויסט איז אויסגעשפּרייט אַרום מיר.

איך זיץ אויף דעם טויער־וועג פאַר יעדען רמאַי און פרעג: ווער וויל מיך אָבנאַרען?

דאָס איז מיין ערסטע קלוגשאַפט, וואָס איך לאָז מיך אָב־נאַרען, כדי ניט צו דאַרפען זיך היטען פאַר רמאים.

אָך, ווען איך וואָלט געדאַרפט זיך היטען פאַר מענשען: ווי וואָלט יעמאָלט דער מענש געקאָנט זיין דער אַנקער פון מיין באַ־לאָן! צו גרינג וואָלט דאָס מיך אַ ריס געטאָן אַרויפצו און אַוועק!

אָט דאָס איז די השגחה איבער מיין גורל, וואָס איך מוז זיין אָהן פאַרזיכט.

און ווער עס וויל ניט פאַרשמאַכט ווערען צווישען מענשען, מוז

זיך אויסלערנען צו טרינקען פון אלע גלעזער; און ווער עס וויל בלייבען ריין צווישען מענשען, מוז פארשטעהן, ווי זיך צו וואשען אויך מיט שמוציגע וואסער.

און אזוי האָב איך אָפט געזאָגט צו זיך אין טרויסט: „נו־מילא! ניט געזאָרגט, דו אַלטע הארץ! אַן אומגליק האָט זיך דיר ניט איינגעגעבען: האָב הנאה דערפון ווי פון דיין — גליק!"

און אָט דאָס איז מיין אנדער מענשען־קלוגשאפט: איך שאָנעווע די כבוד־זיכטיגע מעהר איידער די שטאָלצע.

איז ניט די פארוואונדעטע קליין־כבוד־זוכט די מוטער פון אַלע טרויער־שפּיעלען? דאָרטען אָבער, וואו דער שטאָלץ ווערט פאַר־וואונדעט, וואקסט ארויס נאָך עפּעס א בעסערע זאַך איידער דער שטאָלץ.

כדי דאָס לעבען זאָל זיין גוט צום צוקוקען מוז זיין שפּיעל גוט געשפּיעלט ווערען: דערצו דאַרף מען אָבער האָבען גוטע אקטיאָרען.

גוטע אקטיאָרען זיינען אָבער די כבוד־זיכטיגע: זיי שפּיעלען און ווילען, מען זאָל מיט חשק אויף זיי קוקען, זייער גאַנצער גייסט איז אריינגעטאָן אין אָט דעם ווילען.

זיי טוען אויפפיהרען זיך אליין; זיי טראַכטען אוים זיך אליין; אין זייער שכנות האָב איך האָלט צוצוקוקען זיך צום לעבען, דאָס היילט פון שווער־געמיט.

דעריבער שאָנעווע איך די כבוד־זיכטיגע, ווייל זיי זיינען מיר די דאָקטוירים פאר מיין שווער געמיט, און האלט מיך פעסט אָן דעם מענשען, ווי אָן א שוי־שפּיעל.

און דערצו: ווער קאָן ביי דעם כבוד־זיכטיגען אויסמעסטען די גאַנצע טיעף פון זיין אַניוועס! איך בין גוט צו איהם און האָב מיטלייד מיט זיין אַניוועס.

זיין גלויבען אין זיך וויל ער לערנען פון אייך: ער ווערט געשפּייזט מיט אייערע בליקען, ער פרעסט די שבחים פון אייערע הענט.

ער גלויבט אייך אייער ליגען, אויב איהר ליגט צו גוטען

וועגנען איהם, ווייל אין דער טיעפסטער טיעף זיפצט זיין הארץ:
„וואס בין איך!“

און אויב דאס איז די ריכטיגע טוגענד, וואס ווייס ניט פון זיך אליין, איז — אט: דער כבוד־זיכטיגער ווייס ניט פון זיין אניוועס! —

דאס איז אבער מיין דריטע מענשען־קלוגשאפט, וואס איך לאז מיר ניט פארדארבען דעם אנבליק פון די רשעים דורך אייער פחדנות.

איך בין גליקליך צו זעהן די וואונדער, וואס די הייסע זון בריהט אויס: טיגערען און פאלמען און קלאפער־שלאנגען.

אויך צווישען מענשען איז פאראן א שעהנע אויסגעבורט פון דער הייסער זון און פיעל איז באוואונדערונג־ווערט אין דער רשעות.

ס'איז אפילו אמת, ווי אייערע קלוגשאפענסטע קומען מיר אויס ניט גאר אזוי קלוגשאפען: אזוי האב איך אויך די רשעות פון מענשען געפונען, אז זי שטעהט נידעריגער פאר איהר קליינגענדען שם.

און אפט האב איך מיט קאפ־שאקלען געפרעגט: צו וואס נאך קלאפערן, איהר קלאפער־שלאנגען?

באמת, אויך די רשעות האט נאך איהר צוקונפט! און דער הייסעסטער דרום איז נאך ניט אנטדעקט געווארען פאר דעם מענשען.

ווי פיעל זאכען רופט מען שוין איצטער די ערגסטע רשעות וואס זיינען נאר צוועלף שיך ברייט און דריי חדשים לאנג! אמאל אבער וועלען קומען אויף דער וועלט גרעסערע דראכען.

ווייל כדי דעם אויבער־מענש זאל ניט פעהלען זיין דראך, דער אויבער־דראך, וואס פאסט פאר איהם, דערצו מוז א סך הייסע זון גליהען אויף דעם פייכטען אור־וואלד!

פון אייערע ווילדע קעץ מוזען ערשט ווערען טיגערען און פון אייערע גיפט־פראשען קראקאדילען: ווייל דער גוטער יעגער זאל א גוט געיעג האבען!

אין באמת, איהר גוטע און גערעכטע! ס׳איז אין אייך דאָ אַ סך, פון וואָס צו לאַכען, און דערהויפּט אייער מורא פאַר דעם, וואָס מען האָט ביז אַהער גערופען „טייוועל“!

אזוי פרעמד זייט איהר אין אייער נשמה צו דעם, וואָס איז גרויס, אז דער אויבער־מענש וועט אייך אימה׳דיג זיין אין זיין גוטסקייט!

און איהר, קלוגשאפענע און וויסענדע, איהר וועט אנטלויפען פון דעם זון־בראַנד פון יענער קלוגשאפענקייט, אין וועלכער דער אויבער־מענש וועט זיך מיט חשק באָדען, אַ נאַקעטער.

איהר העכסטע מענשען, וואָס מיין אויג באַגעגענט! אַט דאָס איז מיין ספק אין אייך און מיין פאַרבאָרגענער לאַכען: איך בין מיר משער, איהר וועט מיין אויבער־מענש רופען „טייוועל“.

אַך, די העכסטע און בעסטע זיינען מיר נמאס געוואָרען; פון זייער „הויך“ האָט זיך מיר געוואָלט ארויף, ארויס, אוועק צו דעם אויבער־מענש.

אַ פּחד איז אויף מיר געפאַלען, אז איך האָב דערזעהען אַט די בעסטע נאַקעטערהייט: יעמאָלט זיינען ביי מיר די פליגלען אויסגעוואַקסען, אוועקצושוועבען אין די ווייטע צוקונפטען.

אין ווייטערע צוקונפטען, אין אַ מעהר דרום׳דיגען דרום איי־דער אַ קינסטלער האָט ווען געקאָנט טרוימען: אַהין, וואו געטער שעמען זיך ניט צו געהן אָנגעטאָן.

אָבער א י י ך, איהר נאָהענטסטע און מיטמענשען, וויל איך זעהן פאַרקליידט, און גוט־געפּוצט און כבוד־זיכטיג, און חשוב׳דיג, ווי „די גוטע און גערעכטע“, —

און פאַרקליידט וועל איך אַליין זיצען צווישען אייך, — כדי איך זאָל האָבען אַ טעות אין אייך און אין מיר: מחמת דאָס איז מיין לעצטע מענשען־קלוגשאַפט.

אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ.

* *
*

די שטילסטע שעה

וואָס איז מיט מיר געשעהען, מיינע פריינד? איהר זעהט מיך פאַר'דאגה'ט, ארומגעטריבען, אומווילינ־פאָלגענדיג, אָנגעגרייט צו געהן — אַך, אוועקצוגעהן פון אייך!

יע, נאָך אַ מאָל מוז זאַראַטוסטראַ אוועק אין זיין איינזאַמקייט: אָבער אָהן חשק געהט דאָס מאָל דער בער צוריק אין זיין הויהל.

וואָס איז מיר געשעהען! ווער באַפעהלט דאָס? — אַך, מיין צאָרענדיגע האַררין וויל דאָס, זי האָט גערעדט צו מיר; האָב איך אייך שוין אַ מאָל אָנגערופען איהר נאָמען?

נעכטען אַרום אָוועגט האָט צו מיר גערעדט מ י י ן ש ט י ל ס ט ע ש ע ה: דאָס איז דער נאָמען פון מיין שרעקליכער האַררין.

און אזוי איז עס געשעהן, — ווייל איך מוז אייך אַלץ דערצעהלען, כדי אייער הארץ זאָל ניט האַרט ווערען צו דעם, וואָס שיידט זיך פּלוצלונג פאַנאַנדער מיט אייך.

ווייסט איהר דעם שרעק פון דעם וואָס ווערט אנטשלאָפען?

ביז אין די פוס־פינגער אַריין ווערט ער דערשראָקען דערפון, וואָס דער באָדען אַנטלויפט און דער חלום הויבט זיך אָן.

דאָס זאָג איך אייך אין אַ משל. נעכטען אין דער שטילסטער שעה איז מיר דער באָדען אַנטלאָפען: דער חלום האָט זיך אָנגעהויבען.

דער ווייזער האָט זיך גערוקט, דער זייגער פון מיין לעבען האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, — נאָך קיינמאָל האָב איך אַזא שטילקייט ניט געהערט אַרום זיך: אזוי אז מיין הארץ האָט זיך דערשראָקען.

דערנאָך האָט ע סגערעדט אָהן אַ שטים צו מיר: „ד ו ו ו י י ס ט ד אָ ס, ז אַ ר אַ ט ו ס ט ר אַ?“

און איך האָב, ביי אַט דעם מורמעל א געשריי געטאָן פאַר שרעק און דאָס בלוט איז פארשוואונדען פון מיין פּנים: אָבער איך האָב געשוויגען.

האָט יעמאָלט עס נאָך א מאָל גערעדט צו מיר אָהן א שטים: „דו ווייסט דאָס, זאראַטוסטרא, אָבער דו זאָגסט דאָס ניט ארויס!“

האָב איך דערויף געענטפערט, ווי א פאַר'עקשן'טער: „יע, איך ווייס דאָס, אָבער איך וויל דאָס ניט ארויסזאָגען!“

האָט עס ווידער גערעדט אָהן א שטים צו מיר: „דו ו ו י ל ס ט נ י ט, זאראַטוסטרא? איז דאָס אמת? פארשטעק דיך ניט אין דיין עקשנות!“

און איך האָב געוויינט און האָב געציטערט, ווי א קינד, און האָב געזאָגט: „אָך, איך וואָלט שוין געוואָלט, אָבער ווי קאָן איך עס! נעם אראָפּ פון מיר נאָר דאָס! עס איז איבער מיינע כחות!“

האָט עס ווידער צו מיר גערעדט אָהן א שטים: „וואָס איז מיט דיר, זאראַטוסטרא! זאָג ארויס דיין וואָרט און ווער צו־בראָכען!“ —

און איך האָב געענטפערט: „אָך, איז דאָס מ י י ן וואָרט? ווער בין א י ך? איך וואַרט אויף דעם חשוב'ערען; איך בין ניט ווערט אפילו, צובראָכען צו ווערען צוליעב איהם“.

האָט עס ווידער גערעדט אָהן א שטים צו מיר: וואָס איז מיט דיר? דו ביסט מיר נאָך ניט אניוועסדיג גענוג. די אניוועס האָט די הארטסטע פעל.“ —

און איך האָב געענטפערט: „וואָס האָט שוין ניט אריבער־געטראָגען די פעל פון מיין אניוועס! איך וואוין ביי דעם פוס פון מיין הויך: ווי הויך זיינען מיינע בארג־שפּיצען? קיינער האָט דאָס מיר נאָך ניט געזאָגט. אָבער גוט קען איך מיינע טאָלען“.

האָט עס ווידער גערעדט אָהן א שטים צו מיר: אָ, זאראַטוס־טרא, ווער עס דאַרף אריבערפיהרען בערג, דער פיהרט אויך אריבער טאָלען און נידערונגען.“ —

און איך האָב געענטפערט: „מיין וואָרט האָט נאָך ניט אריי־בערגעפיהרט קיין בערג, און וואָס איך האָב גערעדט, האָט נאָך ניט דערגרייכט צו די מענשען. יע, איך בין געגאַנגען צו די מענשען, אָבער איך בין נאָך ניט געקומען צו זיי."

האָט עס ווידער גערעדט אָהן א שטים צו מיר: „וואָס ווייסטו ד ע ר פ ו ן? דער טוי פאַלט אויף די גראָז, ווען די נאַכט האָלט אין דעם טיעפסטען שווייגען." —

און איך האָב געענטפערט: „זיי האָבען מיך פארשפאָט, ווען איך האָב מיין אייגענעם וועג געפונען און בין איהם געגאַנגען; און אין דער אמת'ן האָבען מיר יעמאָלט געציטערט מיינע פיס.

און אזוי האָבען זיי גערעדט צו מיר: דו האָסט פארגעסען דעם וועג, איצטער האָסטו אויך פארגעסען, ווי צו געהן!

האָט עס ווידער גערעדט צו מיר אָהן א שטים: „וואָס איז דען זייער שפּאָט! ביסטו אזא, וואָס האָט פארגעסען, ווי צו פאָלגען — איז דאַרפסטו הייסען!

ווייסטו דען ניט, ווער איז אַלעמען דער נויטיגסטער? דער וואָס באפעהלט גרויסעס.

גרויסע זאכען דורכצופיהרען איז שווער: אָבער נאָך שווערער איז גרויסע זאכען צו באַפעהלען.

דאָס איז, וואָס מען טאָר דיר ניט מוחל זיין: דו האָסט די מאַכט און דו ווילסט ניט הערשען". —

און איך האָב געענטפערט: „צו באַפעהלען פעהלט מיר די שטים פון א לייב".

האָט עס ווידער גערעדט, ווי בלחש צו מיר: „די שטילסטע ווערטער זיינען דאָס, וואָס ברענגען דעם שטורעם. געדאַנקען, וואָס קומען אויף טויבען־פיס, פיהרען די וועלט.

אָ זאראַטוסטרא, דו זאָלסט געהן ווי א שאָטען פון דעם וואָס מוז קומען: אזוי וועסטו באַפעהלען, און באַפעהלענדיג געהן פאָר־אויס". —

און איך האָב געענטפערט: „איך שעם זיך".

האָט עס ווידער גערעדט אַהן אַ שטים צו מיר: „דו מוזט נאָך ווערען אַ קינד און אָהן בושה.

דער שטאָלץ פון דער יוגענד איז נאָך אויף דיר, שפּעט ביסטו יונג געוואָרען: אָבער ווער עס וויל ווערען אַ קינד, מוז נאָך אויף זיין יוגענד גובר־זיין.“ —

און איך האָב אַ לאַנגע צייט געטראַכט און געציטערט. לסוף אָבער האָב איך געזאָגט, וואָס איך האָב געזאָגט אין אָנהויב: „איך וויל ניט.“

דאָ האָט פּאַסירט אַ לאַכען ארום מיר. וועה, ווי אַט דער לאַכען האָט מיר די איינגעווייד צוריסען און דאָס האַרץ אויפגע־שניטען.

און עס האָט צום לעצטען מאָל גערעדט צו מיר: „אָ, זאַראַ־טוסטרא, דיינע פּירות זיינען צייטיג, אָבער דו ביסט ניט צייטיג פאַר דיינע פּירות!

איז — מוזטו ווידער אוועק אין די איינזאַמקייט: ווייל דו דאַרפסט נאָך ווערען צייטיג און ווייך.“

און עס האָט ווידער געלאַכט און איז אַנטרונען. יעמאָלט איז שטיל געוואָרען ארום מיר מיט אַ צווייפאַכער שטילקייט. איך אָבער בין געלעגען אויף דעם באָדען, און דער שווייס איז געפלאָסען פון מיינע גליעדער.

— אַט האָט איהר אַלץ אויסגעהערט, און פאַרוואָס איך מוז צוריק אוועקגעהן אין מיין איינזאַמקייט. קיין זאַך האָב איך ניט פאַרשוויגען פון אייך, מיינע פריינד.

אָבער אויך דאָס האָט איהר געהערט פון מיר, ווער עס איז תמיד דער פאַרשוויגענדסטער פון אַלע מענשען—און וויל דאָס זיין!

אַך, מיינע פריינד! איך וואָלט געהאַט נאָך עפּעס צו זאָגען אייך, איך וואָלט געהאַט נאָך עפּעס צו געבען אייך! פאַר וואָס גיב איך ניט? בין איך דען אַ קמצן?“ —

ווען אָבער זאַראַטוסטרא האָט אַרויסגערעדט אַט די ווערטער, האָט איהם די מאַכט פון דעם שמאַרץ און דער נאָהענטער צושיידען־

זיך מיט זיינע פריינד בעפאלען אזוי, אז ער האט געוויינט אויפ'ן קול; און קיינער האט איהם ניט געקאנט טרויסטען. ביי נאכט אבער איז ער אוועקגעגאנגען אליין און האט פארלאזען זיינע פריינד.

* *
*